NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13116

AN INDZL IN STEP

O. Perovskaya

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אָ. פּערעָווסקע און ג. זאמטשאַלאָוו

אַן אינדזל אין סטעפּ

קינדער־פֿאַרלאַג פֿון אַ. ס. ר.

א. פעראָווסקע און ג. זאַמטשאַלאָוו

פאָלקס ביבליאָטעק
משה אראנער
ניו-יארק

אַן אינדזל אין סטעפּ

יידיש — י. ט.

קינדער־פאַרלאַג פון או. ס. ס. ר.
כאַרקאָוו 1935 אָדעס

Printed in Soviet Union

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטער — אי. גרינזייד
טעכנישער פירער — קאָוואַלענקאָ
קאָרעקטער — ל. הילער

די געשיכטע פונ איינער א נאכט

I

קרר... קרר... קוואק... קוואק—זינגענ אפ דער שווארצער ערד די פרעש.

דער שניי איז צעגאנגענ. אומעטומ—א קלעפּיקע פּוכקע בלאָטע, אונ פאר די פרעש איז עס א לעבעדיקע וועלט. פונ אלע זייטנ הערט מענ זייערע קלינגענדיקע הויכע טרעלנ, אונ אמאָל צעלאָזט זיכ א גאנצער כאָר, א גאנצער אָרקעסטער.

פונעמ שווארצנ הימל איז אראָפּגעפאלנ א קליינ פייערדיק שטערנדל. סאמע איבער דער ערד, אינ די גרויסע שווארצע געשטרויכנ (קוסטעס) האָט עס זיכ אזויווי צעטיילט אפ צוויייענ. פונעמ שטערנדל זיינענ געבוירנ געוואָרנ צוויי פּיצינקע פייערלעכ. די פייערלעכ האָבנ זיכ אָפּגעטיילט פונ די געשטרויכנ אונ זיינענ אוועקגעשווומענ צומ טונקעלנ פארשלאָפענעמ הויז.

פלוצימ האָבנ זיי א ציטער געטאָנ אונ אָנגעהויבנ ריידנ מיט א געווייגלעכער מענטשישער שטימ. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס זיינענ גאָרניט קיינ שטערנדלעכ, נאָר גאָר פּאָשעטע פּאפּיראָסנ צווישנ די ציינ בא צוויי מענטשנ.

איינ פּאפּיראָס שפּרינגט זייער הויכ. דאָס איז עפּעס איינער א דארער, א לאנגער, מיט א באס. ער שלעפּט פּאמעלעכ ארויס פונ בלאָטע די פיס אונ מארשירט אזוי, ווי אינ זיבנמייליקע שטיוול.

דאָס צווייטע פײַערל איז אפּ א גאנצנ ארשינ נידעריקער. ס׳איז זייער א פלינקס, א לעבעדיקס. ס׳שפרינגט איבער די קאליעזשקעס אונ בלײַבט שטיינ אפּ איינ פוס, אויסקלײַבנדיק, ווו צו שטעלנ דעמ צווייטנ.

— נו, וואָס,—דער שווארצער איז בעסער? זי האָט אָנגעהויבנ עסנ?— פרעגט דער קליינינקער אונ שפרינגט ווײַטער.

— איצט איז שוינ בישקאָשע. אלצ איז אינ אָרדענונג, פאווועל פעדאָטיטש,—ענטפערט דער באס. ער מאכט א גיגאנטישנ טראָט אונ שטעלט זיכ גלײַכ אפנ טראָטואַר.—מיר האָבנ זי פארמאכט אינ א באזונדער הויפל, האָבנ איר געגעבנ היי, א פרישנ אונטערבעט. אינ צענ מינוט ארומ, מיר גיבנ א קוק—זי האָט זיכ א ריר געטאָנ, זיכ אופגעהויבנ, אונ—ווי גאָרניט. וויפל זיי קאָנענ עס אריבערטראָגנ! וואָס זאָגט איר, פאווועל פעדאָטיטש?

— אינ א געשלעג יאָ, דאָ קאָנענ זיי אסאכ אריבערטראָגנ. אָבער אינ אנדערע פאלנ... ווי נאָר אופגעגעסנ עפּעס צוגעלעגערטס, אָדער פוילס— אונ שוינ, פארטיק.

— יאָ, דאָס איז עמעס. לאנג קראנק זײַנ, דאָס פירט זיכ בא זיי, אפּאָנעמ, ניט. ווערסטו שוינ קראנק, אָפּגעשוואכט, איז פייגער! אפּ אנ עמעס, ווילדע!

— נו, אונ יענעמ כוליגאנ, מיטקענ, האָט איר באטראכט? עפּשער איז ער אויכ צעמאזיקט, ווי די שווארצע?

— נו, יאָ. ער האָט, קאָנטיק, אויכ גענוג ארײַנגעכאפּט. די גאנצע זײַט איז אינ בלוט געווענ. אָבער אימ ווערסטו דענ כאפּנ, פאווועל פעדאָטיטש? ווי א רוער זאָל אינ אימ זיצנ! ווענ מיר האָבנ פארמאכט די שווארצע, האָט ער זיכ אלצ געסטארעט דורכרוקנ די הערנער אונ דערלאנגענ זי דורכ דער נעצ. ביזנ סאמע אָוונט האָט ער זיכ ארומגעדרייט ארומ הויפל. אונ ווי נאָר דו מאכסט א טריט צו אימ,—פליט ער גלײַכ אוועק אפּ א ווערסט.

— אָט א מאזעק! נו, איכ גיי, אווגוסט איוואנאָוויטש. אכ, ווילט זיכ, דעמ עמעס זאָגנדיק, א קײַ טאָנ. איר ווייסט, ווענ איכ גיב [illegible] טראכט

וועגן א הייסן קאָטלעט אָדער וועגן א גלאָז מילך, איז רינט בא מיר די סלינע, ווי בא א הונט.

— ווי דען, איר זײַט דאָך ניט געגאַנגען עסן מיטעק. שוין איינמאָל א טאָג היינט, אוואדע א העלפט ארבעטער זיינען געבליבן אָן מיטעק.

דער קליינינקער מענטש האָט א דריק געטאָן די האַנט דעם לאַנגן און זיך אופגעהויבן אפן גאַנעק פונעם טונקעלן הויז. שטיל, ווי א גאַנעוו, האָט ער זיך גענומען פאַרן הענטל פון דער טיר און האָט זי שוין געוואָלט עפענען. אָבער דאָ האָט אים פונהינטן א רוף געטאָן א פריילעכע שטים:

— פּאוועל פעדאָטיטש, מאזלטאָוו אײַך! — די בובאלעכע האָט זיך אָפּגעקעלבט.

— וואָס רעדט איר, נו, בעשאָלעם? וועג איז עס פאָרגעקומען? דער קליינינקער איז געזונט?

— נאָרזוואָס. אלץ איז אין אָרדענונג. איך בין געלאָפן צום וועטערינאַר, און ער, ווײַזט זיך ארויס, איז אָפּגעפאָרן קיין סאראַי. ער וועט דאָרט נעכטיקן. בין איך גלײַך אוועק צו אײַך. לאָמיך — טראַכט איך — אָנזאָגן די בסורע.

— ווער זשע איז אינעם אנטילאָפּניק?

— מיקאָלע; דער באָכער, וואָס מע האָט מיר נעכטן צוגעשיקט אלס געהילף.

— דער נײַינקער? ע, סאשקאָ, אַזוי טויג ניט. ווי זשע לאָזטו עס איבער אין אזא מינוט דעם אנטילאָפּניק אפּ א ניטדערפאַרענעם ארבעטער? האָסט באַדאַרפט אים שיקן, און אליינ... ניט גוט, איך האָב עס פון דיר ניט דערוואַרט.

— אָבער איך האָב דאָך...

— גיי גלײַך אינעם אנטילאָפּניק, אין א פּאָר מינוט ארום וועל איך אויך קומען. איך וועל נאָר ארײַנגיין כאָטש א שטיקל ברויט איבערכאַפּן און זאָגן, מע זאָל זיך ניט באומרויִקן. און עפּשער, ווייסט וואָס... סאשקאָ!..

— איך בין דאָ, פּאַוועל פּעדאָטיטש,—האָט שוין סאַשקאָ פון די גע־שטרויכן זיך אָנגערופן.

— וואַרט צו, איך גיי אויך. זאָל שוין זײַן, איך וועל שפּעטער עסן.

II

עס האָט ווידער אַ בלישטשע געטאָן דאָס פײַערל אויפן עק פונעם פּאַפּיראָס, ווידעראַמאָל האָט דאָס קליינע פלינקע מענטשעלע אָנגעהויבן טאַנצן דורך דער בלאָטע. ווען ער איז אַרויס אויפן וועג, האָט ער אָנגע־הויבן טרעטן אַזוי האַסטיק, אַז סאַשקאָ האָט קוים באַוויזן באַכצויאָגן אים, כאָטש ער איז געווען אַסאַך העכער פון אים.

— איר האָט זיך ניט וואָס צו באַאומרויִקן, פּאַוועל פּעדאָטיטש, איך האָב דאָך אים אַלץ דערקלערט. איך האָב אים אויך געזאָגט, ער זאָל אויף קיין שפּאַן ניט אָפּגיין פון דער בובאַלעכע.

— אַהאַ, האָסט אים טאַקע דערקלערט? נו, גוט. אָט וועלן מיר באַלד זען.

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דורכן פּאַרק, אַרויס פון דער פּאָרטקע און צוגעגאַנגען צום אַנטילאָפּניק. בײַ דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ באָכער און געררייכערט אַ ציגאַר.

— פאַרוואָס ביסטו ניט בײַם געשטאַל?

— איך בין נאָרוואָס אָפּגעגאַנגען. עס ווילט זיך אויסרויכערן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער?—האָט מיט כּעס געפרעגט פּאַוועל פּעדאָטיטש,—ווי געפינסטו זיך עס, אויף דער גאַס, צי אויף דער אַרבעט?

פּאַוועל פּעדאָטיטשס גראָבע, גיך שײַנע ליפּן האָבן זיך פעסט צונויפ־געדריקט. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ער איז שטאַרק אין כּעס, אָבער גע־רעדט האָט ער שטיל, און ווי ער זאָל זײַן אַבסאָליוט רויִק. מע דאַרף ווײַזן אַ בײַשפּיל. אינעם אַנטילאָפּניק איז שטרענג פאַרווערט צו טומלען, לויפן, אַפילו מאַכן מיט די הענט, אַניט, קאָנען זיך די זעלטענע טײַערע אַנטילאָפּעס דערשרעקן און אין שרעק קאָנען זיי זיך אויף טויט אַ קלאַפּ טאָן אָן די ווענט.

עלף אזייגער הערט אוף צו ארבעטן די עלעקטראָ־סטאַנציע, און באַנאכט ווערט דער אנטילאָפּניק באַלויכטן מיט קעראָסין־לאַמטערנס. אינעם גאַנצן לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר זיינען געהאַנגען פיר אזעלכע לאַמטערנס. פון זיי איז געפאלן א טונקעלע שייַן אפּן לאָקאַל פאַר די כאַיעס — אַפּ די „געשטאַלן". דאָס זיינען ניט קיין גרויסע צימערן פון ברעטער, אָפּגעטיילטע פונעם קאָרידאָר דורך אײַזערנע גראַטעס־טירן. אין איצטיקן מאָמענט האָבן זיך אין די געשטאַלן געפונען בלויז די אנטילאָפּעס, וועלכע עס איז נאָך פריי געווען ארויסצולאָזן אין סטעפּ, אָדער וואָס האָבן זיך באַדארפט אָפּקעלבן.

פּאַוועל פעדאָטיטש האָט זיך גיך געלאָזט גיין לענגויס דעם קאָרידאָר. די צוויי שלאַנקע אנטילאָפּעס־נילהאַו האָבן זיך אופגעהויבן פונעם אונטערבעט און האָבן ארויסגעצויגן צו אים די שייניקע מאָרדעטשקעס. די פּרעכטיקע, שיינע סאַמעטענע אויגן זייערע האָבן כוצפּעדיק געפּאָדערט עסן, כאָטש זיי זיינען געווען זאַט איבערן האַלדז, און אין די שפּײַז־קאַסטנס איז נאָך געבליבן ניטדערעסן היי. די קליינע שרעקיקע בלעסבאָק האָט זיך א וואָרף געטאָן צום ווײַטן ווינקל. די דינפיסיקע דזשײַראַנעס האָבן געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און זיך צוגעפּרעסט צו דער וואַנט. דער וואַסער־בּוהײַ קאָבוס האָט א פּערקע־געטאָן און מיט קאַעס א קלאַפּ געטאָן מיטן פוס. און אנטקעגן אים האָבן די אויסגעפּוצטע, רויכראָזעווע אנטילאָפּעס־בייזעס מיט דער גאַנצער קראַפט א זעץ געטאָן מיט זייערע הערנער אָן די אײַזערנע שטאַנגען פון דער טיר. אזוי זיך, גלאַט פון שטיפערײַ א זעץ געטאָן.

אָבער דערזען, צי דערשמעקט פּאַוועל פעדאָטיטשן, האָבן זיך אַלע אנטילאָפּעס טייקעף באַרויקט. אָט־אָ דער קלייניקער, אנטשלאָסענער מענטש איז זיי געווען גוט באַקענט.

ניט דערגייענדיק דרײַ געשטאַלן ביזן סאָף קאָרידאָר, האָט פּאַוועל פעדאָטיטש פאַרהאַלטן די טריט. ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיט עפּעס א באַזונדערס גומער, ליבער שטים — אזויווי א מוטער רעדט מיט א קראַנק קינד.

— אָ־אָ־אָ, אָ־אָ־אָ, נו, וואָס מאכסטו, טײַערינקע?

אינעם ווײַטב ווינקל פונעם געשטאַל איז געשטאַנעג א זאמדיק־געלע אויסגעדאַרטע אנטילאָפּע. אירע פּיס זײַנעג געווען אויסערגעוויינלעכ דינע אונ הויכע, די מאָרדע—א לאַנגע, א נארישע, אפּנ פלאכנ שטערנ האָבנ געסטאָרטשעט קורצע געגרײַזלטע הערנער. די אויגנ האָט זי אינ שרעק אויסגעגלאָצט, ווי מע זאָל זיכ קלײַבנ זי קוילענ. בא פאווועל פעדאָטיטשס יעדער באַוועגונג האָט זי ברייט צעעפנט די נאָזלעכער אונ געציטערט. עס האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז אָט־אָט וועט זי אָנהייבנ שרײַענ הויכ אונ מיט א שנײַדנדיקנ קוויטש.

— אָ־אָ, האָב ניט מוירע, נארעלע,—האָט זי בארויקט פאווועל פעדאָטיטש, אונ פאָרזיכטיק זיכ צוגערוקט צום בובאלעכל. א געלינקס אונ א לאַנגפיסיקס, ווי די מאמע, איז דאָס נאָרוואָס געבוירענע בובאלעכל געלעגנ אויסגעצויגנ אפּנ אונטערבעט.

— א געזונטינקער,—האָט פריידיק געשעפּטשעט סאשקאָ.—ווי נאָר עס איז געבוירנ געוואָרנ, האָט עס גלײַכ אָנגעהויבנ דורכבלאָזנ די נאָזלעכער.

— עפּעס ליגט עס מיר ניט גוט,—האָט אויכ שטילערהייט געענטפערט פאווועל פעדאָטיטש.—זיי דארפנ ליגנ אפּנ בויכ, אונ די פּיס ארונטערגענומענ אונטער זיכ, קעדיי צו זײַנ גרייט יעדנ אויגנבליק אָפּצושפרינגענ אונ אנטלויפנ פונעם פײַנט.

— אנו, לאָמיר גיכער א קוק טאָנ.

די בובאלעכע האָט אָנגעהויבנ כראָפּענ אונ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו דער וואנט. פאווועל פעדאָטיטש האָט זיכ סאָפּקאָלסאָפּ דערקליבנ צו די הינטערשטע פּיסלעכ פונעם בובאלעכל, האָט זיי גענומענ אינ די הענט אונ א צי געטאָנ.

דאָס בובאלעכל האָט זיכ פויל, ווי א שמאטקע, א גליטש געטאָנ איבער דער שטרוי.

— מאמעלע מײַנס,—ווי א קליינ קינד,—האָט געזאָגט סאשקאָ אונ זיכ א כאַפּ געטאָנ פארנ קאָפּ.

מע האָט דאָס בובאַלעכל ארויסגעשלעפּט אין קאָרידאָר, און די טיר אינעם געשטאל האָט מען פארמאכט מיטנ פאררוקער.

— נו, אָט זעסט, סאשקאָ?

— איכ זע, פּאווּעל פּעדאָטיטש. ווענ איכ קאָנ, גלייבט מיר, וואָלט איכ זיכ א שפּײַ געטאָנ אינ דער צורע. ס'איז קלאָר: די מוטער, א יונגע, דאָס ערשטע קעלבל, עס האָט זיכ געצויגנ צומ זויגנ, האָט זי דעמ א קלאַפּ געטאָנ. אכ, א רועכ זאָל מיכ נעמענ, דעמ נאר דעמ אָפּגעריסענעמ!

— עס הייבט זיכ גאָרניט אָנ—האָט זיכ מיקאָלע פויל ארײַנגעמישט אינ שמועס.—איכ בינ דאָכ דאָ געווענ. פּאָשעט, ס'איז געפּייגערט, און גאָר.

אָט די לאַנגזאמע, רויִקע ווערטער האָבנ א פּאטש געטאָנ פּאווּעל פּעדאָטיטשנ, ווי מיט א בײַטש. זײַנע אויגנ האָבנ זיכ אָנגעצונדנ און אפ א מינוט זיינענ זיי געוואָרנ פּונקט אזעלכע, ווי בא דער בובאַלעכע.

— צי פארשטייסטו כאָטש, וואָס פאר אונדז איז געווענ אָט דאָס קלייניקע בובאַלעכל? מיר האָבנ דאָכ—דער גאנצער קאָלעקטיוו, אלע ארבעטער און ספּעציאַליסטנ, אָפּגעגעבנ דרײַ יאָר אפ ארויסצוברענגענ אימ. דו אליינ מיט דײַנ גאנצנ אינגעווייד ביסט ניט ווערט די מי, וואָס איז אפ אימ אוועקגעגאנגענ. ביז איצט האָט נאָכ אינערגעצ ניט געטראָפנ, אז בובאַלנ, וואָס געפינענ זיכ ניט אפ דער פרײַהײַט, זאָלנ זיכ מערנ. מיר האָבנ זיכ די ערשטע דערשלאָגנ, אז די בובאַלעכע זאָל געבוירנ, און דו האָסט גענומענ און עס צונישט געמאכט מיט דײַנ ציגאר. ווענ...

פּאווּעל פּעדאָטיטש האָט האָפּעגונגלאָז א מאכ געטאָנ מיט דער האַנט און צוגעגעבנ:

— פאָר אוועק אינדערפרי אינ „ראַבאָטשקאָמ" און זאָג, אז איכ האָב דיכ אָפּגעזאָגט.

דער באָכער האָט אײַנגעשפּארט געקוקט אפ זײַנע שטיוול. סאשקאָ האָט געהאלטנ דאָס טויטע בובאַלעכל. ארומ איז געווענ זייער שטיל. פּלוצימ האָט זיכ אינ סאמע עק קאָרידאָר דערהערט א בייז רעווען.

מיקאָלע האָט א ציטער געטאָנ, האָט זיכ א רוק געטאָנ אפ צוריק אונ איבערגעקערט דעמ עמער, וואָס איז געשטאנענ הינטער אימ. דער עמער האָט זיכ מיט א גערויש א קײַקל געטאָנ איבערנ דיל.

אינ אלע געשטאלנ האָבנ אומרויִק געגנומענע אומלויפנ די „זיבנ", די „ערנ" האָבנ אָנגעהויבנ פויקנ מיט די הערנער איבער די פארצוימונגענ. עס האָט זיכ דערהערט אנ אומרויִק פערקענ אונ כראָפענ.

— נו, נו, נאָר אָנ פאניק. פּאָרזיכטיקער. שטילער. מע דארפ ניט שטעלנ דעמ עמער אונטער די פיס.

פאוועל פעדאָטיטשס רויִקע, אָפּגעמאָסטענע שטימ האָט אלעמענ גלײַכ צעשטעלט איבער די ערטער. דער באָכער האָט אופגעהויבנ דעמ עמער אונ אימ אָפּגעטראָגנ אינ עק קאָרידאָר. דאָרט איז פארנ עמער געוועג א ה[illegible]עציעלער האטשיק.

פלוצימ האָט אימ ווידעראמאָל צוגעשמידט צומ אָרט א שרעקלעכ רעווענ. מיקאָלע האָט ארײַנגעצויגנ דעמ קאָפּ אינ די פּלייצעס, א קוק געטאָנ אפ רעכטס, אונ איז אינגאנצנ פארגליווערט געוואָרנ. פונעמ פארלעצטנ געשטאל האָט זיכ צו אימ געצויגנ א גוואלדיק גרויסע באַוואָקסענע מאָרדע, א ברייטע פלאטשיקע נאָז. אנשטאָט נאָזלעכער — גרויסע קײַלעכיקע גריבער. אויגנ — כיטרע, קאָסע. איבער זיי — הערנער, אונ איבער די הערנער — א הויכע הארטהאָריקע גריווע.

די מאָרדע האָט זיכ געשפילט. זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט געשטשירעט די ציינ. פונ אירע געדערימ ארויס האָט זיכ געטראָגנ א גרויזאמ רעווענ אפ א באס.

פאוועל פעדאָטיטש מיט סאשקאָנ האָבנ באמערקט, ווי מיקאָלע האָט זיכ דערשראָקנ, אונ האָבנ געײַלט אימ צו הילפ. זיי זיינענ צוגעגאנגענ צו דער כאיע, אונ פאוועל פעדאָטיטשס באַרויִגעז פאָנעמ איז ווידעראמאָל געוואָרנ א גוטס.

— אכ, דאָס ביסטו, קאָקעטעלע? זע, סאשקאָ: מיר האָבנ זיכ געשעפּטשעט, אונ זי האָט פונדעסטוועגנ אונדז דערקענט אונ האָט אונדז גערופנ. קאָקעטע, קאָקעטעלע, אכ, דו נארעלע. נו, נו, קומ אהער.

אנטילאָפּע גנו—קאָקעטע

ער האָט דורכגערוקט די האנט דורכ די גראטעס. די כאיע האָט שפּי־לעוודיק זיכ א רײַב געטאָנ אָנ דער האנט מיטנ קאָפּ אונ האָט מיט דעמ־זעלביקנ געמאכטנ קאָל, אָבער גאָר שטיל, אָנגעהויבנ צו מרוקענ,— מ־מאמ־ממ...

— וואָס האָסטו זיכ דאָ דערשראָקנ?—האָט סאשקאָ געפרעגט מיקאָ־לענ.—דאָס איז דאָכ גנו. אנ אנטילאָפּע אזא—גנו, קאָקעטע.

— איכ האָב זי דאָכ אליינ געהאָדעוועט אונ געפּאָיעט צוואנציק מאָל, גאָר דאָ, דאָ... ס׳האָט זיכ מיר אויסגעוויזנ... שוינ זייער א שרעקלעכע איז זי, ווי א רוּעכ.

— סאשקאָ,—האָט א רופ געטאָנ פּאָוועל פּעדאָטיטש,—דו גיב אכטונג אפ קאָקעטענ. זי דארפ זיכ אָט־אָט אָפּקעלבנ.

— גוט, פּאָוועל פּעדאָטיטש. דאָס בובאלעכל האָבנ מיר, עמעס, ניט פאַרהיט. אָבער איצט, איצט וועט איר זענ. א וואָכ נאָכאנאנד וועלנ מיר ניט שלאָפנ, אָבער דאָס גנוּעלע וועט איר האָבנ א לעבעדיקס אונ א גאנצס.

— זע־זשע, סאשקאָ, מיר האָבנ דיכ געזאָלט ארויסרוקנ צומ פּרע־מירנ, אלס דעמ בעסטנ שלאָגלער. אונ איצט... איכ ווייס שוינ אליינ ניט, מע וועט דיר מוזנ דערקלערנ אנ אויסרייד.

— דערקלערט, פּאוועל פעדאָטיטש. מײַנ שולד, כ׳האָב פארדינט.

— נו, איז אָט וואָס. דאָס בובאלעכל גיט איבער אינעמ פּרעפּאריר צימער. זאָל מענ עס דאָרטנ צעשנײַדנ, באטראכטנ ווי עס באדארפ צו זײַנ אונ אָפּפאָטאָגראפירנ. דעמ שארבנ אונ דאָס פעלכל זאָל מענ לאָזנ. אונ נאָכ דער בובאלעכע קוקט נאָכ, זי זאָל עפּעס ניט אָפּטאָנ פונ אומעט.

פּאוועל פעדאָטיטש האָט א לעצטנ מאָל מיט א כמורע אויג א קוק געטאָנ אפנ בובאלעכל אונ איז ארויסגעגאנגענ.

III

אינ סאָד איז די ערד געווענ א ווייכע אונ א נאסע, די ביימער זײַנענ געשטאנענ נאקעטע; די בערגלעכ זײַנענ געלעגנ אינ די קאליעזשעס, ווי פארגליווערטע קאָטלעטנ אינ בוימל. פּאוועל פעדאָטיטש האָט אזוי שטארק געוואָלט עסנ, אז ער האָט זיכ געלאָזט א היימ לויפנדיק.

מע האָדעוועט דאָס בובאלעכל פונ א סאָסקע



פונקט אינ דעמ מאָמענט האָבנ אפ דער טאזשעלקע טרויעריק אָנגעהויבנ צו קרעכצנ די ווילדע קאטשקעס—אָגארקעס, עס האָט א טרובע געטאָנ דער שוואנ—דער שרייער. דאָס פייגל־פאָלק איז פונ עפעס אומרויִק געוואָרנ, האָט זיכ אופגעכאפט אונ אָנגעהויבנ טומלענ.

— ע, זאָל זײַנ,—האָט פאוועל פעדאָטיטש אָפגעטריבנ דעמ געדאנק.—איכ בינ דאָכ ניט פונ אײַזנ, ווענ־ניט־איז דארפ מענ דאָכ אָפרוענ אונ א קײַ טאָנ.

טרראככ... דאָרט, ווו די אלייע פארקערעוועט זיכ, איז ארויסגעשפרונגענ א מענטש־אונ האָט זיכ מיטנ גאנצנ אימפעט אָנגעשטויסנ אָנ פאוועל פעדאָטיטשנ.

— וואָס האָט געטראָפנ? ווער איז?

— פאוועל פעדאָטיטש, איכ בינ געלאָפנ צו אײַכ. נאטאליע אנדרייעוונע האָט געזאָגט, אז איר זײַט נאָכ פונ לאבאָראטאָריע ניט געקומענ. דאָרט בא אײַכ אפנ טיש שטייט דער מיטעק, טיי. ס'איז שוינ אלצ קאלט געוואָרנ. נאטאליע אנדרייעוונע איז אינקאעט—א שרעק. זי האָט זיכ שוינ געלייגט שלאָפנ אונ האָט אויכ וואריטשקענ געלייגט שלאָפנ,—איכ, זאָגט זי, בינ ניט מעכוייעו ביז פארטאָג...

— ווארט צו. צוליב וואָס זוכסטו עס מיכ?

— א זעבו'ע איז בא אונדז עפעס קראנק געוואָרנ, פאלמע.

— אָט האָסטו, איכ האָב אָבער געוווסט.

פאוועל פעדאָטיטש האָט זיכ אויסגעדרייט אונ איז ווידעראמאָל אוועקגעגאנגענ צו דער פאָרטקע. אויסמײַדנדיק דעמ אנטילאָפניק, דעמ שטרויס־שטאל אונ א גאנצע ריי הויפלעכ, פארצויגענע מיט א נעצ, איז ער צוגעגאנגענ צו א נידעריקער לאנגער געבײַדע, ווו מע האָט אופגעהאלטנ די ווילדע פערד אונ זעברעס. דידאָזיקע געבײַדע האָט מענ גערופנ דער „טאָרפאניק”. אמאָל זײַנענ געווענ פערד אזעלכע—טאָרפאנעס. אסאכ זיינענ זיי געווענ אָפ דער ערד, אונ איצט זיינענ זיי אלע אויסגעשטאָרבנ. אלס אָנדענק וועגנ דידאָזיקע פערד האָט מענ דעמ שטאל גערופנ טאָרפאניק.

גלײַך באַ דער שוועל אינעם טאָרפּאַניק איז געלעגן א ראַם מיט קלאָטשע. די קלאָטשע איז געווען נאַס. מע האָט זי אומיסטנס דורכגעזאַפּט מיט א גיפטיקער פליסיקייט, אז די מענטשן זאָלן אפּ איר אָנטרעטן און אָפּטוריטן דאָס גאַנצע אָנשטעקעכץ אפּ די שטיוול.

פּאוועל פּעדאָטיטש האָט אויסגעווישט די פּיס און איז צוגעגאַנגען צו פּאַלמעס געשטאַל. לעבן אים איז געשטאַנען דער הויכער אײַנגעהויקערטער טעכניקער פּאַנטשענקאָ.

— וואָס האָט זיך מיט איר געטראָפן?

— זי ק־ק־קאַטשעט זיך!—האָט אויסגעשאָסן פּאַנטשענקאָ.

— וואָס הייסט זי קאַטשעט זיך?

— אָט אַזוי, ק־ק־קאַטשעט זיך.

פּאַנטשענקאָ האָט האָפּעגוונגלאָז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אויסגעדרייט. ער האָט זיך שטאַרק פּאַרהיקעט, דעריבער האָט ער ניט ליב געהאַט צו ריידן און האָט אַלץ געטאָן אפּ זײַן שטייגער. מיט אים איז זייער שווער געווען צו אַרבעטן. דערפּאַר אָבער האָט קיינער אַזוי גוט ניט געקענט די פּערד און די ביקעס, ווי ער.

אין געשטאַל איז געלעגן פּאַלמע, א בײַסיקע, ווי א סאַמאָוואַר. זי האָט שווער געאָטעמט און פּון צײַט צו צײַט האָט זי זיך איבערגעדרייט פּון איין זײַט אפּ דער צווייטער. פּאוועל פּעדאָטיטש האָט זי פּאָרזיכטיק אופגעהויבן, האָט זי באַטראַכט, זי אַרומגעטאַפּט פּונעם קאָפּ ביז די פּיס. דאָס פּאָנעם איז באַ אים געוואָרן אַזוי טרויעריק, אז אפילו פּאַנטשענקאָ האָט אין פּאַרלעגנהײַט אָנגעהויבן איבערצושטעלן די פּיס און צו הוסטן.

פּאַלמע איז געווען פּאוועל פּעדאָטיטשס ליבלינג. אַכוץ דעם, איז אין איר גראָבן בויך געוואַקסן א גלענצנדיק לאָשיקל, א געמיש פּון א זעברע מיט א פּרזשעוואַלסקי־פּערד. אפּן דאָזיקן לאָשיקל האָבן געוואַרט אַלע טועַר פּונעם אינסטיטוט.

— נ־נ־נ־אַכן־מיטעק האָט זי אָנגעהויבן...

— פּאַרוואָס זשע האָט איר ניט געשיקט נאָכן דאָקטער? ער איז נאָך דעמאָלט געווען אינדערהיים.

— אי־כ־כ...

— אָ, גייט אײַך... קיין וואָרט קאָן מען זיך פון אײַך ניט דערשלאָגן.

עס זיינען צוגעגאַנגען דער אַלטער נאַריאַדטשיק נעיעלאָוו און דער קאָניוך פּעדאָרשטענקאָ.

— ווער האָט איר נעכטן געגעבן עסן?

— איך,—האָט געזאָגט דער אַלטער,—כ'האָב איר געגעבן קערנער און היי. געגעסן האָט זי ניט גערן.

— די קערנער זיינען געווען פריש? ניט קיין צוגעלעגערטע?

— ערשט נעכטן באַקומען.

— און דעם שפּײַז־קאַסטן האָסטו געריייניקט איידער דו האָסט אַרײַנגעשאָטן?

— דעם קאַסטן,—דער אַלטער האָט זיך אָנגעהויבן קנייטשן און האָט ־ ט זיכער געענטפערט:—נו, יי־ייאָ, ווי זשע... מיט מײַנע אייגענע הענט.

פּאַוועל פּעדאָטיטש האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף אים:

— אַנו, קום, מירן אַ קוק טאָן.

פריִער איז דער אַלטער געגאַנגען גיך און אַנטשלאָסן. דערנאָך זיינען זײַנע טריט געוואָרן שטילער, לאַנגזאַמער און, ענדלעך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דאָס פּאָנעם זיינס האָט אַרויסגעוויזן פאַרלוירנקייט.

— פּאַוועל פּעדאָטיטש, דעם שפּײַז־קאַסטן האָב איך טאַקע אויסגערייניקט. גלייבט מיר, אַניט זאָל איך פון אָרט זיך ניט רירן. נאָר... איך ווייס אַפילע ניט, ווי צו זאָגן אײַך... דאָרטן האָב איך אָט דעם... אַרסעניק (מישיאַק) אָפּן דעק...

— אַרסעניק? ביסט פון זינען אַראָפּ?

— ניין, דאָרטן זיינען געווען בלויז פּלעצעלעך אַזעלכע זיסע, זעקס שטיק, און אינעווייניק אין זיי איז פאַראַן אַרסעניק. איך האָב געזען, ווי דער ווירטאָפּטייל האָט געסאַמט מײַז דערמיט, און דאָ בײַ מיר זיינען פאַראַן מײַז אָן אַ שיר. זיי פרעסן דעם האָבער. איז דאָך אַ שאָד.

פאוועל פעדאָטיטש איז בלאס געוואָרן פון קאַעס:

— מע דארף דער זעבערע גלייך געבן אן אָפּפיר־מיטל. נעיעלאָוו, גרייט צו אן עמער ווארעמע וואסער. און דו לויף צו אווגוסט איוואנאָ־וויטשן און בעט בא אים א גוטע פאָרציע קאלאָמעל. זאָג, אז פאר פאל־מען. אָבער גיך, דו הערסט? אין פינף מינוט ארום זאָלסטו זיין צוריק!

מענטשן האָבן זיך א ריר געטאָן, אָנגעהויבן לויפן, עס האָט שרע־קעוודיק א קלאַפּ געטאָן די שווערע טיר. דער יונגער „ער", דאָס פרזשעוואלסקי־פערד האָט זיך אופגעהויבן און מיט קאַעס אויסגעצ־שטשירעט די ציין, ווי איינער רעדט: וואָס טראָגן זיי זיך דאָ ארום? לאָזן ניט שלאָפן!

פאנטשענקאָ איז צוגעלאָפן צו פאוועל פעדאָטיטשן און האָט אן אופ־געדעגטער אָנגעהויבן מאכן מיט די הענט:

— אי־כ־כ־כ...

— לאָזט מיך צורו, — האָט מיט פארדראָס אים איבערגעריסן פאוועל פעדאָטיטש. — ניט פלוידערן דארף מען, נאָר טאָן. פארזעען אזא זאך — דאָס איז דאָך דער רועך ווייסט וואָס. ס'איז דאָך א פארברעכן. איר זאָלט וויסן, אז ס'וועט אייך ניט דורכגיין אומזיסט, אויב פאלמע וועט שטארבן.

מע האָט געבראכט אן עמער ווארעמע וואסער, דאָס אָפּפיר־מיטל. פאוועל פעדאָטיטש האָט אליין פארמישט און עס אָפּגעטראָגן צו פאל־מען. פאנטשענקאָ האָט נאָך שטארקער אָנגעהויבן מאכן מיט די הענט און האָט פלוצלינג ארויסגעשאָסן מיט איין וואָרט:

— שוין.

— וואָס אזעלכעס? וואָס שרייט איר?

— שוין, פאראן אָפּפיר־מיטל.

— וואָס הייסט שוין פאראן? איר האָט איר שוין געגעבן?

— געגעבן, אינאָווגט. א־י־כ...

פאוועל פעדאָטיטשן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז קיין קליגערער און קיין מער שיינריידעוודיקער מענטש פון פאנטשענקאָן איז אפ דער

וועלט ניטאָ. ער האָט מיט דאנקבארקייט געדריקט אימ די האנט אונ האָט געבעטנ אנטשולדיקונג, וואָס ער האָט אפ אימ געשריגנ.

אלע זיינענ גלייַכ פריילעכ געוואָרנ. נעיעלאָוו האָט צוגענומענ דעמ עמער. פעדאָרטשענקאָ איז צוגעלאָפנ צומ שפייַז-קאסטנ, האָט אויסגעשפרייט אפנ דיל א רעדנע אונ האסטיק אָנגעהויבנ ארויסצוּוואָרפנ פונעמ קאסטנ דעמ האָבער. אינ א מינוט פינפ ארומ האָט ער אויסגעשריגנ:

— אָט זיינענ זיי. אלע זעקס שטיק גאנצע. פאלמע האָט זיכ גאָרניט אָפּגעסאמט. אָבער דער האָבער איז, עמעס, ניט קיינ פויגלדיקער.

אינ א שאָ אנדערהאלבנ ארומ איז פאלמענ געוואָרנ בעסער. זי האָט זיכ אופגעהויבנ, איז צוגעגאנגענ צומ שפייַז-קאסטנ אונ האָט מיט די ליפּנ אָנגעהויבנ אָפּצוקלייַבנ היי.

די אומרויִקע נאכט האָט געהאלטנ באמ פארענדיקנ זיכ. אינ די גע-שטאלנ האָבנ זיכ אויסגעצויגנ, אָפּגעטרייסלט אונ געפּערקעט נאָכנ שלאָפּ די באלעכאימ. אינ דערזעלביקער געבייַדע, נאָר אפ דער צווייטער זייַט האָבנ געמרוקעט די שיינע אינדישע ביקעס-באנטעיִגעס אונ די טונקל-אויגיקע זעבּרעס.

אינ איינ געשטאל האָט געקרעכצט אונ געאָכצט די רויטע קו, וואָס איז געשטאנענ צוגעבונדנ מיט א שטריקל. פאוועל פעדאָטיטש איז ארייַנ-געגאנגענ אונ האָט אראָפּגענומענ פונ איר דאָס שטריקל אונ זי צארט א גלעט געטאָנ איבערנ רוקנ. די קו האָט זיכ אוועקגעלייגט אונ אָנגעהויבנ רוישיק אָפּצואָטעמענ.

פאוועל פעדאָטיטש האָט פאריכט לעבנ איר דאָס היי אונ איז שטיל אָפּגעגאנגענ אינ א זייַט.

די קו האָט גענומענ מאכנ אָנשטרענגונגענ. דערבייַ האָט זי מיט צוטרוי געקוקט אפנ קליינעמ מענטשנ. אונ אָט האָט זיכ אפ דער וועלט באוויזנ א נייַ באשעפעניש, א קלייינקס, א שטילס אונ א נאס. די אויגע-לעכ זיינענ בא דעמ נאָכ געווענ פארמאכט, די פיסלעכ מיט די ווייַסינקע קישעלעכ אפ די טלאָעלעכ (קאָפּיטקעלעכ) זיינענ געלעגנ צונויפגעלייגט איביינעמ.

פאוועל פעדאָטיטש האָט עס אונטערגעהאלטנ מיט די הענט, די קו האָט געמאכט די לעצטע אָנשטרענגונג, און אָט ליגט שוינ אפ דער שטרוי דאָס נאָרוואָס געבוירענע קעלבל.

נעיעלאָוו האָט פאָרזיכטיק געגאָסנ אפ דעמ וואסער, פעדאָרטשענקאָ האָט דאָס איינגעריבנ און אָפּגעוואשנ דעמ די מאָרדעטשקע. דאָס קעלבל האָט געעפנט די אויגנ און האָט דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ דערזענ די שיינ. דידאָזיקע שיינ פונ די קעראָסינ־לאמטערנדלעכ האָט זיכ דעמ אויסגעוויזנ זייער העל און עס האָט פארזשמורעט די אויגנ.

מע האָט עס אריינגעלייגט אינ א קיילעכיקנ קאָרב מיט שטרוי און צוגעטראָגנ צו דער מוטער. די מוטער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ, האָט עס א לעק געטאָנ מיט איר הארטנ צונג גלייכ אינ נעזל אריינ. ערשט איצט האָט זי דערפילט, אז פאר איר געפינט זיכ איר ניי טעכטערל און זי האָט עס א רופ געטאָנ עפּעס מיט א נייעמ מוטערלעכנ מרוקענ. דאָס טעכטערל האָט זיכ אָפּגערופנ פונעמ קאָרב מיט א ניט געניטנ, גראָבנ קאָל: מ־א־א־א...

אלע האָבנ זיכ צעלאכט. נעיעלאָוו האָט גענומענ דעמ קאָרב מיטנ טעכטערל און האָט עס אוועקגעטראָגנ אינ די קעלבער־יאסלעס צו נאָכ אזעלכע ניי־געבוירענע.

IV

אפ דער גאס איז שוינ געווענ אינגאנצנ ליכטיק, די קאליעזשקעס האָבנ זיכ באדעקט מיט א דינ אייז־הייטל, און די בערגעלעכ זייגענ נאָכ מער ענלעכ געוואָרנ אפ קאלטע קאָטלעטנ אינ פארגליווערטנ בוימל.

— נו, איצט וועל איכ עס שוינ א קיי טאָנ—האָט געזאָגט פאוועל פעדאָטיטש.—א גאנצנ ביק וואָלט איכ אופגעגעסנ.

ער איז דורכגעגאנגענ לעבנ די הויפלעכ—וואָליערענ, וואָס זייגענ געווענ פארגרויזעט מיט נעצלעכ. דידאָזיקע הויפלעכ זייגענ געווענ פארייניקט מיטנ אנטילאָפּניק אפ אזא אויפנ, אז די אנטילאָפּעס האָבנ געקאָנט גלייכ פונ זייער שטאל ארויסגיינ אהערצו אפ א שפּאציר.

פונקט דאַן, ווען פּאוועל פּעדאָטיטש איז דורכגעגאַנגען, איז פונעם אַנטילאָפּניק אַרויסגעגאַנגען סאַשקאָ.

— גוט מאָרגן, פּאוועל פּעדאָטיטש. איר זײַט שוין אויפגעשטאַנען? וואָס עפּעס אַזוי פרי?

— איך האָב זיך נאָך, ברודערקע, אַפילו ניט געלייגט. פּאַלמע, דאָרט, איז קראַנק געוואָרן, דערנאָך האָט זיך די ווײַטע אָפּגעקעלבט. אָט אַזוי איז עס אַלץ ניט אויסגעקומען.

— אָט האָט איר אײַך פרילינג, פּאוועל פּעדאָטיטש. בײַ אַנדערע מענטשן איז פרילינג אַ יאָנטעוו. בלימעלעך, לופט, שפּאַצירן פאַרשיי־דענע. און בײַ אונדז, ווי נאָר עס הייבט זיך אָן פרילינג, אַזוי קומט די שווערסטע אַרבעט. איינע כאַיעס קעצלען זיך, די צווייטע שלאָגן זיך.

— דו האָסט מיר, אַגעוו, דערמאַנט: נעכטן האָבן זיך דאָ צעשלאָגן מיטקע באַלהאַו מיטן שוואַרצן „ער" פון דער פּערדאַרטיקער אַנטילאָפּע. וווהין האָט מען נאָכדעם פאַרמאַכט דעם שוואַרצן?

— אָט אַהער, אין דער וואָליערע, אין דער דריטער.

— עפּשער גייען אַ קוק טאָן, ווי פילט ער זיך דאָרטן?

— אויב איר ווילט, קומט. אָט־אָ דאָ גלײַך...

זיי זײַנען ביידע צוגעגאַנגען צום הויפל און האָבן דערזען אַ וווּנ־דערבאַר בילד:

ביידע נעכטיקע פײַנט זײַנען געלעגן איינער נעבן אַנדערן אינמיטן הויפל. ביידע זײַנען געווען שטאַרק צעמאַזיקט און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען טויטע.

— אָבער ווי אַזוי האָט ער זיך אַהערצו אַרײַנגעריסן? צי דען איז ער איבערגעשפּרונגען דאָס נעצל־פון דרײַ מעטער די הייך?

דערהערט אַ קאָל, האָט דער פּעסטער, שווערגופּיקער מיטקע זיך אַ ריס געטאָן פון דער ערד און האָט אָנגעהויבן לויפן לענגויס דעם נעצל.

— האָט ער, הייסט עס, דערהאַרגעט דעם שוואַרצן. סאַשקאָ, לויפט גלײַך נאָכן דאָקטער. ער איז שוין איצט געוויס געקומען צו פאָרן, עפּשער וועט ער נאָך באַווײַזן עפּעס טאָן.

מיטקע האָט גיכ געפונענ דאָס, וואָס ער האָט באַדארפט,—דאָס אָרט, ווו דאָס נעצל פונ דער וואָליערע איז אביסל אָפּגעשוואכט געוועג. ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפ די קני אונ איז אפנ בויכ דורכגעקראָכנ דורכ דער לאָכ. ווענ ער איז ארויס אפ דער פרײַהײַט, האָט ער שטאָלצ פאַר־וואָרפנ אפ צוריק דעמ קאָפּ אונ מיט לײַכטע שפּרונגענ איז ער אוועק אינ סטעפּ. דער שווארצער איז געבליבנ ליגנ אפנ אָרט.

עס איז געקומענ צו לויפנ סאשקאָ מיטנ וועטערינאר יאָסיפ קאספּע־

אנטילאָפּנס־שלעגערס



ריטש. דער דאָקטער איז געווענ מיד, באַדעקט מיט שטויב אונ אינקאַעס. סאַשקאָ האָט אימ, ווײַזט אויס, געפּאַקט גלײַכ אפּנ וועג אהיימ. ער האָט שווײַגנדיק זיכ באַגריסט מיט פּאַוועל פּעדאָטיטשנ. אַלע דרײַ זײַנענ אַרײַנ אינ הויפל. דער דאָקטער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל. סאַשקאָ האָט זיכ אָנגעבויגנ איבערנ שוואַרצנ. ער האָט געוואָלט אָנעמענ די גרויסע, אפּ צוריק אָפּגעוואָרפענע הערנער פונ דער אַנטילאָפּע אונ אויפ־הייבנ איר מאָרדע.

פּלוצלינג האָט זיכ די אַנטילאָפּע א הייב געטאָנ אפּ די פיס אונ מיט א שרעקלעכער קראַפט האָט זי א קלאַפּ געטאָנ סאַשקאָנ אינ זײַט. סאַשקאָ איז אָפּגעפלויגנ צו דער וואַנט. דער שוואַרצער האָט אָנגעבויגנ די הערנער אונ האָט זיכ ווידעראַמאָל א לאָז געטאָנ צו אימ. די נאָז־לעכער האָבנ זיכ בא אימ ברייט צענומענ, די אויגנ האָבנ דראָענדיק געברענט.

פּאַוועל פּעדאָטיטש—מיטנ דאָקטער האָבנ זיכ א וואָרפּ געטאָנ צו הילפ. מיט גרויס מי האָבנ זיי אָפּגעטריבנ די ווילדגעוואָרענע כאַיע. סאַשקאָ איז געלעגנ אינ אָנמאַכט. די לעדערנע קורטקע זײַנע איז געווענ צעשניטנ, ווי מיט א מעסער, אונ דאָס ווײַסע העמד אינ דעמ אָרט איז רויט געוואָרנ. עס איז געקומענ דער לאַנגער אווגוסט איוואַנאָוויטש, עס זײַנענ געקומענ פאַנטשענקאָ אונ אַנדערע מיטאַרבעטער. סאַשקאָנ האָט מענ אָפּגעשיקט אינ לאַזאַרעט אַרײַנ. די שוואַרצע אַנטילאָפּע האָט מענ אַרײַנגעטריבנ אינעמ געשטאַל, אונ דער דאָקטער האָט זיכ גענומענ אויס־שמירנ איר די וווּנדנ מיט יאָד.

— אונ איר, פּאַוועל פּעדאָטיטש, ווײַזט זיכ אויס, זײַנט טאַקע ניט געווענ אינדערהיימ?—האָט געפרעגט אווגוסט איוואַנאָוויטש.—מע טאָר דאָכ ניט אַזוי, פּאַוועל פּעדאָטיטש.

— יאָ, יאָ, כ׳וועל גיינ. אַגעוו, וויפל האַלט דער זייגער?

— זיבנ. באַלד וועט זײַנ דער פײַפ. אונ אינ א שאָ אַרומ וועט זיכ שוינ אָנהייבנ די אַרבעט אינ דער לאַבאָראַטאָריע. אָט האָט איר אײַכ דעמ אָפּרו, פּאַוועל פּעדאָטיטש.

אלע האָבנ זיכ געלאָזט צומ ארויסגאנג גלײַכ נאָכנ קלײנינקנ מענטשנ. אונ ער, ווענ ער איז אָפּגעגאנגענ אביסל, האָט ער שטילערהייט, ווי א ייִנגל, וואָס האָט אָנגעשטיפט, געזאָגט אווגוסט איוואנאָוויטשנ:

— אכ, וועל איכ עס ארײַנכאפּנ איצט. נעכטנ איז דאָכ געווענ וואָריטשקעס געבורטס־טאָג. איכ האָב צוגעזאָגט קומענ אהיימ פריִער. אונ דאָ, נא דיר... איר ווייסט וואָס: איכ וועל בעסער גייִנ גלײַכ אינ לאבאָראטאָריִע. צווישנ מענטשנ, אויב אפילע איכ וועל ארײַנכאפּנ, איז פונדעסטוועגנ ניט אזוי, ווי אינדערהיימ.

דער נאטשאלניק אונ זײַנ געהילפ האָבנ א קוק געטאָנ אײנער דעמ אנדערנ אינ די אויגנ אונ האָבנ זיכ כיטרע צעשמייכלט.

א האָרבאט קיעלע

I

דער קלײנינקער פּאוועל פּעדאָטיטש איז ארײַנגעגאנגענ אינעמ גרויסנ הויז. אינ די צימערנ איז נאָכ קײנער ניט געווענ. בלויז די פרײַלעכע שטראלעכלעכ פונ דער זונ האָבנ געטאנצט איבערנ דיל, איבער די טישנ אונ שטולנ. די צימערנ זײַנענ געווענ רײנינקע, צוגעקליבענע, זיי האָבנ געמאכט אנ אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטנ זאָגנ: „נו, וואָס־זשע גייט איר ניט ארבעטנ. מיר זײַנענ גרייט".

בא פּאוועל פּעדאָטיטשנ האָבנ זיכ, ווי בא דער אנטילאָפּע, ברייט צעעפנט די נאָזלעכער אונ ער האָט געלאכט:

— איַי, גוט. אונ ווענ מע דערלאנגט נאָכ אהערצו א גוטנ קאָטלעט, וואָלט איכ...

ער האָט נאָכ ניט ארויסגעזאָגט ביזנ סאָפ, וואָס ער וואָלט געטאָנ. אָבער דאָס איז געווענ, ווײַזט אויס, עפּעס א פריילעכע זאכ, ווײַל זײַנ פּאָנעמ האָט מאמעש געשײַנט.

אײנ צימער האָט געהייסנ דאָס לאבאָראטאָרישע צימער. דאָ האָט פּאוועל פּעדאָטיטש לאנג צוגעפּאסט דאָס קופּערנע טרייבל—דעמ מיקראָ־

סקאָפּ, דערנאָך האָט ער געבראַכט אַ באַנקע פּיט מליסיקייט, האָט אַרויס־באַקומען אַביסל פֿליסיקייט אַפֿן שפּיץ מעסער, זי אַראָפּגעטרייסלט אַף אַ שטיקל גלאָז און אַרונטערגעלייגט אונטערן מיקראָסקאָפּ.

טוענדיק דאָס אַלץ, האָט ער אונטער דער נאָז געזונגען דאָס באַוווסטע לידל „טזשיזשיק־פּיזשיק".

נאָר אָט האָט זיך זײַן פּנים אויסגעצויגן. דאָס לידל האָט זיך איבערגעריסן. ער האָט, ווײַזט אויס, עפּעס זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַך דערזען אַפֿן גלאָז. אין צימער איז געוואָרן שטיל־שטיל.

אַבי־סל שפּעטער האָבן אָנגעהויבן קומען צו דער אַרבעט די אָנגע־שטעלטע.

— גוט מאָרגן, פּאַוועל פּעדאָטיטש. איר זײַט שוין דאָ?

— אָ־אָ, וואָס פֿאַר אַ פֿרי פֿייגעלע איר זייַנט. גוט מאָרגן, פּאַוועל פּעדאָטיטש!

— פּאַוועל פּעדאָטיטש, מע קען דאָך מיינען, אַז איר נעכטיקט דאָ!

דער קליינינקער מענטש רײַסט זיך ניט אָפּ פֿון זײַן טרײַבל און ענט־פֿערט ערנסט:

— יאָ, יאָ, גוט מאָרגן, עמעס, עמעס—אַ פֿרי פֿייגעלע. יאָ, אַ? וואָס? ווו בין איך געווען, פֿרעגט איר?—אינעם טאָרפּאַניק. איר ווייסט, פּאַלמע האָט זיך באַנאַכט שלעכט געפֿילט.

פּלוצלינג האָבן זיך ערגעץ אין עק קאָרידאָר דערהערט פֿעסטע, דײַטלעכע טריט. פּאַוועל פּעדאָטיטש איז אויפֿגעשפּרונגען, ווי אַ האָז, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ שלאַנקע, היציקע פֿרוי.

— פּאַוועל,—האָט זי געזאָגט פֿעסט—דו ביסט דאָך ערגער פֿון אַ ערגסטן באַזער!

— איך פֿאַרשטיי, נאַטאַשעלע, אַנטשולדיק מיר, וואָס איך האָב דיך ניט געגעבן צו וויסן. דו ווייסט, נאַטאַשעלע, איניאָנים פֿאַרשיידענע, אומ־אָנגענעמלעכקייטן, עס איז געבוירן געוואָרן אַ בוב...

— געבוירן געוואָרן אַ בוב,—האָט אים איבערגעריסן נאַטאַליע אַנדריי־

וווּנע—און אַז דײַן טעכטערל האָט געפּײַערט דעם געבורטס־טאָג, דערוף שפּײַסטו. דעריקער, ער זאָל כאָטש ניט געוווּנע צוזאָגן. מיר וואָלטן ניט וואַרטן, און ס׳וואָלט קיין טרערן ניט געווען.

— זי האָט געוויינט?

— פֿאַרשטייט זיך, ס׳איז דאָך אַ פֿאַרדראָס. „מאַמע—זאָגט זי—זײַנע אַנטילאָפּעס האָט ער געוויס מער ליב, איידער מיך!"

— אָבער דו וואָלסט איר געמעגט דערקלערן, אַז איך...

— וואָס־זשע זאָל איך איר דערקלערן? זי איז דאָך טאַקע גערעכט! איך אַליין מיין אויך אַזוי.

פּאַוועל פּעדאָטיטש האָט אָנגערוקט זיין היטל מיט די לאַנגע אויערן און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. נאַטאַליע אַנדרייעוונע האָט קוים גע־יאָגט נאָך אים איבערן קאָרידאָר, איבער די טרעפּלעך פֿונעם גאַנעק איבער די קאַליעזשעס אין הויף.

II

וואַריע האָט זיך געהאַלטן אין אָנטאָן, שטייענדיק מיט די פּיס אַפֿן קישן. ווען דער פֿאָטער איז אַרײַנגעקומען, האָט זי געמאַכט אַ באַליידיקט פּאָנעם און געזאָגט, ווי די מאַמע:

— געקומען! אָט האָסטו אַ פּירעשקע, פֿונעם געבורטס־טאָג געלאָזט. עס און גיי צעקוש זיך ווײַטער מיט דײַנע אַנטילאָפּעס.

— וואַריעלע, איך האָב נעכטן געוואָלט פֿריִער קומען, נאָר...

— זאָג ניט קיין ליגן. לייג ניט. דו קענסט זיך ניט אָפּרײַסן פֿון זיי.

— ווער רעדט עס דיר אײַן אַזעלכע נאַרישקייטן?

— די מאַמע זאָגט עס. זי ווייסט. דו ביסט מיר ניט קיין טאַטע, דו ביסט דײַנע אַנטילאָפּעס אַ טאַטע. נאָר זיי האָסטו ליב.

— ניט עמעס, איך האָב דיך אויך ליב, וואַריעלע.

— לייג ניט, לייג ניט, דו האָסט וועגן אונדז אינגאַנצן פֿאַרגעסן. די מאַמע וועט אַריבערפֿאָרן. אָפּ אַ שטעלע קיין מאָסקווע, און מיר וועלן פֿון דיר אוועקפֿאָרן, איך וועל דאָרטן גיין אין שול.

מיר האָבנ די אָנגערופנ מיט דײַנ נאָמענ וואריעלע

בא פאוועל פעדאָטיטשנ האָבנ זיך באוויזנ קנײטשנ אפנ שטערנ אונ ער האָט ערנסט געזאָגט:

— גיינ, וואריעלע, אומזיסט האָט איר זיך אפ מיר באליידיקט. אָט דו האָסט ליב צו קלעפנ פונ ליימ פארשיידענע באלעבאימ: קעמלענ, קאטשקעס, קי, כאזיירימ. האָסט דאָך ליב, יאָ?

— כ'האָב ליב. כ'האָב נעכטנ אויך פינפ שטיק אויסגעקלעפט.

— אָט, זעסטו. אונ איך האָב אויך ליב. נאָר בא דיר זײנענ שפילעכלעך, אונ מיר קלעפנ אויס עמעסע, לעבעדיקע.

— וואָס הייסט איר קלעפט אויס? — האָט זיך פארוווּנדערט וואריע, — איר ארבעט דאָך.

— נו, איז וואָס? אָט דאָס איז טאקע אונדזער ארבעט. מיר אלע, דער
גאנצער יִשעוו כאָוועט אויס נײַע באלעכאִים. דו באטראכט נאָר, צי דעט
איז עס ניט אינטערעסאנט? ווען דו זאָלסט ארבעטן, ארבעטן—און פלו־
צים זאָל זיך בא דיר באקומען א קלײנ אנטילאָפּעלע אָדער א שטרויסל,
אָדער א ביקעלע, עמעסע, וואָס קאָנען לויפן און שרײַען.

— פארשטייט זיך, עס איז אינטערעסאנט. אזוי וואָלט איך אויך א
באלן געווען.—דאָ האָט זיך וואריען אויסגעוויזן, אז זי האָט צו גיך נאָכ־
געגעבן.—אָבער איך קלעפּ דאָך ניט קײן געווײנלעכע באלעכאִים. בא מיר
איז א קו מיט אן עק פון א האָן, און דאָס פערדל האָט א הויקער. דו
ווייסט—ווי אינעם מײַסעלע „פערדעלע־הויקערל".

— און צו וואָס טויג עס דיר? אפּ וואָס פארקריפּלסטו זײ?

— אָט האָסטו דיר—וואריע האָט זיך אפילע אופגעהערט אָנצוטאָן.—
דו פארשטייסט גאָרניט. נו, וואָס פאר א טאַם האָט עס, ווען ס'איז
א פערדל אָן א הויקער? אזעלכע זײנען דאָך בא אלעמען פאראַן. און איך
קלעפּ מיר אויס אזעלכע, וואָס קײנער האָט ניט.

— אהא, איצט וועל איך דיר זאָגן: לײַג ניט, לײַג ניט. מיר האָבן
שוין עפּעס בעסערע פון דײַנע: אָט איז בא אונדז הײַנטיקע נאכט
געבוירן געוואָרן א קיִעלע. מיר האָבן זי אָנגערופן מיט דײַן נאָמען—
וואריעלע. אָט זי האָט טאקע א גרויסן הויקער. די טעג דארף געבוירן
ווערן א צווייטע, נאָך אן אינטערעסאנטערע: די וועט האָבן ארום דעם
גאנצן קערפּער פונונטן א לאנג וואָלן קליידל. און וואָס פאר א פערד
מיר האָבן! כאָטש זײ זײנען ניט קײן הויקערדיקע, אָבער דערפאר האָבן
זײ אפּ די פיס בראסליעטן און איבערן קערפּער—שײנע שווארצע סטען־
געס. און ווו האָסטו געזען אזעלכע פיקסן, אז זײ זאָלן זײַן האלב־
הינט? און שאָפּ...

—ווארט, ווארט, אפּ וואָס דארפט איר עס? אפּ וואָס פארקריפּלט
איר זײ?—האָט נאָכגעמאכט וואריעלע.

— אָט דאָס איז דאָך טאקע, וואָס מיר פארקריפּלען ניט,—האָט מיט
א שמייכל געענטפערט פאוועל פעדאָטיטש.—דו מאכסט צו דײַנע צו עקן

און הויקערס, אזוי זיך, זיי זאָלן נישט ענלעך זײַן אף די עמעסע באַלע־כאַים. און בײַ אונדז טוען מיר עס ניט גלאַט אזוי. אָט כאָטש נעם אָט די וואַריעלע. זי האָט אינעם הויקער א רעזערוו פעטס. זומער ווען די זון אויסברענען די פּאשע. געוויינלעכע בעהיימעס וועלן אויסגעדארט ווערן און וועלן לײַדן, און זי וועט זיך לעבן מיט איר רעזערוו. נאָר וואָס איז א הויקער, דאָס איז גאָרניט. וואַריעלע האָט זאַכן מער אינטערעסאַנטע. ווילסט, וועל איך דיר דערציילן.

— דערצייל.

— נו, אָט, אין טראַנסקאַווקאַז, אף די בערג איז פאַראַן אזא אָרט. דאָרט האָט פריִער ניט געקאָנט לעבן קיין איין קו. מע ברענגט, לעמאָשל, אַוועלכע ניט איז קו אהין, פּאַשעט זי זיך אפן דאָרטיקן גראָז און אין א וואָך ארום שטאַרבט זי. מע קאָן דאָך אָבער ניט לעבן אינגאַנצן אָן מילך. האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו דערלערנען, פאַרוואָס שטאַרבן אויס די קי? האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די גאַנצע זאַך באַשטייט אינעם גראָז. אָט אינעם גראָז איז פאַרבאַהאַלטן אזא קראַנקהייט פּיראָפּלאַז־מאָז, און ארויס־טרײַבן זי פון־דאָרטן קאָן מען ניט. האָט מען זיך דערוווסט, אז אין אינדיע זיינען פאַראַן הויקערדיקע קי־זעבו, וואָס האָבן נישט קיין מוירע פאַרן פּיראָפּלאַז־

אין אינדיע זײַנען פאַראַן הויקערדיקע קי—זעבו

מאָז. איז מענ גלייכ געפאָרנ אהינ אונ מע האָט געבראכט עטלעכע אזעלכע קי. דידאָזיקע זיינענ שוינ ניט אומגעקומענ פונעמ גראָז. אָבער אָט וואָס איז שלעכט—עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז זיי גיבנ זייער ווייניק מילכ: איינ טעפעלע א טאָג. אָט דאָ איז צונוצ געקומענ אונדזער ארבעט. מיר האָבנ גענומענ אונ האָבנ צונויפגעמישט א זעבו מיט א רויטדײַטשישער קו.

— וואָס הייסט איר האָט צונויפגעמישט? א קו איז דאָכ נישט קיינ ליימ. ווי אזוי זשע קאָנ מענ זיי צונויפמישנ?

— נארעלע. פארשטייט זיכ, ניט די קו אליינ האָבנ מיר צונויפגעמישט. מיר האָבנ פּאָשעט גענומענ אונ געלאָזט צו די רויטדײַטשישע קי א בוהײַ א זעבו. פונ זיי האָבנ אָנגעהויבנ געבוירנ ווערנ קינדער—היברידנ. אינ דידאָזיקע קינדער האָבנ זיכ אויסגעמישט אלע אייגנשאפטנ, וואָס עס האָבנ סײַ די רויטדײַטשישע קי, סײַ די זעבו. דערפאר מאקע רופט מענ זיי „היברידנ", וואָס עס באטײַט א געמיש. פארשטייסט, ווי אזוי? פונעמ פאָטער—פונעמ זעבו האָבנ זיי באקומענ, לעמאָשל, די קראפט קעגנ דעמ פיראָפּלאזמאָז אונ א הויקער, אונ פונ דער מוטער—דעמ רויטדײַטשישנ אײַטער, וואָס גיט מילכ דרײַ עמער א טאָג.

— אָ, ס׳ארא כיטרע איר זײַט: דאָס בעסטע האָט איר זיי געגעבנ.

— ניט אינגאנצנ. דאָ האָבנ מיר א נײַע צאָרע. אינ אינדיע איז הייס, אונ די זעבו האָט קימאט ניט קיינ האָר, אינאיינעמ מיט די גוטע אייגנשאפטנ האָבנ די היברידנ באקומענ פונ דער זעבו אויכ אירע קורצע האָר. די זיינענ געווענ קימאט נאקעטע. אָבער אינ די בערג זיינענ דאָכ שנייענ, דאָרטנ טרעפנ אפילע זומער פרעסטלעכ. האָבנ אונדזערע היברידנ אָנגעהויבנ צו פארקילנ זיכ. דעמאָלט איז אונדז אויסגעקומענ צו מאכנ נאָכ א פּאָקוס: די היברידנ האָבנ מיר צונויפגעמישט מיט בארגיקנ יאק פונ טיבעט. האָבנ זיכ באקומענ נײַע צווייפאכיקע היברידנ. די האָבנ שוינ געהאט אלצ, וואָס איז נייטיק: אי אסאכ מילכ, אי די קעגנקראפט קעגנ פיראָפּלאזמאָז, אי געדיכטע האָר. א חוצ דעמ, איז בא זיי, ווי בא דעמ יאק,

אויסגעוואקסנ אפנ רויכ א לאנג קליידל, אזוי, אז ווענ מע דארפ, קאָנענ זיי שלאָפנ גלייכ אפנ שניי.

פאוועל פעדאָטיטש האָט דערציילט נאָכ וועגנ אייניקע מערקווירדיקע באלעבאים, וואָס ווערנ אויסגעכאָוועט אינעמ יישעוו: וועגנ שאָפ מיט אזא וואָל, וואָס איז דינ ווי זייַד, וועגנ גוואלדיק גרויסע זוברעס־ביזאָנענ, וועגנ פערציקפודיקע כאזיירימ, וועגנ ווונדערבארע ציגעלעכ, וואָס קאָ־נענ זיכ וואָכנלאנג באגיינ אָנ וואסער.

— איצט פארשטייסטו, פארוואָס איכ ווער אפ דער גאנצער צייַט פארפאלנ אינ פארק? קיינער האָט דאָכ ניט אזא אינטערעסאנטע ארבעט

פאוועל פעדאָטיטש האָט דערציילט וועגנ גוואלדיק־גרויסע זובר ס־ב אָנענ

ווי מיר. דו שרײַסט אלצ: א מײַסעלע, א מײַסעלע דערציילל. אונ מיר, טעכטערל, שאפנ אליינ א מײַסעלע יעדנ טאָג. מיר שאפנ אזעלכע פרעכטיקע אונ נוצלעכע באַלעכאַימ, וואָס האָבנ זיכ קיינמאָל קיינעמ ניט געכאָלעמט.

דער פאָטער האָט ניט באמערקט, ווי וואריע הערט אימ שוינ לאנג מיט עפּעס א פארגיבנדיק שמייכעלע. פלוצימ האָט זי געזאָגט:

— ס׳א מאזעק דו ביסט. ווי פלינק דו טראכסט אויס.

— וואָס הייסט, איכ טראכט אויס?

— אזוי זיכ אביסעלע, אָבער ס׳מאכט ניט אויס. פונדעסטוועגנ איז עס אינטערעסאנט.

— הייסט עס, גלויבסטו מיר ניט? ווי באַלד אזוי, איז אָט וואָס: טו זיכ באַלד אָנ אונ קומ מיט מיר. איכ וועל דיר ווײַזנ אָט די אלע באַלעכאַימ, זאָלסט זיי זענ מיט דיינע אייגענע אויגנ.

וואריע האָט טייקעפּ אָנגעטאָנ דאָס פוטערל, די שטיוועלעכ אונ דאָס היטעלע. זי האָט זיכ אפילע ניט פארשפּיליעט, ווי עס באדארפ צו זײַנ.

זי האָט גענומענ דעמ פאָטער אונטער דער האנט אונ האָט א קאָמאנדע געגעבנ: מיר גייענ!

— וואָס איז דאָס פאר א מינ, וווהינ גייט איר עס?—האָט אויסגעשריגנ נאטאליע אנדרייעווונע, וועלכע איז אינ דעמ מאָמענט ארײַנגעגאנגענ.

זי האָט אוועקגעשטעלט אפנ טיש א זודיקנ סאמאָוואר, האָט געבראכט פונ דער קיכ א סקאָווראָדע מיט א פּײַנקוכנ.

— זיכ ניט אָפּגעוואשנ, זיכ ניט פארקעמט, ניט געגעסנ, אונ שוינ— „מיר גייענ”. אונ אוואדע אינ א וועלכנ ניט איז פערד־שטאל, אָדער אינ א קו־שטאל. וואָס, עפּשער ניט עמעס? נו, זאָגט, וווהינ האָט איר עס זיכ געקליבנ גייענ?

אנשטאָט צו ענטפערנ, האָבנ דער פאָטער מיט דער טאָכטער אוועקגעלייגט זייערע היטלענ אפנ טיש אונ האָבנ שווײַגנדיק אָנגעהויבנ אויסטאָנ זיכ.

— נו, גיב, מאמע, לאָמיר אפגיכ אָפּעסנ אונ גיינ. ווייסט, מאמע, מיר וועלנ אינ ערגעצ ניט פאָרנ. איכ וועל בעסער העלפנ דעמ טאטנ. מיר וועלנ איצט איבײַנעמ איבערמאכנ אלע באלעבאטימ אפסניי.

III

ווארעיע האָט זיכ געײַלט אונ שלעכט געגעסנ, האָט אראָפּגעשלונ־ גענ צוויי שטיקלעכ פּײַנקוכנ, אויסגעטרונקענ א טשאשקע טיי אונ איז שוינ געגאנגענ אָנטאָנ זיכ.

מיר האָבנ געוואָלט בא דער זובריעכע נעמענ דאָס קעלבל



— נו, גיכער, פאפא. ער עסט, ווי בעעמעס א הונגעריקער.

אינ דעמ מאָמענט האָט מענ אָנגעקלאפּט אינ דער טיר. עס איז ארײַנגעגאנגענ אנ ארבעטער, וואָס ארבעט אינעמ זובראָביזאָניק.

— פאוועל פּעדראָטיטש, מיכ האָט געשיקט דער כ׳ פאנטשענקאָ. מיר האָבנ דאָרטנ געוואָלט בא דער זובערעכע נעמענ דאָס קעלבל, איז זי בײַז געוואָרנ אונ אזא טראסק געטאָנ אינעמ טויער, אז דער טויער איז ארויסגעפלויגנ.

— טפו, דער רועכ זאָל עס נעמענ. וואָס זשע האָט איר דאָרט... אכ... נו, גוט. איכ גיי באלד.

— פאפא, אונ דאָס הויקערדיקע קי׳עלע? האָסט דאָכ מיר צוגעזאָגט צו ווײַזנ.

— איצט קאָנ מענ ניט, ווארי׳עלע, זעסט דאָכ, וואָס דאָ איז געשעענ. איכ דארפ גיינ אינעמ זובראָביזאָניק.

— וועל איכ גייג מיט דיר.

— וואָס, ביסט פונ זינענ אראָפּ? האָסט דאָכ געהערט, ווי אזוי עס איז בײַז געוואָרנ די זובערעכע. די קלעצער פונעמ טויער זײַנענ דאָכ די גרעב ווי דו, אונ זי האָט זיי צעבראָכנ.

— אָט... שטענדיק איז בא אײַכ אזוי... אבי ער האָט צוגעזאָגט...

בא ווארי׳ענ האָבנ אָנגעהויבנ ציטערנ די ליפּנ, דאָס פּאָנעמ איז געװאָרנ אזוי אומעטיק, אז דער פאָטער האָט ראכמאָנעס געקראָגנ אפ איר.

— נישקאָשע, ווארי׳עלע, דו זאָרג ניט. ווייסט וואָס? דאָס קי׳עלע וועלנ מיר גיינ קוקנ מאָרגנ, אונ הײַנט ווארט צו אפ מיר. איכ וועל קומענ פריִער אונ איכ וועל דיר דערציילנ אזא וווּנדערבארע מײַסע, אז דו וועסט אינ אלצ אפ דער וועלט פארגעסנ.

— יאָ־אָ־אָ... דו וועסט ניט קומענ.

— כ׳וועל קומענ, א פּיאָנערריש וואָרט, אָט וועסטו זענ. אויב איכ קומ ניט, קאָנסטו פונ מיר פאָדערנ, וואָס דו ווילסט.

פּאוועל פּעדראָטיטש איז אוועקגעגאנגענ, אונ וואריע איז געבליבנ װארטנ אפ אימ. זי האָט געוואַרט ביזנ מיטעק, אונ ער איז ניט געקומענ.

געוואַרט ביז דער וועטשערע—ניט געקומענ. האָט זי געוואַרט, ביזוואַנענ מע האָט באַדאַרפט גײנ שלאָפנ, אונ—ער איז נאָכ אַלצ ניטאָ. וואַריע איז אינגאַנצנ באַרויִקט געוואָרנ. די מאַמע האָט איר אויסגעבעט, אונ זי האָט זיכ אָנגעהויבנ אויסטאָנ.

אונ פּלוצים—אָט האָסטו דיר, ער איז דאָ. אינגאַנצנ אינ בלאָטע, אַ מידער, אַ הונגעריקער. פריִער פאַר אַלצ האָט ער זיכ אַרופגעוואָרפנ אַפנ עסנ; ער האָט אַזוי געגעסנ, אַז די ביינער האָבנ געטרישטשעט, מע האָט אַוואַדע געקאָנט הערנ אַפנ גאַס. דערנאָכ, ווענ ער האָט זיכ אָנגעגעסנ, האָט ער ענדלעכ דערזענ וואַריענ:

— אַ, דו שלאָפסט נאָכ ניט? דאָס איז גוט. גוט, וואָס דו האָסט געוואַרט. באַלד וועל איכ זיכ לייגנ, דו קריכ אַרײַנ צו מיר אינ בעט, אונ איכ וועל דיר דערציילנ אַ מײַסעלע.

וואַריע האָט זיכ אַוועקגעזעצט באַקוועמער אַפנ קישנ אונ האָט זיכ צוגעגרייט הערנ. דער פאָטער האָט זיכ אויסגעטאָנ, זיכ אַוועקגעלייגט, האָט זיכ מיט פאַרגעניגנ אויסגעצויגנ אונ אָנגעהויבנ:

— נו, איז אָט, עס האָבנ געלעבט, הייסט עס, איינע אַזעלכע מענטשנ. זיי האָבנ געלעבט, געלעבט, געלעבט... געלעבט... כררר...

— נו, ווײַטער, פּאַפּאַ. דערצייל.

— האָבנ געלעבט... כררר... געלעבט... כררר... כררר...

— אָט האָסטו דיר. זע, מאַמע, ער איז דאָכ אַנשלאָפנ געוואָרנ. אַזוי טויג עס ניט, כאַווער. פּאַפּאַ, פּאַפּאַ!

— טשעפּע אימ ניט, וואַריע, זאָל ער שוינ שלאָפנ, לאָמיר אימ בעסער צודעקנ, אונ זאָל ער שלאָפנ. ער וועט דיר, געוויס, אינדערפרי דערציילנ דאָס מײַסעלע.

אינדערפרי, ווענ וואַריע האָט זיכ אופגעכאַפּט, איז שוינ דער טאַטע ניט געווענ אינדערהיימ, אונ אינאָוונט האָט זי זיכ אויכ ניט דערוואַרט אַפ אימ. אַזוי איז עס אויכ געווענ אַפנ צווייטנ טאָג אונ אַפנ דריטנ.

אונ דערנאָכ האָט זי דערזענ די באַלעכאַימ. זיי זײַנענ ווירקלעכ גע־

ווען איבגאנצנ ניט ענלעכ אפ די אלטע. אונ וועגנ יעדנ פונ זיי האָט מענ אזויפיל מערקווירדיקס דערציילט, אז פונ דידאָזיקע דערציילונגענ האָט מענ געקאָנט צונויפשטעלנ א גאנצנ בוכ ווונדערבארע מייסעלעכ.

דער קלייניקער העלפאנט

I

א געוויינלעכער אוקראאינישער סטעפ. אונ איבער אים שפאצירנ ארומ געהויבענע אויסלענדישע געסט—שטרויסנ, לאמעס, זעברעס, אנטילאָפעס. דער סטעפ איז א גוואלדיק גרויסער, אונ די פרעמדע־לענדיקע מיינענ אוואדע, אז ווענ זיי וואָלנ וועלנ, קאָנענ זיי פונדאנענ אוועק גלייכ צו זיכ אהיימ—קיינ אפריקע, אינדיע, אמעריקע, אווסטראליע.

אינדערעמעסנ אָבער שטייענ אפ די ראנדנ פונעמ סטעפ הויכע, מיט נעצנ געפלאָכטענע פארקנס, אונ נאָכ זיי גייענ נאָכ טיפע גראָבנס, אזוי, אז ארויסגיינ פונדאָרטנ קאָנ מענ ניט.

אונ עפשער טראכטנ זיי גאָרניט אונ קלייבנ זיכ ניט צו זיכ אהיימ. צו וואָס דארפנ זיי צו זיכ אהיימ, ווענ גראָז האָבנ זיי דאָ וויפל דאָס הארצ גלוסט? אונ ווענ מע דארפ, האָדעוועט מענ זיי נאָכ צו מיט האָבער אונ קלייענ. אונ אכוצ דעמ, איז די מערהייט פונ זיי געבוירנ געוואָרנ טאקע דאָ אינ דעמדאָזיקנ סטעפ. אונ די, וואָס זיינענ געקומענ צו פאָרנ, האָבנ זיכ שוינ פונלאנג צוגעוווינט איינער צומ צווייטנ אונ זיי לעבנ ווי די בעסטע פריינט.

אָט שפּאַצירט צווישנ אויסגעטריקנטנ גראָז דער אמעריקאנער שטרויס נאנדו. ער דרייט מיט זיינ קליינ קעפעלע אפנ לאנגנ האלדז אונ זוכט עמעצנ. א״א, אָט האָט ער דערזענ: ווייט אינעמ שאָטנ פונ די צע־צווייגטע קליאָנ־ביימער דרימלענ די פוילע אנטילאָפעס—קאנענ. דער שטרויס ציט אויס פאָרויס דעמ האלדז אונ לאָזט זיכ גיכ צו די גרויסע אנטילאָפעס.

ער גייט צו צומ טשערעדע־פירער—דעמ „ער“ וואָלאָדקע. אונ וואָ־

לאָדקע—גאָרניט, ער פּאָכעט ניט מיט די הערנער, איז ניט בייז, טופּעט ניט מיט די פיס.

דער שטרויס שטייט לעבן אים און באַטראַכט אויפמערקזאַם זיינע רוקנ. און פּלוצים—פייל אויסן בויגנ גיט ער אים א קלאַפּ מיט זיינע שטאַרקנ שנאָבל אינ דער פּלייצע און צילעוועט זיך שוינ איבער־צוכאַזערנ.

וואָס טוט זיך דאָ? וואָלאָדקע האָט אויב דאָס מיט געדולד אריבער־געטראָגנ. ער איז אפילע צופרידנ. אָ, אָט מיט וואָס עס דערקלערט זיך! ווייזט זיך ארויס, דער שטרויס האָט אויפגעפרעסנ א גרויסע בייס־פליג („אוואַדי”), וואָס האָט געזויגנ פונ וואָלאָדקענ בלוט. דער שטרויס איז

אָט אזוי גייענ זיי ארום א גאַנצנ טאָג איינער לעבנ אנדערנ—דער הערש־ביק און שטרויס

אויך צופרידן, ווײַל די בײַס־פליג איז פאר אים אן אנגענעמענער און געשמאקער פארבײַסן.

אָט אזוי גייען זיי ארום א גאנצן טאָג איינער לעבן אנדערן—דער גוואלדיק גרויסער הערש־ביק פון אפריקע, און דער גרויסער שטרויס פון אמעריקע.

עס איז פאראן אין סטעפּ נאָך א פּאָרל, וואָס צעשיידן זיך ניט. די צוויי בערדיקע וואכלאקן אלזשיר און טוניס,—צוויי האָריקע באראנעס. זיי פארטשעפּען אפילע אייגער דעם אנדערן מיט די הערנער און אזוי גייען זיי ארום „געארעמט".

עס זיינען אָבער דאָרט אויך פאראן אומרויִקע, אומדערטרעגלעכע טיפּן. אָט, לעמאָשל, דער בלויער גנו. ער לאָזט קיינעם ניט צורו. ער כוליגאנעוועט, טשעפּעט זיך צו יעדן, נאָך אלץ יאָגט ער זיך. ער האָט זיך איינמאָל א יאָג געטאָן נאָך איינעם א בעקאָוועדיקן פּראָפעסער מיט אזא אימפּעט, אז יענער איז, נעבעך, פאר שרעק קראנק געוואָרן.

ווען ער ווערט שוין אינגאנצן מיד און קאָן שוין נישט מער ניט שפּרינגען אינדערלופטן, ניט גיין אפ די הינטערשטע פיס, דעמאָלט שטעלט ער זיך אוועק אינמיטן סטעפּ און מרוקעט שרעקלעך—ווײַזט אויס, פון פארדראָס.

אפ זײַן רעווען קומען זיך צונויפ די „זיען": קאָקעטע מיט איר קינד (ער איז שוין געבוירן געוואָרן און איז געוואָרן א פלינקער יאט), מאנקע, סלאסטענע און אנדערע באלעכאִים. זיי שטעלן זיך אויס ארום אים און קוקן. דעמאָלט הייבט ער אָן ארויסווײַזן פארשיידענע שטיק, ער ציט אויס דעם עק, ווי א שטעקן, ער גראָבט מיט די פאָדערשטע פיס די ערד, גייט אפ די הינטערשטע פיס און שפּרינגט, שפּרינגט, ווי א גו־מענע פילקע.

— האָט עס ענערגיע אָט דער טיפּ,—כידעשן זיך די ארבעטער,—ער ווערט קיינמאָל ניט מיד.

אכוץ דעם בלויען גנו ווינט אינעם סטעפּ נאָך א קריגערישע און מאָדנע אנטילאָפּע—סײַגע.

א קריגערישע און מאָדנע אנטילאָפּע—סײַגע

אמאָל זיינענ אזעל־
כע אנטילאָפּעס גע־
ווענ אינ א גרויסער
צאָל אינ אוקראַינע
אונ אינ גאנצ אייראָ־
פּע. אָבער די סײַגע
האָט שיינע קלייניקע
הערנער, פאר דידאָ־
זיקע הערנער האָבנ
כינעזער געצאָלט
אסאך גאָלד, אזויפיל,
וויפל עס וועגנ די
הערנער גופא. ווײַל
די כינעזישע שפּרע־
כער־דאָקטוירימ האָבנ
געהאלטנ, אז פונ אָט
די הערנער קאָנ מענ
ארויסבאקומענ א
גלענצנדיק מיטל קעגנ
אלע קראנקהייטנ.

אונ וווהינ די סײַגע
זאָל זיכ ניט געווענ
באהאלטנ, וווהינ זי
זאָל ניט געווענ אנט־
לויפנ, האָבנ זי מענטשנ
אומעטומ געפונענ. זיי
האָבנ זיכ אומדער־
מידלעכ געיאָגט נאָכ
איר אונ אזוי האָבנ

זיי אויסגעטויט די סײַגעס, ביז וואנענ זי איז קימאט אינגאנצנ ניט פאַרשווונדנ געוואָרנ פונ דער ערד.

איצט איז זי אינערגעצ ניטאָ, אכוצ אינ פ.ס.ר.ר. אונ אויכ באַ אונדז זײַנענ זיי פאראנ אינ גאָר א קליינער צאָל בלויז אינ די אסטראכאנער סטעפּעס אונ אינ טורקמעניסטאנ.

עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אכוצ די הערנער האָט די סײַגע נאָכ אסאכ אזעלכעס, וואָס איז ווירקלעכ נוצלעכ אונ אינטערעסאנט פאר דער וויסנשאפט.

אויסלאנד צאָלט אונדז פאר יעדער סײַגע טויזנט רובל גאָלד.

אָט פארוואָס אונדזער אוקראַינישער יישעוו האָט זיכ גענומענ אײַנצוהיטנ אונ אויסצוכאָווענ וואָס מער סײַגעס. איצט האָבנ מיר שוינ דאָרט א נישקאָשעדיקע טשערעדע סײַגעס, וואָס וואקסט פונ יאָר צו יאָר. ווײַל יעדנ פרילינג ברענגענ די „זיענ" צו צוויי גרויסנעזיקע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגנ. זייער ניט קײַנ שיינע קינדער.

II

דער אלטער ארבעטער מאקסימיטש, באַמערקט, אז די בײַכיקע סײַגע איז פלוצימ געוואָרנ דינ. ער לאָזט זיכ מיט אימפּעט לויפנ צו פאוועל פעדאָטיטשנ:

— פאוועל פעדאָטיטש, אונדזער סײַגע האָט זיכ אָפּגעקעצלט, אָט ווי איר זעט מיכ לעבנ.

— דאָס סײַגעכל האָסטו געזענ?

— ניינ, זי באהאלט דאָכ עס. אָבער ס'איז דאָרט, איכ ווייס.

ביידע לאָזנ זיכ גיינ אינ סטעפּ, אונ ווארױע לויפט נאָכ אונ בעט זיכ באַמ פאָטער:

— פאפעלע, איכ בעט דיכ, דערלויב מיר גיינ מיט אײַכ. איכ וועל נאָר קוימ־קוימ, מיט איינ אייגל א קוק טאָנ אפנ קליינעמ סײַגעכל אונ וועל אוועקגיינ.

ווארִיע ווייסט שוינ אסאך וועגנ דער סײַגע. ווײַל אלע, וואָס קומענ צו איר פּאָטער, האַלטנ בלויז אינ איינ ריידנ וועגנ די באַלעכאַיִמ.

אָבער מער פונ אלצ איז איר געפעלנ, וואָס די סײַגע קאָנ זיך וואָכנלאנג באַגיינ אָנ וואסער. אינדערעמעסנ, צי דענ איז עס ניט קיינ וווּנדער? דאָרטנ, אינ די וויסטעניִשנ אונ זאמדנ, ווו זי לעבט, דערגייטמ דאָך די היצ ביז זיבעציק גראד, קיינ איינ לעבעדיקער נעפעש קאָנ ניט אריבערטראָגנ אזא שרעקלעכע היצ. אונ די סײַגע שפּרינגט זיך איבער די באַרכאַנעס, אונ עס זאָל איר עפּעס שאַדנ.

איינמאָל איז בא פּאווּעל פּעדאָטיטשנ געזעסנ דער פּארוואלטער פונ די שאָפּ, דער כאַווער אוטקינ. זיי האָבנ געשמועסט וועגנ די ענגלישע שאָפּ—לינקאָלנער. כאַווער אוטקינ האָט זיי זייער געלויבט. ער האָט געזאָגט, אז זייער וואָל איז די סאמע דינסטע, זײַדעוודיקע. אָבער ער האָט זיך געקלאָגט, אז די לינקאָלנער לײַדנ אינ אוקראַינע שטארק פונ דער היצ. פּלוצימ האָט זיך אינ שמועס אריינגעמישט ווארִיעלע:

— פּעטער וואסיע, פארוואָס זאָלט איר ניט נעמענ אונ ארײַנזעצנ צו דידאַזיקע לינקאָלנער א סײַגע. זאָלנ זיי זיך בא איר אויסלערנענ ניט מוירע האָבנ פאר היצ.

דער כ׳ אוטקינ האָט לאנג געלאכט פונ ווארִיעס ווערטער אונ דערנאָך האָט ער איבערנ גאנצנ יִישעוו דערציילט:

— ווארִיעלע האָט אונדז געגעבנ א נײַע טעמע פאר ארבעט: צונויפמישנ א סײַגע מיט א לינקאָלנ.

פּאווּעל פּעדאָטיטש מיט מאקסימיטשנ זײַנענ שוינ אוועק ווײַט פונעמ הויז, אונ ווארִיעלע לויפט נאָך אלצ נאָך אונ בעט זיך בא זיי:

— פּאפּעלע, טײַערינקער, נו, מע מעג? בלויז א ביסעלע. זיידע מאקסימיטש, בעט דו דעמ פּאפּא.

— זאָל זי גיינ, פּאווּעל פּעדאָטיטש. וואָס טרײַבט איר אײַער טעכטערל? זי וואקסט דאָך שוינ בא אונדז א כאַיע־ציכטלער, זי דארפ אלצ זענ.

— נו, גוט, קומ, ווארִיע, גיי מיט מאקסימיטשנ, אָבער שטיל־שטיל.

מאקסימיטש טוט פריילעך א ווונק צו וואריען מיט איין אייגל. וואריע דעריאָגט אים און נעמט אים פאר דער האנט. זיי גייען שטיל איבערן גראָזיקן סטעפּ לענגאויס דעם פּארקן.

פּלוצים — סטאָפּ, אפ דער ערד באַם סאמע פּארקן, פאַרדרייט די מאָר־דעטשקע צום רוקן, ליגט א פּיצינק, נאָך א נאַס סייגעכל.

פּונקט ווי אפ דער פרײַהייט, האָט די מוטער, ווען זי האָט עס גע־בוירן, געהייסן דעם פּארטיי׳ען זיך און ליגן שטיל, ביזוואנען זי וועט עס ניט א רוף טאָן. און דאָס כאיעלע ליגט אזוי, ווי עס וואָלט איינ־גאנצן קיין לעבעדיקס ניט זײַן.

מאקסימיטש, וואריע און פּאוועל פעדאָטיטש האָבן צערוקט דאָס גראָז און קוקן אפ דעם. פון שרעק ציטערן שטארק באַם סײַגעכל די זײַטן, און די אויגן זיינען אזוי אויסגעגלאָצט, ווי זיי וואָלטן וועלן ארויסשפּרינגען. אָבער עס רירט זיך נאָך אלץ ניט, ווײַל אזוי האָט גע־הייסן די מוטער, און זי ווייסט, וואָס מע דארף.

— גו, לאָמיר אוועקגיין, אָבער שטיל־שטיל. זאָל עס ליגן.

— ס׳ארא מאָדנע סע איז! — פרייט זיך וואריע. — ווי א קלייניקער אלטיטשקער, עמעס, פּאפּא?

פּאוועל פעדאָטיטש גייט שטיל לענגאויס דעם פּארקן. פּלוצים מאכט ער א טריט פינף אין א זײַט און בויגט זיך אָן. אפ דער ערד ליגט און ציטערט נאָך א סײַגעכל.

די ציוויי קליינע — אג עמעסע קאָפּיע פון די אלטע סײַגעס: פונקט אזעלכע ניט קיין שיינע, מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, מיט דיזעל־ביקע גייאלדיק־גרויסע אראָפּגעלאָזטע בעזער. איר האָט געזען דעם שנוק („כאָנאָט״) בײַ א העלפאנט? אָט ווען מע זאָל דעמדאָזיקן שנוק אָפּהאקן אביסל בידעריקער פונעם מויל, וועט ער זיין פּונקט אזא, ווי די נאָז בײַ א סײַגע. נאָר דער העלפאנט איז די גרייס ווי א שטוב, און די סײַגע איז ווי א קליינ ציגעלע.

— אך, דו! זעט, זעט — האָט אומדערוואַרט אויסגעשריגן מאקסימיטש — לויפן זיי אָפּרעכענען זיך מיט אונדז.

וואריע האָט א קוק געטאָן אין סטעפּ, גלייך אפ איר איז געלאָפן א גרויסע טשערעדע סײַגעס. פאָרויס, שטארק אָנגעבויגן די הערנער, איז געלאָפן דער אלטערווילדבייזער סײַגאק. זײַן גוואלדיק־גרויסע נאָז האָט זיך קימאט ווי געשלעפּט איבער דער ערד.

אין איין אויגנבליק האָט פאוועל פעדאָטיטש געכאפּט וואריעלען אפ די הענט און האָט זי ארופגעזעצט אפ א הויכן סלופּ פונעם פּארקן:

— האַלט זיך שטארק. כ׳וועל דיך באלד אראָפּנעמען.

און אליין האָט ער זיך מיט מאקסימיטשן געלאָזט לויפן צו דער פּאָרטקע.

איר כידעשט זיך אוואדע: וואָס האָבן זיי זיך דערשראָקן? וואָס קאָן טאָן א מענטשן אזא קליינינקע כאַיע?—אָבער דאָרטן, אינעם יישעוו, האָט מען בעסער געקענט אָט דאָס כאַיעלע, און דאָרט פלעגט מען זאָגן:

— מיטן סײַגאק זאָלסטו בעסער קיין געשעפטן ניט האָבן, בעסער אויסמײַדן אים, אָפּטרעטן אים דעם וועג און ניט ארייַנברענגען אים אין קאַעס.

די הערנער בא ד׳ר סײַגע זײַנען שארף, ווי אײַזערנע הראַבליעס

ווײַל אָט דאָס קליינע כאַיעלע האָט פאר קיינעם אין דער וועלט קיין מוירע ניט. אין ווילדן קאַעס וואָרפט עס זיך אפ גרויסע בוהײַען, אפ מענטשן, אפ אווטאָמאָבילן, וואָס פאָרן דורך. און די הערנער זיינען בא דעם

שאַרפֿע, ווי אײַזערנע הראַבליעס. פּרוּווט בלײַבן שטיין, וועגן אַף אײַך פֿליִען אַזעלכע צוויי שפּיזן.

מאַקסימיטש האָט קוים באַוויזן צו פֿאַרמאַכן די פֿאָרטקע, ווי צו איר איז צו דער סײַגאַק. ער איז הויך אונטערגעשפּרונגען און, אַ צעיאָגטער, האָט ער זיך אַרײַנגעשניטן מיט די הערנער אין דער גראָבער טיר, זיך אַרײַנגעשניטן און אַזוי איז ער געבליבן הענגען.

וואַריע האָט זיך צעלאַכט. זי האָט געזען, ווי אַף יענער זײַט פֿאָרטקע האָבן אַרויסגעסטאָרטשעט די שפּיצן פֿון די שאַרפֿע הערנערלעך. און אַף דער זײַט האָט זיך געוואָרפֿן דאָס אָנגעשטרענגטע קערפּערל פֿונעם סײַגאַק.

— פּאַפּאַ, ער קאָן זיך בעשומויפֿן ניט אַרויסרײַסן.

— נו, גוט, זיצ שוין דאָרט, זיצ און שווײַג.

די טשערעדע האָט זיך אָפּגעשטעלט.—זי האָט, ווײַזט אויס, ניט גע־ וווּסט, וואָס צו טאָן איצט. פּלוצים האָט זיך דער פֿירער פֿון דער טשע־ רעדע אַרויסגעריסן פֿון דער פֿאָרטקע און האָט זיך געלאָזט לויפֿן צום סלופּ, ווו וואַריע איז געזעסן. בא וואַריען האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס הערצל.

— ער ברענגט גרויסע נוצן—האָט שטיל געשטאַמלט וואַריע.—ער קאָן אַ גאַנצע וואָך ניט טרינקען. אָבער פֿאַרוואָס לויפֿט ער אַהערצו? און ווי וועט זײַן, אַז ער וועט אונטערשפּרינגען און וועט מיך אַ זעצ טאָן מיטן פּוס?

אַנטקעגן דעם גרויסן סײַגאַק זײַנען אַרויסגעשפּרונגען ביידע קליינע, אָבער ער האָט אַפֿילע קיין קוק ניט געטאָן אַף זיי. ער איז צוגעלאָפֿן צום פֿאַרקן, האָט זיך אַ הייב געטאָן אינדערהייך און אַף אַ האַלבן מע־ טער פֿון וואַריען האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטערן אָנעם סלופּ.

— אײַ, פּאַפּעלע—האָט אויסגעשריגן וואַריע.—פּאַפּעלע, גיכער, אוי. איך וועל אַראָפּפֿאַלן.

דער סײַגאַק האָט דאָס צווייטע מאָל אַ שפּרונג געטאָן.

— אוועק דו, מיִעסקייט, אוי, פֿאַ...

וואַריע האָט זיך אַ הוידע געטאָן, האָט פֿאַרלוירן דעם גלײַכגעוויכט און איז אַראָפּגעפֿאַלן אַף אונטן, גלייך דעם סײַגאַק צו די פֿיס.

עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער קוויטש. אינעם זעלביקן מאָמענט האָבן צוויי מענטשן אַריבערגעטאַנצט איבערן פֿאַרקן. מאַקסימיטש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום סײַגאַק און האָט אים געכאַפּט פֿאַר די אויערן.

— זעסט אַ באָכער! וואַריעלעב האָט ער געוואָלט קאַליעטשען. איך וועל דיר ווײַזן!

ער האָט אַרויסגעריסן אַ געשטרויך גראָב פֿאַרטריקנט גראָז און האָט גוט אָפּגעשמיסן דעם סײַגאַק.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום זײַנען אַלע דרײַ פֿרײדלעך צוגעגאַנגען צום הויז. דאָס מיידעלע מיט רויטע פֿאַרוויינטע אויגן איז געזעסן אַף די הענט בײַ מאַקסימיטשן און האָט פֿעסט אַרומגענומען זײַן פֿאַרברוינטן האַלדז. בײַם געזעגענען זיך האָט אים פֿאַוועל פֿעדאָטיטש געדריקט די האַנט:

— נו, אַדאַנק אײַך, מאַקסימיטש. ווען ניט איר, ווייס איך ניט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט.

— גוט, וואָס מיר זײַנען צוגעלאָפֿן צודערצײַט, פֿאַוועל פֿעדאָטיטש, אַניט, וואָלט אונדזער ציגעלע אַרײַנגעכאַפּט.

און צעשיידנדיק זיך מיטן פֿאַרברוינטן האַלדז, האָט דאָס ציגעלע ניט אויסגעהאַלטן און האָט אַ קוש געטאָן אין דער האָריקער באַק.

III

אינאָוונט זײַנען ביידע פֿרײַנט—וואַריעלע און מאַקסימיטש—געזעסן אַפֿן גאַנעק, האָבן געקוקט, ווי דער בושעל מיט דער בושעלעכע פֿאַריכטן זייער נעסט אַפֿן דאַך.

— איצט וועל איך זיי פֿײַנט האָבן, אָט־אָ די סײַגאַקעס—האָט געזאָגט וואַריעלע.—ווער האָט זיי געבראַכט אַהער צו אונדז, אָט די כוליגאַנישע באַיעלעך?

— טאקע איכ אלײנ האָב זײ געבראכט צו פירנ—האָט מיט א שמײכל געזאָגט מאקסימיטש—אונ נאָכ װיפל מי דאָס האָט מיר געקאָסט.

— צי װאָס זשע ביסטו געפאָרנ נאָכ זײ? דו האָסט דענ ניט געװוּסט, אז זײ זײנענ אזעלכע מאזיקימ?

— קלאָר, אז איכ האָב ניט געװוּסט. װאָס פאר א שרעקעװדיקע זײ זײנענ אפ דער פרײַהײט! זאָל ערגעצ א שטעקעלע א קנאק טאָנ, צי זאָל ערגעצ א שאָרכע טאָנ—אָ, װי זײ טוענ זיכ עס א לאָז!

— זײ אנטלױפנ?

— אזו װי מע זאָל שמײַסנ. דאָרט, װו איכ האָב זײ געכאפט, שטעלנ די קאַלמיקנ אװעק פארצױמונגענ אזעלכע, מאטעס אזעלכע, אױסגעפלאָכטענע פונ האַרטער שטרױ. מע שטעלט זײ אװעק, אונ די כאיעלעכ הײבט מענ אָנ צו שרעקנ. איז פונ שרעק לױפנ זײ מיט אזא אימפעט, אז זײ פליענ אָנ אפ די פארצױמונגענ אונ מיט אזא קראפט, אז פונעמ שטארקנ קלאפ בלײַבנ זײ ליגנ טױטע אפנ אָרט.

— װי אזױ זשע האָט זיכ דיר אײַנגעגעבנ זײ צו כאפנ, אז זײ שרעקנ זיכ אזױ?

— דאָס איז א לאנגע געשיכטע. איכ געדענק, פריער האָבנ מיר מיט דײַנ פאפא געשיקט א צענ בריװ צו די אָרטיקע דאָרפראטנ. מיר האָבנ זײ געבעטנ, זײ זאָלנ זיכ דערװיסנ בא די אָרטיקע יעגער—בא די קאַלמיקנ, צי ס'איז ניטאָ ערגעצ אינ יענע אומגעגנטנ קײנ טשערעדע סײַגעס. האָבנ מיר באַקומענ אנ ענטפער פונ קראסני יאר, אז אפנ טײַכ סארפא האָבנ זײ געזענ גײַנגע פיר אונ צװאנציק שטיק. פאװעל פעדאָטיטש האָט מיר געגעבנ געלט, א פאפיר מיט א שטעמפל, אונ איכ בינ אָפגעפאָרנ. דו װײסט, װו עס געפינט זיכ אָט די סארפא? דאָס איז אפ נידערװאָלגע, קימאט סאמע בא יענעמ אָרט, װו די װאָלגע פאלט ארײַנ אינעמ קאספישנ יאמ. דאָרטנ זײנענ פאראנ גרױסע װיסטע זאמדנ. איבער אָט די זאמדנ זײנענ ארומגעלאָפנ אונדזערע סײַגאקנ.

— ניט אינ טורקמעניע געפינענ זײ זיכ?

— עס זײנענ פאראנ אױכ אינ טורקמעניע, נאָר דאָרטנ איז זײ נאָכ

שווערער אויסצושפּירן און כאַפּן. איך האָב צונויפגערופן יעגערס, מיר האָבן געקויפט פערד, ציגן מיט קליינע ציגעלעך, די ציגן זאָלן דערנאָך מיט זייער מילך האָדעווען די סײַגעלעך. מיר האָבן געקראָגן נעצן, און דאָס וויכטיקסטע—מיר האָבן גענומען פלינקע הינט. דו האָסט געזען, וואַריעלע, יעג־הינט?

— ניין, איך בין דאָך נאָך אַ קליינינקע.

— עמעס, ביסט נאָך ניט קיין גרויסע מויד. אַ יאָג־הונט קאָן דיך מיט איין לאַפּע אַוועקלייגן. אָ, זיינען דאָס הינט. שויִן איינמאָל שיינע. הויכע, ניט קיין איבעריק פעטע, לאַנגע. אַז אַזאַ הונט שטעלט זיך אַוועק אַף די הינטערשטע פיס, איז ער אַסאַך העכער פון מיר, און ווי זיי לויפן. אוי, לויפן זיי!—מאַקסימיטש האָט זיך אַ הוידע געטאָן, האָט אַ קרעכץ געטאָן, ווי אים זאָלן די ציין ווײ טאָן.—די מאָרדע איז בײַ זיי אַ שמאָלינקע. דאָס איז, קעדיי דער ווינט זאָל ניט שטערן...

— עס געפעלן דיר אָט די יאָג־הינט?

— נאָך ווי געפעלן זיי מיר, וואַריעלע! זאָלסט אַ קוק טאָן, ווי זיי אַרבעטן אַרום דידאָזיקע סײַגעלעך. טאַקע נאָר זיי קאָנען כאַפּן אין סטעפּ אַ סײַגעלעך. אַ מענטש וואָלט עס קיינמאָל ניט באַוויזן.

— און אַ זייער גוט פערד? אַשטייגער, פּעטושאָק מאָסקאָווסקי?

— האָסט געפונען אַף וועמען אָנצווייזן. ער וואָלט דאָרט שטעקן געבליבן אין זאַמד, ווי אַ קלאָץ, און אַזוי וואָלט ער געשטאַנען.

— נו, דערצייל ווײַטער. וויאַזוי זשע האָבן זיי געכאַפּט די סײַגע־לעך, אָט די הינט?

— גאָר פּאָשעט. מיר מיט די קאַלמיקן זיינען אָפּגעזעסן אין סטעפּ די ציגן און די יורטע. האָבן מיר געלאָזט אַפּן לאַגער־אָרט. פאָרן מיר, די היץ איז ניט אַריבערצוטראָגן, דאָס זאַמד—ווי אַש אין אויוון, ברימט, ווי פײַער. זעען מיר—אונדזערע הינט לייגן זיך אַוועק אַפּן רוקן און לעקן אַרום די לאַפּעס. דאָ האָט איינער אַלטער צוגערופן זײַן הונט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט ד׳.ר דאָלאָניע איבערן זאָטל. דער הונט איז, ווי אַ פויגל, אונטערגעשפּרונגען איבערלויפטן און האָט זיך אויסגעצויגן

מיטן בויך איבערן זאָטל. די אנדערע קאַלמיקן האָבן אויך אַפּ אזא אויפן אוועקגעזעצט זייערע הינט. איך האָב אויך א קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט, און דאָס גרויע הינטל, די גרייס פון א טעלעצע, איז אַרופּגעשפּרונגען אַפּן פערד פאָרויס פאַר מיר און האָט זיך באקוועם אייַנגעאָרדנט אַפּן זאָטל...

— זע, ס׳אַרא פלינקע. מע האָט זיי געוויס אויסגעלערנט אזוי, יאָ?

— נו, פארשטייט זיך. זיי פאָרן דאָך שטענדיק אזוי אַרום איבערן סטעפּ. זייַנען מיר געפאָרן, געפאָרן, און אָט זע איך, מייַנע קאַלמיקן ווערן עפּעס אומרויִק און וויַיזן מיט די הענט אַפּ מייַן בינאָקל. איך האָב אַראָפּגענומען דאָס בינאָקל און האָב עס איבערגעגעבן דעם אַלטן. ער האָט, קאָנטיק, בעסער פון מיר געוווּסט, ווי צו באַגיין זיך מיט דעם! ער האָט עס צוגעשטעלט צו די אויגן און זאָגט:—„אוי־בוי, וויפל סייַגאַקעס". איך בין אַזש אויפגעשפּרונגען אַפּן זאָטל! „אַנו—זאָג איך—ווו זייַנען זיי?" זיי האָבן אָנגעוויזן די ריכטונג. איך האָב א קוק געטאָן און האָב דערזען—דאָרט ווייַט גייען אַרום עפּעס קלייניקע כאַיעלעך, אַזויווי פעלד־מייַז.

— וואָס זשע ווייַטער?—דערציייל, זיידע, גיכער דערציייל.

— האָבן מיר אָנגעהויבן פאָרזיכטיק צוּפאָרן צו די דאָזיקע פעלד־מייַז. דער סטעפּ איז א גלייַכער, א פלאַכער, באַהאַלטן זיך איז ניטאָ ווו. זאָג איך צו די קאַלמיקן: „מיר וועלן גאָרניט מאַכן, כאַווײרים. זיי וועלן אונדז דערזען און וועלן אַנטלויפן". און דער אַלטער לאַכט. א מאָדנע אזא איז ער געווען, אָט דער אַלטער, אַגאַמבײַ האָט ער געהייסן. „סייַגאַק זעט יאָק. אינגאַנצן א יאַמאַן, א נאַר, גאָרניט זעט ניט. ער שמעקט מיטן נעזל, שמעקט. זייַן נעזל אוי־בוי, יאַכשי—זייער גוט נעזל". און ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם סייַגישן נעזל. דו האָסט אַנומלט געזען, וואָס פאַר א נעזער זיי האָבן?

— געזען. גרויסע, גרויסע, ווי שטיוול, און די נאָזלעכער אזעלכע ניט קיין שיינע, זיי קנייטשן זיך די גאַנצע צייַט, כריוקען.

— עמעס, די נעזער זייַנען אַביסל צו גרויסע. אָבער צי ווייסטו דער־

פאר, ווי עס דינען זיי דידאָזיקע נעזער? דאָס איז זייער הויפּטגעווער. בלויז מיטן כויש ראַטעווען זיי זיך. דער פֿײַנט איז נאָך ערגעץ ווײַט, פֿינף ווערסט פֿון זיי, און דער ווינט טראָגט שוין זיין רייעך גלײַך צו די סײַגישע נאָזלעכער.

— אײַך האָבן זיי אויך דערפֿילט?

— דערפֿילן האָבן זיי טאַקע דערפֿילט, אָבער ס'איז שוין שפּעט געווען. אָט־אָ דער אַלטער אַגאָמבײַ איז אַ דערפֿאַרענער געווען, אַ דורכגעטריבענער, דער רועך זאָל אים נעמען. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפֿן זאָטל, האָט, ווי אַ הונט, אַ שמעק געטאָן די לופֿט און האָט אונדז געהייסן פֿאָרן פֿון דער אַנדערער זײַט, אַזוי, אַז דער ווינט זאָל בלאָזן ניט פֿון אונדז צו די סײַגעס, נאָר פֿון זיי צו אונדז. אויף אַזאַ אופֿן האָבן מיר זיך אומבאַמערקט צוגעגאַנגען צו זיי נאָענט, אויף אַ ווערסט דרײַ. איך האָב זיי גוט געזען דורכן בינאָקל. די „זיענע" זיינען געלעגן און האָבן גערוט. אַן אַלטער „ער" איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער טשערעדע, האָט געשמעקט די לופֿט און געפּערקעט. צוויי־דרײַ „זיעלעך" האָבן זיך אומגעקערט ערגעץ פֿון הינטער די שטעכיקע קוסטעס.—„דאָרטן האַלטן זיי די קליינע סײַגעלעך—האָבן מיר דערקלערט די קאַלמיקן—די „זיענע" באַהאַלטן זיי שטענדיק אויסער דער טשערעדע".

— ריכטיק,—האָט אויסגעשריגן וואַריעלע—געדענקסט, הײַנט? מיר האָבן אויך געפֿונען די סײַגעלעך ווײַט פֿון דער טשערעדע.

— וואָס זשע זאָג איך דען?

— באַוווּנדער איך טאַקע, וואָס דו דערציילסט אַלץ אַזוי ריכטיק.

— האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צוגרייטן. די הינט האָבן מיר צוגעבונדן מיט שטריק. חוץ דעם, האָבן מיר גענומען שטיקלעך מאַרליע און מיר האָבן זיי אַרומגעבונדן די מאָרדעס ביז די אויגן. אַ טייל יעגערס האָט דער אַלטער אָפּגעשיקט, זיי זאָלן צופֿאָרן פֿונהינטן און זיי זאָלן טרײַבן די סײַגעס אויף אונדז. מיר האָבן אַזוי אָפּגערעדט: מיר וועלן אָנהייבן, ווען דער אַלטער וועט אויסשיסן פֿון דער ביקס. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די ערטער. דער אַלטער האָט אָנגעלאָדן

מיט פולווער זײַן לאַנגע אַלטע ביקס און האָט זיך צוגעגרייט צו שיסן.

— וואָס הייסט?—האָט זיך געוווּנדערט וואַריעלע—די ראַטנמאַכט דאָט דאָך אַלעמען פאַרבאָטן צו שיסן סײַגאַקעס. וויפל מאָל האָט דער פאַפאַ גערעדט וועגן דעם.

— אינדערלופט, באַרעלע, און דו מיינסט גלייך אין זיי?.. איז אָט, ווען ער האָט אויסגעשאָסן.—וואָס דאָ האָט זיך אָנגעהויבן! די הינט האָבן זיך א ריס געטאָן, אָבער די שטריק לאָזן ניט. זיי האָבן זיך אַזש צוגע־זעצט אַף דער ערד, די סײַגאַקעס זיינען דורכגעפלויגן נעבן אונדז, ווי שאָטנס, די יעג־הינט האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַף די שטריק, זיי קוויטשען און בילן. דעמאָלט האָט דער אַלטער אָפּגעלאָזט זײַן הונט, דער הונט איז, ווי א ווײַכער, דורכגעלאָפן די גאַנצע שטרעקע, וואָס די סײַגעס האָבן אויסגעטראָטן מיט זייערע טלאָעלעך. „לאָזט אָפּ די הינט”—האָבן אָנגעהויבן שרײַען די פעדערשטע יעגער. אַלע זעקס יעג־הינט האָבן אַריבערגעטאַנצט איבער די שטעכיקע קוסטעס. פּלוצים האָבן פאַר זייערע נעז ווילד־קוויטשענדיק אָנגעהויבן שפּרינגען עפּעס העזעלעך. אַך, ווי זיי האָבן זיך עס געטראָגן! ניין, וואַריעלע, דו וועסט קיינמאָל ניט פאַרשטיין, וויאַזוי עס אַנטלויפט א סײַגעכל פון אונ־טער דער נאָז באַם הונט. אָט דאָס איז געווען א גיכקייט!

— נו, און די הינט?

— די הינט זיינען געפלויגן נאָך זיי. ווי אַעראָפּלאַנען האָבן זיי געשוועבט איבער דער ערד, און מיר אַלע האָבן געשריגן אַז א וועלכער ניט איז אָרדענונג און האָבן געיאָגט נאָך זיי די פערד. סאָפּקאָלסאָפּ האָבן די הינט דעריאָגט די סײַגאַקעס. זיי האָבן זיי מיט די לאַפּעס צו־געדריקט צו דער ערד. ווען די מאָרדעס זאָלן בא זיי ניט געווען זײַן אַרומגעבונדן מיט מאַרליע, וואָלטן זיי צעריסן די סײַגעלעך אַף שטיק־לעך. אָבער מיט דער מאַרליע האָבן זיי גאָרניט געקאָנט טאָן. די טײַגע־לעך האָבן זיך געריסן פון אונטער די לאַפּעס, האָבן געקוויטשעט, אָבער אומזיסט. ס׳וועט גאָרניט העלפן. ביסטו אַרײַנגעפאַלן צו א יאָג־הונט

אינ די לאַפּעס, איז פאַרגעס שוינ, ווי מע האָט זיך געדופּנ אפ דעם פרייַהייט! אונ דאָ זייַנעג מיר צוגעפאָרנ אונ האָבנ צוגענומענ בא די היגט די סייַגעלעך.

ווענ איך האָב גענומענ א סייַגעלע אפ די הענט, האָט עס אָנגעהויבנ צאַפּלענ, ווי א שפּערלינג („וואָראָבייי"). עס האָט אַזש געשוויצט, נעבעך; די אייגעלעך זייַנענ מאַמעש ארויסגעקראָכנ פונ זייערע גריבלעך. מיר האָבנ לאַנג געטראַכט, וויאַזוי זאָלנ מיר זיי איצט פאַרפאַקעווענ, זיי זאָלנ ניט אומקומענ, זיי זאָלנ ניט צעברעכנ די ריפּעלעך זייערע. דאָ איז אונדז ווידער געקומענ צוהילפ דער אלטער אגאַמבייַ. קיינ וואָרט ניט ריידנ־דיק, האָט ער זיך גענומענ אויסטאָנ די שיך. דערנאָך האָט ער אויסגע־טאָנ די פאַרשמאָלצעוועטע וואַטענע הויזנ. מיר האָבנ גאָרניט פאַרשטאַנענ: ער קלייַבט זיך גיינ שלאָפנ, צי וואָס? אונ עפּשער איז ער אביסל פונ זינענ אראָפּ איבער דער היץ אונ פונ אופרעגונג? אונ ער האָט פאַר־בונדנ מיט שטריקלעך דעם עק פונ יעדער הויז אונ האָט אריַינגערוקט אהינצו צו איינ סייַגעלע. די סייַגעלעך האָבנ זיך דאָרטנ אײַנגעאָרדנט, ווי אינ קאָנווערטלעך אַזעלכע, ווייסט, וואָס מע טראָגט אינ זיי קינדער. אגאַמבייַ האָט אריבערגעוואָרפנ די הויזנ איבערנ זאָטל אונ האָט געהייסנ אויך די אנדערע סייַגעלעך אַזוי אײַנאָרדענענ.

דעם גאַנצנ וועג האָבנ מיר זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער פונעם אלטנס אָנצוג. ער האָט אויך אינייַנעם מיט אונדז געשפּאַסט. ער האָט זיך געקלאַפּט איבער די נאַקעטע פיס אונ געזאָגט: „וואָס לאַכסטו? מייַנער צוליב געזונט פאַרברוינט. שטאָטישער מענטש פאַרברוינט ווערנ קענ, מייַנער אויך קענ. עך, באַלד באָדנ גיינ!"

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך פאַרגאָסנ אינ א געלעכטער וואַריעלע — איז ער דעם גאַנצנ וועג געפאָרנ אָנ הויזנ?

— אַזוי איז ער טאַקע געפאָרנ ביזנ לאַגער־אָרט, ווו מיר האָבנ גע־לאָזט די יורטע. דאָ האָבנ מיר אָפּגעבונדנ אונדזערע ציגנ אונ האָבנ צוגעלאָזט צו זיי די סייַגעלעך. זיי האָבנ זיך אָנגעזויגנ אונ האָבנ זיך געלייגט שלאָפנ אינ די ווארעמע טעפּיכער. אינדערפרי זייַנענ מיר אָפּ־

געפאָרנ קיינ אסטראכאנ, אונ פונדאָרטנ—צו אונדז, קיינ אסקאניא־נאָווא. פונ אָט די סייַגעלעכ האָט זיכ צעפרוכפערט אונדזער טשערעדע. האָסט געזענ הייַנט, וויפל זיי זיינענ פאראנ? אונ דו זאָגסט, צו וואָס האָט מענ זיי געבראכט צו פירנ?

— ניינ, איכ האָב נאָר געזאָגט, אז זיי שלאָגנ זיכ זייער...

— זיי שלאָגנ זיכ טאקע ווילד, דאָס איז ריכטיק. אָבער צי ווייסטו, וואָס פאר א כאיע דאָס איז? זיי זיינענ דאָכ אינ דער גאנצער וועלט אזוי ווייניק, אז מע ציילט זיי אפ די פינגער. אומעטומ איז שוינ די סייַגע אויסגעשטאָרבנ. דו גיב א פרעג דעמ פאפא דייַנעמ, ער וועט דיר דערציילנ, פונוואנענ זי שטאמט. דאָס איז דאָכ, עפשער, אנ אייניקל פונ דער כאיע סיוואטער, וואָס האָט געלעבט נאָכ פארנ מאבל; כ׳מיינ, נאָכ פארנ אייַז־פעריאָד פונ דער ערד. אכ, וואריעלע, וואריעלע! וואקס שוינ גיכער אויס, וועלנ מיר פאָרנ מיט דיר אינ די סטעפעס, אונ מירנ זענ, וויאזוי די סייַגע לעבט דאָרט, נאָכדעמ וועלנ מיר אָנשרייַבנ וועגנ איר א ווערק. מענטשנ וועלנ לייענענ אונ וועלנ אונדז אדאנק זאָגנ. מייַנ הארצ פילט— ניט לאנג שוינ וועט אפ דער פרייַהייט שפאצירנ דידאָזיקע כאיע.

— גוט—האָט געענטפערט וואריע—כ׳וועל זיכ סטאַרענ וואָס גיכער אויסוואקסנ אונ זיכ דערוויסנ אלצ וועגנ דער סייַגע. אָבער דו פונדעסטוועגנ היט אָפ אָט־אָ די אונדזערע, אפ וועלכער מיר זיינענ הייַנט שיר ניט ארופגעטראָטנ. זאָלנ זיי אויסוואקסנ אונ ברענגענ נאָכ אזויפיל.

— גוט,—פאראנ. נו, אונ איצט, ווארקע, לויפ גיכער צו דער מאמענ. זי קאָנ, נעבעכ, בעשומויפנ ניט כאפנ דעמ טאטנ צו דער וועטשערע, אונ אז דאָס טעכטערל וועט אויכ אָנהייבנ פארפאלנ ווערנ, וועט זי שוינ גאָר האָבנ גרויסע צאָרעס.

— גוט! כ׳לויפ. א גוטנ, זיידע מאקסימיטש!

אונ זי האָט זיכ געלאָזט לויפנ דורכנ הויפ אזוי גיכ, ווי עס האָבנ איר דערלויבט אירע קורצינקע פיסלעכ.

וואָלאָדקעס פאמיליע

I

עס איז שטיל, שטיל אפ דער ערד, וואָס איז אָנגעגליט, ווי א סקאָוואָ־ראָדע. עס גלאנצט אפ דער זונ דער זאמד. אינ דעמ זאמד שטייענ פיר ביימער. בא אונדז אינ פ.ס.ר.ר. זעט מענ ניט אזעלכע. זייערע הויכע שטאמענ זיינען אָנגעטאָנ אינ ווייכער קלאָטשע. די היצ איז דאָ אויכ אזא, וואָס בא אונדז טרעפט אזוי קיינמאָל ניט. ווענ די ביימער זאָלנ ניט אָנגעטאָנ זייַנ אינ קלאָטשע, וואָלטנ זיי טייקעפ אויסגעטריקנט געוואָרנ און וואָלטנ אומגעקומענ.

ווייַט פונ די ביימער—א בלאָווער פאס פונ א געשטרויכ־וועלדל. צווישנ די געשטרויכנ — א גלייַכ־אויסגעטראָטענע סטעזשקע. נאָר דאָס האָבנ ניט מענטשנ אויסגעטראָטנ, קיינ איינ מענטשלעכנ שפּור וועט איר אפ דער סטעזשקע ניט געפינענ. בלויז כאיעס גייענ דאָ דורכ צוויי מאָל א טאָג צומ וואסער.

איבער די קוסטעס האָט זיכ באוויזנ א רויִקער מייַעסטעטישער קאָפ. דער קאָפ האָט דעמזעלביקנ קאָליר, וואָס דער זאמד,—א גרוי־געלנ. גרויסע, שרויפיקע הערנער און גרויסע שווארצע, פּרעכטיק־שיינע אויגנ. און צווישנ זיי אפנ שטערנ—טונקעלע גרייַזעלעכ.

דער קאָפ האָט פויל א ריר געטאָנ מיט די אויערנ און האָט אָנגע־הויבנ לאנגזאמ צו שווימענ איבער די קוסטעס. א גוואלדיק גרויסער שווערער באלכיי איז ארויס אפנ פרייַענ פלאצ און האָט זיכ אָפּגע־שטעלט. ער איז געווענ העכער און גרעסער פונ א דערוואקסענעמ אָקס. זייַנ גלאטנ פליישיקנ קערפער האָט פארדעקט א קורצע ווייכע וואָל. פונ דידאָזיקע האָר האָט מענ גלייַכ געקאָנט זענ, אז דער באלכיי האָט קיינמאָל ניט צוטאָנ געהאט מיט קיינ קעלט.

פונעמ קינ איבערנ האלדז און ווייַטער, צווישנ די פעדערשטע פיס קימאט ביז די קני, איז באמ באלכיי ארָאפּגעהאנגענ א פעלכענער קנייטש, ווי א פאלד בא א קלייד. ווענ דער באלכיי האָט אויסגעדרייט

דעמ קאָפּ, האָט זיכ דער פּאלד שווער געטרייסלט אונ האָט זיכ געוויגט ווי א כוואליע.

יעדערער, ווער עס וואָלט איג דעמ מאָמענט א קוק געטאָנ אפּ אימ, וואָלט פריִער פאר אלצ געפרעגט: צו וואָס טויג אימ אָט די איבעריקע שווערע מאסע?—זי פּארטשעפּעט זיכ דאָכ געוויס בּא די קוסטעס אונ שטערט צו גיינ.

דער בּאלכײַ האָט זיכ אויסגעצויגנ, א גענעצ געטאָנ אונ האָט מיט פוילער ערנסטקייט זיכ אָנגעהויבּנ אראָפּלאָזנ איבּער דער סטעזשקע צו דער קליינער קאליעזשע, קעדיי אָנצוטרינקענ זיכ.

פּלוצימ איז צווישנ די קוסטעס דורכגעפלויגנ א ראשיק שנעלער שאָטנ. דער בּאלכײַ האָט זיכ אופגערעגט. מע דארפ וואָס גיכער זיכ אומקערנ אונ אנטלויפנ פונ דער געפאר. אָבּער דער בּאלכײַ קאָנ זיכ ניט אײַלנ. בּיזוואנענ ער האָט אויסגעדרייט זײַנ קאָלאָסאלנ קערפּער, האָט עפּעס א האָריקער קנויל זיכ פּײַל אויסנ בּויגנ א וואָרפ געטאָנ אונ האָט זיכ אימ אײַנגעבּיסנ אינ האלדז.

דער בּאלכײַ האָט זיכ א ריס געטאָנ, האָט פארגעסנ די גאנצע ערנסטקייט זײַנע אונ זיכ געלאָזט אנטלויפנ. מיט געפילדער אונ טראסק האָט ער זיכ שווער געטראָגנ איבּערנ קוסט-ווערלדל אונ האָט גאָרניט ניט געהערט אונ ניט געפילט, אויסער שרעק.

דער שווערער כוואליעקער פּאלד האָט זיכ געטרייסלט אפּ דער בּרוסט. א גרויסע שטיק פונ דעמ פּאלד איז ארויסגעריסנ געווענ. בּלוטיקע שטיקער האָבּנ זיכ געפלאָנטערט אונ האָבּנ געשמיסנ דעמ בּאלכײַ איבּער די פיס. זיי האָבּנ זיכ ווירקלעכ פארטשעפּעט פאר די קוסטעס אונ האָבּנ פארשאפט א שרעקלעכנ ווייטיק. דערפאר אָבּער, ווענ עס זאָלנ ניט זײַנ אָט די שטיקער, עס זאָל ניט זיינ דער פּאלד—וואָלט דער בּאלכײַ איצט געלעגנ ווי א טויטע מאסע, ווײַל דער האָריקער קנויל—דאָס איז געווענ דער אלטער רויבּער, דער לייבּ, אונ דער בּאלכײַ—די געשמאקע אנטי-לאָפּע—קאנא.

זי איז, עמעס, די גרעסטע אנטילאָפּע אינ דער וועלט. אָבּער וואָס

קאָנ זי טאָנ מיט איר ניטרירעוודיקייט, ווענ דערדאָזיקער רויבער פאלט אָנ שטילערהייט אונ סטארעט זיכ גלייכ איבערהויזענ דעמ האלדז?

אָט דאָ ראטעוועט זי ארויס דער פאלד. דער רויבער בייסט זיכ איינ מיט די ציינ, אָבער צומ האלדז איז נאָכ ווייט. ביז ער רייסט דעמ פאלד, קאָנ מענ זיכ נאָכ ארויסרייסנ אונ אויסדרייענ זיכ צומ רויבער מיט די הערנער. אונ קיינ הערנער האָט ער ניט ליב. הערנער זיינענ ניט אזוי געשמאק, ווי דאָס פלייש. —

II

עס איז ווידעראמאָל געווענ א ברענענדיקער אינדערפרי. דריי קאָנענ—הירש־ביקעס האָבנ זיכ געפאשעט אונטער באמבוק־ביימער. דער מעכטיקער אונ שטארקער „ער" האָט פונ צייט צו צייט אופגעהויבנ זיינ געגרייזלטנ שטערנ אונ האָט געקוקט אינ די זייטנ מיט זיינע שווארצע אויגנ. דערביי האָט זיכ יעדעס מאָל געוואָרפנ אינ די אויגנ א גרויסער־שניט אינעמ פאלד. א שטיק איז דאָ ארויסגעריסנ געווענ.

דאָס איז געווענ אונדזער אלטער באקאנטער. לעבנ אימ האָט זיכ געפאשעט די „זי". זי האָט געהאט פונקט אזעלכע הערנער, ווי דער „ער", פונקט אזא פאלד אונ אויכ קורצע האָר. פונעמ „ער" האָט זי זיכ אונטערשיידט בלויז מיט דעמ, וואָס זי איז געווענ א קלענערע אונ ניט אזוי פעט.

צווישנ די דערוואקסענע אנטילאָפעס איז ארומגעלאָפנ א קליינטשיק, נאָכ גאָר א נאריש ביקל. עס האָט געדרייט מיטנ דינינקנ עק, האָט זיכ געבריקעט, איז דרייסט אָפגעלאָפנ פונעמ פאָטער מיט דער מוטער ווייט אינ א זייט אונ דערנאָכ, א דערשראָקנס, צוגעלאָפנ צוריק אונ האָט זיכ באהאלטנ בא דער מאמענ אונטערנ בויכ.

ווענ די זונ האָט זיכ הויכ אופגעהויבנ, איז גאָר שווער געוואָרנ צו אָטעמענ. די קאנענ האָבנ זיכ באהאלטנ אונטער א שאָטנ, האָבנ, ווי בעהיימעס, אונטערגעבויגנ די קני אונ זיכ געלייגט אָפרוענ. דאָס ביקל, וואָס איז זיכ שטארק אָנגעלאָפנ, האָט זיכ איינגעאָרדנט צווישנ די עלטערנ אונ איז טייקעפ אנשלאָפנ געוואָרנ.

אָבער דער אלטער „ער" האָט ניט געקאָנט שלאָפנ. פונ צײַט צו צײַט האָט ער דערפילט, ווי עס טראָגט זיכ פונ ערגעצ א מאָדנער גערוכ. דער הירש־ביק האָט פריִער קײנמאָל ניט געהערט אזא גערוכ. אונ באלעכאָים האָבנ מוירע פאר אלצ, וואָס איז זײ ניט באקאנט.

דער „ער" האָט זיכ אופגעהויבנ אונ איז ארויס אפ אנ אָפנ אָרט. אינ א זײַט פונ אימ האָבנ א שאָרכע געטאָנ די קוסטעס אונ צענ טונקעלע נאקעטע פיגורנ זײנענ ארויס אפנ פלאצ. אײנער האָט א מאכ געטאָנ מיט דער האנט. א לאנגער ש...־פער שטעקנ האָט זיכ מיט ווײטיק אײַנגעגעסנ אינ דער פלײצע פונ דער קאנ.

ביז איצט איז דעמ הערש־ביק אויסגעקומענ צו באגעגענענ זיכ מיט פײַנט, וועלכע האָבנ זיכ געוואָרפנ אפ אימ, סטארענדיק זיכ אָנכאפנ מיט די צײנ דעמ פאלד, דעמ רוקנ, דעמ האלדז. אונ אָט־אָ די פײַנט האָבנ זיכ געביסנ פונדערווײַטנס. זײ זײַנענ געשטאנענ א טריט צוואנציק פונ אימ, אונ זײער לאנגער, שארפער צאָנ האָט דאָכ דערלאנגט צו אימ אונ האָט זיכ ארײַנגעשטאָכנ אינ דער פלײצע.

דער הירש־ביק איז אנטלאָפנ—ניט אהינ, ווו עס איז געבליבנ די „זײ" מיטנ קעלבל, נאָר אינ דער אנדערער זײַט. די נאקעטע שווארצע מענטשנ האָבנ אימ אָנגעהויבנ נאָכלויפנ, האָבנ געשריגנ אונ האָבנ געפאָכעט מיט די שפּיזנ. זײ האָבנ גלײַכ דערזענ, אז די שווערע, ניטרירעוודיקע אנטילאָפּע קאָנ זיכ ניט פארלאָזנ אפ אירע פיס. אזא כאַיע קאָנ ניט לאנג לויפנ.

זײ האָבנ אויסגערעכנט ריכטיק. די קאנ האָט אָנגעהויבנ גיכ מיד ווערנ. די מענטשנ האָבנ זי דעריאָגט, אונ די שארפע שפּיזנ האָבנ זיכ איר ארײַנגעשטאָכנ אינעמ רוקנ, אינ די זײַטנ, אינ די פיס. די קאנ האָט זיכ געוואָרפנ גיכער, אָבער אינ א מינוט ארומ איז זי נאָכ מער מיד געוואָרנ.

דאָס איז געווענ דער לעצטער געלויפ פונ דער גרויסער אנטילאָפּע. אינ א שאָ ארומ האָבנ זי די מענטשנ פארטריבנ, ביז זי האָט אינגאנצנ פארלוירנ די קויכעס, אונ זײ האָבנ זי דערשטאָכנ מיט זײערע שפּיזנ.

צוריק אהיימ זיינען זיי געגאנגען גליקלעכע, צופרידענע. אכט מענטשן האָבן געטראָגן אפ די פלייצעס באמבוק־שטעקנס, און אפ די שטעקנס זיינען געווען צעהאנגען שטיקלעך זיס קאנען־פלייש. צוויי מענטשן האָבן געטראָגן די שווערע נאָרוואָס אראָפגענומענע פעל. ביידע האָבן זיי, אפ וויפל עס האָט זיי דערלויבט די שווערע מאסע, צוגעטאנצט פון פרייד און האָבן אפ א קאָל געזונגען:

אָט איז די פעל פון דער קאנע דער שטאָלצער.
אָט איז די פעל פונעמ הירש־ביק דעמ גרויסן.
ניט קיין שארפע שפיזן, ניט קיין פלינקע פיילן
וועלן ניט דורכשטעכן די הארטע פעל.
כאָ־כאָ! מיר וועלן זי באארבעטן...
כאָ־כאָ! מיר וועלן זי אויסטריקענען...

די מענטשן האָבן געבראכט דעמ רויב צו זייערע געצעלטן. די טונקל־לייביקע נאקעטע קינדערלעך האָבן דערזען דעמ רויב און האָבן אָנגעהויבן שפרינגען. פון פרייד האָבן זיי זיך געפאטשט איבער די ליטקעס.

אינאָוונט איז אינעמ יישעוו געווען א סודע. די מענטשן האָבן געגעסן דאָס פרעכטיקע פלייש פונעמ הירש־ביק און האָבן הויך געגרעפּצט־ קעדיי צו ווייזן, ווי גליקלעך און צופרידן זיי זיינען. דערנאָך האָבן זיי אסאך געטאנצט און געזונגען לידער.

פון דער פרעכטיקער פעל האָבן די טונקעלע מענטשן אָנגעשניטן אסאך רימענס און שלייפן אפ צו כאפן ווילדע כאיעס. פון דער פעל האָבן זיי אויך געמאכט א צודעק פאר זייער פירער. זיי האָבן אימ באַ־ צירט מיט פעדערן און האָבן אימ באמאָלט מיט העלע געמעלן.

און דער אלטער פירער האָט זיך געפרייט, ווי א קליינ קינד. ווייל די גלענצנדיקע פעל, אין אָנגעצויגענע אפן וואָפן־שילד, וואָרפט אָפ די פיילן און בעיס א שלאכט ראטעוועט זי אָפ דאָס לעבן.

א שוּוער טופּענ פונ פיס אונ א טראסק פונ צווײַגנ האָבנ אופגעוועקט דאָס קליינע ביקל. אינ דעמזעלביקנ מאָמענט האָט זיכ דערהערט א דראָענדיקער טומל—דאָס האָבנ אָנגעהויבנ שרײַענ די מענטשנ, וועלכע האָבנ זיכ געיאָגט נאָכ זײַנ פאָטער.

זייערע געשרייענ זײַנענ געוועזנ אזוי שרעקלעכ, אז דעמ ביקל האָט ארומגעכאפּט א ציטער אונ עס האָט זיכ שיר ניט א וואָרפ געטאָנ לויפנ, ס׳האָט אָבער א קוק געטאָנ אפ דער מוטער—זי איז געשטאנענ אונ ניט גערירט זיכ פונ אָרט. עס האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז זי אָטעמט אפילע ניט.

אונ כאָטש זי האָט דעמ גאָרניט געזאָגט אונ ניט געוויזנ, איז עס אויכ פארגליווערט געוואָרנ, ווי זי. דאָס איז געווענ פונקט צודערצײַט, ווײַל אינ דעמ מאָמענט איז א טריט צענ פונ זיי דורכגעלאָפנ א טונקעלע פיגור. דאָס ביקל האָט פונ צווישנ די קוסטעס באמערקט פריִער די נאקעטע פיס פונ דער פיגור, אונ דערנאָכ שוינ, אסאכ שפּעטער—די פלייצע, דעמ קאָפּ אונ דעמ רוקנ.

ווענ אלצ איז שטיל געוואָרנ, האָבנ זיי זיכ געלאָזט גיינ אונ זײַנענ אוועק ווײַט אינ א צווייטער, קעגנִיבערדיקער זײַט. דאָרט האָבנ זיי באגעגנט נאָכ פינפ דערוואקסענע אנטילאָפּעס מיט דרײַ קליינע ביקלעכ אונ זיי האָבנ זיכ צו זיי פארייניקט.

פונ דעמ טאָג אָנ האָט אונדזער ביקל זיכ דערוווּסט, אז עס זײַנענ פאראנ פײַנט, וועלכע זײַנענ שרעקלעכער פונ לייבנ, טיגערס אונ אנדערע כאיעס. די נאקעטע מענטשנ איז אזוי געפעלנ געוואָרנ דאָס פלייש פונעמ הירש־ביק, אז זיי האָבנ אָנגעהויבנ אלצ אָפטער צו באווײַזנ זיכ אינ די קוסטעס אונ אפ די רו־פלעצער. זיי זײַנענ קיינמאָל ניט מיד געוואָרנ, אונ פונ זיי האָט מענ זיכ קימאט ניט געקאָנט א יסבאהאלטנ.

דאָס לעבנ איז געוואָרנ אומרויִק, געפערלעכ. די גאנצע צײַט האָבנ די אנטילאָפּעס פארבראכט אינ אויסע געוויינלעכער אָנשטרענגונג. אפילע בעײסנ שלאָפנ האָבנ זיי זיכ באדארפט וואכזאמ צוהערנ, צי וועלנ

ניט א שאָטנ טאָג ערגעצ די קוסטעס, צי וועט זיכ ניט דערהערנ דער געררוכ פונעמ נאקעטנ מענטשנ. ווי נאָר עפּעס, האָט מענ זיכ באדארפט אָפּרײַסנ פונעמ אָרט אונ לויפנ, ביז דער אָטעמ וועט ניט פארגיינ.

אונ דאָכ זיינענ אסאכ אנטילאָפּעס אומגעקומענ אונטער די שווערע קלעפּ פונ די פלינקע שפּיזנ, אונ דעריקער, אזא אומרויִק לעבנ האָט ניט געטויגט פאר דער אנטילאָפּע. דאס איז געווענ א גלימוטיקער באַל־כײַ, וואָס האָט זיכ דערנערט מיט גראָז אונ האָט קיינעמ ניט געטשעפּעט. אחוצ דעמ, איז דער קערפּער זיינער א גרויסער, ניטרירעוודיקער. אזא קערפּער נייטיקט זיכ פריִער פאר אלצ אינ רויִקייט. אונ אימ האָט מענ געצווּנגענ שטענדיק ארומפליִענ, טראָגנ זיכ פונ איינ אָרט אפנ אנדערנ, שטענדיק ארומלויפנ, ווי עפּעס א שאקאל.

אָט בא אזעלכע אומרויִקע באדינגונגענ איז אויסגעוואקסנ אונדזער ביקל אונ איז געוואָרנ א גרויִסער הירש־ביק. ער איז געווענ אסאכ דאַרער פונ זיינ פאָטער, די באוועגונגענ זיינע זיינענ ניט געווענ אזעלכע גלייַכמעסיקע אונ שטאָלצע. אָבער דערפאר איז ער געווענ אסאכ שטארקער, האָט געהאט לייכטערע אונ גיכערע פיס. זיינע הויפּט־כושימ—די ריִע, דאָס געהער אונ זיינ שמעק־געפיל, זיינענ פונ די שטענדיקע געפארנ געוואָרנ אסאכ שארפער אונ פילבאַרער, איידער באמ פאָטער.

צומ נאקעטנ מענטשנ האָט ער זיכ צוגעפּאסט אונ האָט זיכ אויס־געלערנט גרינג אויסצומייַדנ אימ. איינמאָל איז אָט וואָס פאָרגעקומענ: בעיִיִז א געיעג האָט זיכ דער הירש־ביק אָנגעשטויסנ אפ א מענטשנ—איינס אפ איינס. דער מענטש האָט אימ א ביס געטאָנ מיט זיינ לאַנגנ צאָנ. איז ער שטארק בייז געוואָרנ, האָט אופגעהויבנ דעמ מענטשנ אפ די הערנער אונ האָט אימ א וואָרפ געטאָנ. דער מענטש איז געפאלנ אינמיטנ צווישנ די קוסטעס, גלייַכ אפ די בויגעוודיקע צווייַגנ. ער איז ניט דערהארגעט געוואָרנ. די צווייַגנ זיינענ געווענ, ווי א מאטראַצ מיט פרוזשינעס. ער האָט א פליוכ געטאָנ אפ דעמדאָזיקנ מאטראַצ מיט די פיס ארופ אונ האָט שרעקלעכ אָנגעהויבנ קוויטשענ. דער הירש־ביק האָט זיכ דערשראָקנ נאָכ מער, איידער דער מענטש, אונ איז אנטלאָפנ.

אינאָוונט האָבנ די נאקעטע מענטשנ אינעמ ישעוו געשריגנ:

— די מעכטיקע קאנ האָט זיכ אָנגעהויבנ ווארפנ אפ מענטשנ. די שלעכטע קאנ דערהארגעט דעמ מענטשנ אונ שלינגט אימ איינ א לעבע־דיקנ. גיכ וועט די גרויזאמע קאנ קומענ צו גיינ צו אונדז אינעמ ישעוו אונ וועט אופרעסנ אונדזערע קינדער.

זיי האָבנ ניט געוווּסט, אז פערציק ווערסט פונ זיי, פונקט אינ אזא ישעוו גייט די קאנ געשפאנט, אקערט דעמ מענטשנ די ערד, אונ קליינע קינדער טרייבנ זי מיט א צווייגל, זיצנדיק רייטנדיק אפ איר רוקנ.

IV

איינמאָל האָבנ זיכ אינ ישעוו באוויזנ ווייכע מענטשנ פונ צאָפנ, מענטשנ אינ פארוכינעטע אנצוגנ אונ אינ היטלעכ פונ קאָרעק. אונ אָט איז אפ דער קאנ געקומענ דער לעצטער שרעקלעכער אומגליק.

די נאקעטע מענטשנ האָבנ זיכ ניט געיאָגט נאָכ דער קאנ צוליב שפייז, בלויז דערפאר, וואָס דאָס פלייש איז זייער א געשמאקס. די נייע מענטשנ פונ צאָפנ האָבנ זיכ אינעמ פלייש ניט געניייטיקט, זיי זיינענ אזוי אויכ געוועג זאט ביז אריבערינ האלדז. דאָרט, בא זיי אינדערהיימ האָבנ טויזנטער ארבעטער אונ פויערימ טאָג אונ נאכט געארבעט אפ זיי, אונ זיי האָבנ געהאט אלצ, וואָס נאָר זייער הארצ האָט געגלוסט.

זיי האָבנ נישט געטויט די קאנ, זיי האָבנ זי פאָשעט אויסגעראָטנ, אזוי זיכ, צוליב פארווייַלונג, בלויז קעדיי זיי זאָלנ זיכ קאָנענ בארימענ איינער פארנ אנדערנ:

— זעסט, וואָס פאר א דרייסטער, מוטיקער יעגער איכ בינ. פאר איינ טאָג האָב איכ אויסגעלייגט פינפ אזעלכע גוואלדיק גרויסע כאיעס.

זיי האָבנ ניט געקאָנט פארשטיינ, אז אינ דעמ שטעקט ניט קיינ שומ דרייסטקייט אונ מוטיקייט. ווי קומט אהערצו דרייסטקייט, ווענ די קאנ האָט זיי אפילע ניט געזענ. זיי פלעגנ זיכ באהאלטנ אינ די קוסטעס מיט זייערע גלענצנדיקע ביקסנ, וואָס האָבנ געטויט אפ א ווערסט פונדער־וויַיטנס. די נאקעטע מענטשנ, וואָס האָבנ א פארדראָס געהאט אפ דער

קאָנ פאַר דעמ, וואָס זי איז אָנגעפאַלנ אָפּ זייערנ א כאַוועֶר, האָבּנ געַ־
טריבּנ די כאַיע אַפּנ יעגער. עס האָט זיכ דערהערט א שיסעריַי, די כאַיעס
זיינענ געַפאַלנ. אָט דאָס איז די גאַנצע דרייסטקייט פונ די יעגערס.

די אומגליקלעכע קאַנענ האָבּנ זיכ אינגאַנצנ פאַרלוירנ. זיי זיינענ
איצט ארומגעלאָפנ גאַנצע טעג, זיי זיינענ שיינ געלאָפנ ניט פונ מענטשנ,
נאָר גלאַט אַזוי, גיטוויסנדיק וואוהינ אונ צו וואָס, וויַיל פונ יעטווידנ
קוסט האָט זיכ געקעגט דערהערנ א שאָס פונ א באַהאַלטענעמ פיַינט.

די גרויסע באַלעכאַימ פלעגנ אומקומענ, ווי פליגנ. מיט יעדנ טאָג

די ביקעס פירנ אפריקאנישע געסט

איז די צאָל זייערע אינ דעמדאָזיקנ אָרט געוואָרנ אלצ קלענער אונ קלענער. אונדזער הירש־ביק האָט זיכ אָפגעראטעוועט בלויז אדאנק גליק אונ אדאנק די גיכע פיס זיינע. אָבער געוויינלעכ, אויב ניט הייַנט, איז מאָרגנ, נאָר ער וואָלט אויכ אומגעקומענ. ער וואָלט געוויס אומגע־קומענ, ווענ ניט אָט דער גליקלעכער פאל.

אנטלויפנדיק וואָס ווייַטער פונ דער שיסערייַ, האָט דער הירש־ביק מיט זייַנ טשערעדע זיכ אָנגעשטויסנ אפ א פארטיע פארוסיניגע אָנבויגנ אונ הוטנ פונ קאָרעק.

פונאָנהייב האָט זיכ דאָ איבערגעכאזערט דאָסזעלביקע, ווי פריער: באקעטע מענטשנ האָבנ זיכ געיאָגט נאָכ דער טשערעדע, האָבנ אופ־געהויבנ א געשריי, האָבנ געטומלט. די דערשראָקענע בעלעכאַימ האָבנ זיכ געוואָרפנ אָנ א זייַט פונ יעדנ קוסט, מוירע האָבנדיק, או פונדאַנענ וועט זיכ דערהערנ א שאָס.

אָבער דאָס מאָל האָט קיינער ניט געשאָסנ, קיינ איינ בעלכייַ איז ניט געפאלנ. מע האָט זיי אביסל מער ווי שטענדיק געיאָגט, אונ דערנאָכ זיינענ זיי אריַינגעפאלנ עפעס אינ א גרויסנ הויפ, אנ ארומגעגרויזעטנ מיט קלעצער.

פונ דעמדאָזיקנ הויפ איז אונדזער הירש־ביק אינאיינעמ מיט פינפ דערוואקסענע „זינע" אונ מיט צוויי קעלבלעכ ארויס ארומגעבונדענע פונ אלע זייַטנ מיט שטריק. אינ דער באגלייטונג פונ א גאנצע ארמיי באקעטע מענטשנ אונ פונ פיר אָנגעטאָנענע, זיינענ זיי געגאנגענ פינפ טעג צופוס. דערנאָכ האָט מענ זיי אריַינגעזעצט אינ גרויסע שטייַגנ אונ מע האָט זיי אָפגעפירט: אפ פערד, אפ דער אייַזנבאנ, אפ א דאמפער, ווידעראמאָל אפ דער אייַזנבאנ אונ ווידעראמאָל אפ פערד. ענדלעכ, האָט איינער פונ די באגלייטערס געזאָגט דעמ צווייטנ:

— נו, אָט זיינענ מיר שוינ אינדערהיימ. אָט זעסט—אָט דער קייַלע־כיקער טורעמ, דאָס איז טאקע אונדזער אסקאניא־נאָווא.

פונ אפריקע, דורכ די גוואלדיקע שטרעקעס ערד אונ יאמ, זיינענ די אנטילאָפעס אָנגעקומענ קיינ אוקראינע.

דרײַ כאַדאָשימ האָט אונדזוער הירש־ביק פאַרבראַכט אינ א צימער, הינטער אײַזערנע גראַטעס. יעדנ טאָג פלעגנ קומענ מענטשנ, אָבער דאָס זײַנענ געווענ עפּעס ניט קײנ געוויינלעכע מענטשנ. זײ האָבנ זיכ ניט געבּיסנ, האָבנ ניט געוואָרפנ קײנ שאַרפע שפּיזנ, האָבנ ניט געשאָסנ. פאַרקערט, זײ זײַנענ געווענ זײער ליבלעכ, אונ דעריקער—יעדנ טאָג האָבנ זײ פּינקטלעכ געבראַכט א גרויסנ הויפנ געשמאַק הײ אונ אביסל קלײַענ.

פונאָנהויב איז געווענ שרעקלעכ צו עסנ דאָס, וואָס שמעקט מיט א גערוכ פונ מענטשלעכע הענט. נאָר הונגער איז קײנ שפּילכל ניט, דערצו איז נאָכ אונדזוער הירש־ביק פונ דער נאַטור געווענ א גוטמוטיקער אונ נישט קײנ בײזער באַלכײַ. גאָר גיכ האָט ער שוינ ניט בלויז געגעסנ דאָס, וואָס עס האָט געשמעקט מיט מענטשלעכע הענט, נאָר ער האָט אויכ דערלויבט דידאָזיקע הענט צורירנ זיכ צו אימ.

מע האָט אימ א נאָמענ געגעבנ וואָלאָדקע, אפנ נאָמענ פונעמ מענטשנ, וואָס האָט אימ געבראַכט צו פירנ. צומ סאָפ פונעמ דריטנ כוידעש האָט ער זיכ אזוי צוגעווינט צו דעמדאָזיקנ נאָמענ, אז ער פלעגט אויסקערעווענ דעמ קאָפ, ווענ מע האָט אימ אזוי גערופנ. דעמאָלט איז געקומענ צו גײנ א מענטש מיט א פליכ אונ אינ ברילנ אונ האָט אימ אָנגעהויבנ אויסמעסטנ פונ קאָפּ ביז די פיס.

דערנאָכ האָט זיכ די טיר פונעמ געשטאַל געעפנט, אונ דער מענטש, וואָס איז געשטאַנענ אינעמ שכײנישנ געשטאַל, האָט אויסגעשטרעקט צו וואָלאָדקענ א בינטל גראָז. קעדײ צו באַקומענ דאָס גראָז, האָט מענ באַדאַרפט דורכגײנ א קורצינ־שמאָל קאָרידאָרל. וואָלאָדקענ האָט זײער געצויגנ צומ גראָז, ער האָט פאָרזיכטיק אַוועקגעשטעלט דעמ שווערנ פוס אפנ הילצערנעמ דיל פונעמ קאָרידאָרל אונ איז לאַנגזאַמ אינגאַנצנ אהינצו ארײַנגעקראָכנ. דעמאָלט האָבנ זיכ פלוצימ סײַ פונפאָרנט, סײַ פונהינטנ פאַרמאַכט די טירנ. וואָלאָדקע האָט זיכ א פאַרוווּנדערטער אָפּ־

געשטעלט. דאָס האָט טאקע דער מענטש געוואָלט. ער האָט געוואָלט אָפּוועגנ די נײַע אנטילאָפּע. איז ווי זאָל מענ זי, אזא מאכ״נע, אוועקשטעלנ אפ דער געוויינלעכער וואָג? וועסט זי דאָכ ניט בעטנ:

— כאווער וואָלאָדקע, גיי׳ ־רופּ, זײַט אזוי׳ גוט, אפּ דער וואָג.

אָט צוליב דעמ האָט מענ ־עמאכט דאָס הילצערנע קאָרידאָרל. אינ־דערעמעסנ איז דאָס געוועננ א געוויינלעכע וואָג, נאָר מיט הויכע ווענט־לעכ, מע זאָל זיכ הינטער זיי קאָנענ באהאלטנ אונ זעענ דעמ ווײַזער פונ דער וואָג.

וואָלאָדקע האָט זיכ אָפּגעשטעלט. דער ווײַזער אפ דער וואָג האָט געוויזנ 720 קילאָגראמ.

— אָ, אָ—האָט געזאָגט דער מענטש.—פאר אנ אָנהויב איז דאָס ניט שלעכט.

וואָלאָדקע איז אינקאעס געוואָרנ אפ דער טיר אונ האָט שוינ אָנגעבויגנ די הערנער, קעדיי א זעצ טאָנ איבער איר ווי עס דארפ צו זײַנ. אָבער די טיר האָט זיכ אליינ געעפנט אונ האָט אימ ארויסגעלאָזט.

וואָלאָדקע איז מעיושעוודיק ארויס אפ דער פרײַהייט. ער האָט מיט שטאָלצ געטראָגנ זײַנ גרויסנ געגרײַזלטנ קאָפּ מיט די גלאנצנדיקע הערנער. דער ברייטער פאלד האָט זיכ געשאָקלט בא אימ אפנ האלדז אונ אפ דע־ ברוסט, אונ די הויט האָט זיכ געקנייטשט אונ צונויפגעלייגט זיכ, ווי זי זאָל קוועלנ, פילנדיק די זונ אונ דעמ ווינט.

דער הירש־ביק איז ארויסגעאנגענ אפנ טרוקנ־גראָזיקנ סטעפּ אונ דאָ האָט ער פּלוצימ אינגאנצנ פארלוירנ זיינ ערנסטקייט. ער האָט ארא־פּגעלאָזט דעמ קאָפּ, האָט א מרוקע געטאָנ, ווי א קעלבל, האָט א קלאפּ געטאָנ איבער דער לופט מיט זײַנ געזונטנ פוס.

צו זײַנ גרויס וווּנדער האָט ער דאָרט געפונענ ניט בלויז יענע אנטי־לאָפּעס, וואָס זיינענ מיט אימ געפאָרנ, נאָר אויכ אנדערע, פּונקט אזעלכע, ווי יענע.

אינ די ערשטע טעג איז וואָלאָדקע מאמעש צעמישט געוואָ־נ פונ דער פרײַהײַט. ער האָט די גאנצע צײַט באגעגנט שווארצע אנטילאָפּעס,

בייזעס, נילהאו, גנועס—אָט די אלע כאַיעס, מיט וועלכע ער פלעגט זיכ באַגעגענען בא זיכ אינדערהיימ. אונ ער האָט זיכ, ווייַזט אויס, פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז אפריקע. ער איז זייער וואכזאמ געשלאָפנ, האָט זיכ שטענדיק צוגעהערט אונ צוגעשמעקט: צי וועט ניט אַרויספּליִענ פונערגעץ א שטארקהאָריקער לייב, קעדיי אייַנצובייַסנ זיכ אינ זייַנ האלדז, צי וועט ניט שמעקנ מיטנ רייעכ פונעמ נאַקעטנ מענטשנ.

אָבער די נייַע אפריקע איז געווענ א מאָדנע לאנד: דאָ איז ניט געווענ קיינ אייַנ פייַנט, קיינ שומ געפאר. אונ וואָלאָדקע האָט זיכ דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ דערפילט, ווי אַנ עמעצער הירש־ביק—אזא, ווי אימ האָט געשאפנ די נאטור.

VI

פונ דאנ אָנ איז אוועק נייַנ יאָר. הינטערנ דניעפּער, אינעמ ברייטנ אוקראַיִנישנ סטעפּ גייט איצט אומ א טשערעדע ווונדערבאר־שיינע באַלעכאַיִמ. מיט יעדנ יאָר לויפנ ארומ ארומ זייערע זאָרגזאמע מוטערס אלצ מער קלייניקע שטיפערישע קעלבלעכ, מיט יעדנ יאָר פאשענ זיכ אלצ מער אונ מער געזונטע גרויסע ביקעס אונ היטנ אָפּ די אָפּגעקעלבטע „זיִענ”.

די אנטילאָפּעס זייִנענ אינגאנצנ היימיש געוואָרנ אונ האָבנ אופגעהערט מוירע צו האָבנ פארנ מענטשנ. אינאָווונט, ווי נאָר עס הייבט זיכ אָנ זעצנ די זונ, קומענ זיי אלײנ צו די סעדער אונ געבייַזדעס פונעמ ישעוו, גייענ אלײנ ארייַנ אינעמ טויער פונעמ פארטרייַב־הויפ, ווו מע האלט זיי אופ, אונ לייגנ זיכ שלאָפנ. באנאכט שלאָפנ שטיל אונ אָנ זאָרג די „זיִענ” אונ די יוגנט, אונ די אלטע ביקעס שטייענ איבער זיי ניט רירנדיק זיכ, ווי סטאטועס, אונ זייערע לאנגע הערנער, אָפּגעבויגענע אפ צוריק, ציִענ זיכ צומ שטערנדיקנ הימל.

דער פונ אלעמענ אנערקענטער טשערעדע־פירער איז דער ביק, וואָס איז גרעסער, שטארקער אונ שענער פונ אלע אנדערע. דאָס איז אונדזער פייַנט וואָלאָדקע. פאר די צענ יאָר זאט לעבנ האָט ער זיכ פאריכט אונ

איז פעט געוואָרנ. די פעל איז בא אימ געוואָרנ א גלאטע, ווי אטלעס, די קוטשעראווע גרייזעלעכ אפנ שטערנ האָבנ זיכ נאָכ מער פארגרייזלט. ווי נאָר ער האָט זיכ באפרייט פונ יעטווידע פיינט אונ געפארנ, האָט זיכ צו אימ אומגעקערט די פאָטערישע פוילקייט אונ רויִקייט. מיט דער שטאָלצקייט אונ רויִקייט פונ זיינע באוועגונגענ וואָלט ער איצט אריבער־געשטיגנ זיינ פאָטער.

אונ נאָר דאנ, ווענ עס קומט אימ אויס צו פארטיידיקנ זיינ רעכט אפנ נאָמענ פונעמ טשערעדע־פירער, דערוועקט זיכ אינ אימ זיינ ווילדע קראפט. אונ קאָנקורענטנ ווערנ אלצ מער. אָט וואקסנ דאָכ אינ דער טשערעדע זיינע אייגענע זינדלעכ—א גאנצער דריילינג. שוינ ניט רעכע־נענדיק יענע, וואָס מע האָט פארקויפט אינ די שטאָטישע זאָאָפארקנ.

עמעס, אלע זיינענ זיי א גאָרניט קעגנ אימ. דאָס זיינענ שוינ עפעס ניט יענע אנטילאָפעס, זייערע אויגנ זעענ ערגער, די נאָז נעמט שווערער אופ גערוכנ, די אויערנ הערנ שוינ ניט אזוי. אינ א געשלעג זיינענ זיי שוינ אינגאנצנ ניטרירעוודיק.

אָבער עס איז דאָ צווישנ זיי איינער, וואָס מיט אלעמענ איז ער דער אויסגעגאָסענער טאטע, ווי ער וואָלט נאָרוואָס געקומענ צו פאָרנ פונ אפריקע. דאָס איז דער שטאָלצ פונעמ עלטערנ ארבעטער סאשקאָ—בוש־מענ. סאשקאָ האָט אימ אויסגעכאָוועט פונ א סאָסקע, האָט אימ דערצויגנ אונ איצט באווייזט ער אימ אלעמענ:

— איר גיט א קוק אפ מיינ בושמענ. ווו האָט איר געזענ אזא שיינ־הייט, א? ווארט, ער וועט ווייט אריבעריאָגנ אייער וואָלאָדקענ.

אונ אינדערעמעסנ... אָט דאָס כוצפעדיקע זונדל גראָבט זיכ אונטער אלצ דרייסטער אונ דרייסטער אונטערנ פאָטער. א פאָר מאָל האָבנ זיי שוינ געהאט א געשלעג. בושמענ איז אנטלאָפנ, אָבער וואָלאָדקע האָט געפילט, אז דער עמעסער אנטשיידנדיקער שלאכט שטייט נאָכ פאָר. עס איז ניט באוווסט, ווער פונ זיי וואָלט לעבנ געבליבנ אינ דעמדאָזיקנ שלאכט, ווענ מענטשנ מישנ זיכ ניט אריינ אינ זייער קריגעריי.

איינמאָל איז אינ סטעפ געקומענ צו גיינ פאוועל פעדאָטיטש מיט

סאשקאָנ אונ מיט נאָכ א מענטשנ, אַנ אָנגעפּאָרענעמ. וואָלאָדקע אונ בּושמענ האָבּנ זיכ פּונקט אינ דעמ מאָמענט געפּאשעט א־ניינעמ. פּאוועל פּעדאָטיטש האָט מיט שטאָלצ אָנגעוויזנ אפ זיי דעמ אָנגעפּאָרענעמ:

— ווי געפעלנ אײַכ אָט־אָ די יאטלעכ, איר טוט נאָר א קוק אפ דער גרויסקייט פונ זייערע בּיינער. ווענ מיר וועלנ אפּ אָט די בּיינער אָניאָגנ וואָס מער פלייש, אונ ווענ מיר וועלנ אָט די באלעבאָ:ימ צעפּרוכפּערנ אינ אזא צאָל, לאָמיר זאָגנ, ווי כאזיירימ, וועלנ מיר דאָכ פּארוואָרפנ די גאנצע וועלט מיט פלייש, אונ מיט וואָס פאר א גלענצנדיק פלייש! אונ איר האָט א פאָרשטעלונג וועגנ די טעכנישע מײַלעס פונ זייערע פעל?

— י־י־יאָ—האָט אפגיכ אײַנגעשטימט דער אָנגעפּאָרענער, ניט דער־הערנדיק בּיזנ סאָפ. אפ יעדנ פאל, האָט ער זיכ אָפּגערוקט וואָס ווײַטער, ווײַל די „יאטלעכ“ האָבּנ אופגעהויבּנ זייערע לאנגע הערנער אונ האָבּנ אויסגעגלאָצט אפ אימ די אויגנ.

— איר ווייסט וואָס—האָט פאָרגעזעצט פּאוועל פּעדאָטיטש—מיר וועלנ אײַכ געבּנ אָט דעמ אָ, בּושמענ. עס גלוסט זיכ ניט אָפּגעבּנ אזא שיינעמ באָכער, נאָר מע מוז: אניט וועלנ זיי זיכ דערשטעכנ אײנער דעמ אנדערנ.

סאשקאָ איז מאמעש אופגעשפּרונגענ:

— וואָס הייסט? אָפּגעבּנ בּושמענ? וואָס רעדט איר, פּאוועל פּע־דאָטיטש?

דעמ אָנגעקומענעמ האָט געשיקט דער לענינגראדער זאָאָפּארק, ער זאָל קויפנ אינ אונדזער יִישעוו אײנ קאנ־בּיק. סאשקאָ האָט זיכ א לאנגע צײַט געשפּארט פאר בּושמענ, האָט פאָרגעלייגט אנשטאָט אימ אנ־דערע, אָבּער סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער אנערקענט, אז אָנדערש קאָנ מענ ניט.

— הערט נאָר אויס, אונ ווי מיינט איר—האָט געפרעגט דער אָנגע־קומענער,—איר רעכנט אימ אָפּשיקנ אינ א שטײַג?

— צוליבּ וואָס אינ א שטײַג? דאָ וועלנ מיר אימ אײַכ אָנלאָדנ אינ וואגאָנ ארײַנ, אונ דאָרטנ איז ווי אײַכ וועט געפעלנ.

— ניינ, איר ווייסט, אזוי בינ איכ ניט מאסקימ. ו.ע׳ ווייסט אימ, פּאָרט עפּעס א ווילדע כאיע. אָט וואָס פאר א געזונטע הערנער ער האָט! איר שיקט אימ בעסער אָפּ מיט אײַערנ א מענטשנ. מיר וועלנ דעקנ אלע הויצאָעס. אנדערש וויל איכ ניט ריזיקירנ.

— פּאוועל פּעדאָטיטש, עפּשער וואָלט איכ מיט אימ פּאָרנ—האָט זיכ געבעטנ סאשקאָ.—ס׳איז דאָכ פונדעסטוועגנ א ראכמאָנעס, ער איז דאָכ מיר ווי א קינד. אונ איכ וועל אימ שוינ ברענגענ א גאנצנ.

— נו, פּאָרוואָס ניט, פּאָר, ארבעט איז איצט פאראנ ניט קיינ סאכ.

VII

איר קענט לענינגראד? דאָס איז א גרויסע שטאָט, וואָס וווּנדערט זיכ אפּ גאָרניט. פליט דורכ אנ אעראָפּלאנ—וועט קיינער אפילע קיינ קוק ניט טאָנ אפּ אימ. הייבט אָנ רעדנ אפּנ פּלאצ א באהאלטענער הויכ־ריידער—אנטלויפנ די יינגלעכ: ווי איינער רעדט, טשעפּע זיכ אָפּ, האָסט אונדז דערעסנ מיט דיינע אָפּערעס.

אָבער הײַנטיקנ זומער האָבנ די לענינגראדער פארלוירנ זייער גלײַכ־גילטיקייט. זיי האָבנ זיכ ניט בלויז געוווּנדערט, זיי זיינענ מאמעש גע־לאָפנ איבער דער גאס, האָבנ אינ פולנ גאנג ארויסגעטאנצט פונ די טראמווײַענ, האָבנ געשריגנ, זיכ געשפּארט אונ האָבנ ניט געהערט די מיליציאָנערנ.

— וואָס איז עס מיט אײַכ, בירגער. איר זײַט דאָכ ווי דאָרפסלײַט—האָבנ זיכ געפּרוווט צו מוסערנ זיי די מיליציאָנערנ. אָבער די לענינגרא־דער האָבנ פארגעסנ, אז זיי זיינענ לענינגראדער. זיי האָבנ געטומלט, ווי יענע נאקעטע, אפריקאנישע מענטשנ.

אָבער דאָס מאָל האָט מענ די קאנ ניט דערהארגעט, ניט פּאָריאָגט, פּארקערט, ער איז געווענ א גלאטער, אנ אויסגעהאָדעוועטער אונ האָט זיכ געהאלטנ מיט שטאָלצ אונ ערנסטקייט. ער האָט רויִק מארשירט לענגויס דעמ אָקטיאבער־פּראָספּעקט, האָט געקוקט אפּ די אפּישעס אונ אפּ

די באַוועגלעכע רעקלאַמעס און האָט פֿון צײַט צו צײַט אָנגעבויגן די הערנער אַנטקעגן דעם הודזשעדיקן אויטאָמאָביל.

סאַשקאָ איז געגאַנגען פֿאַרויס. מיט אַ שאָ צוריק האָט ער אויסגעלאָדן זײַן ליבלינג פֿונעם וואָגאָן, ער האָט אים אַרופֿגעוואָרפֿן אױף די הערנער אַ שטריק, דעם צווייטן עק פֿונעם שטריק האָט ער אַרונטערגעלייגט זיך אונטער דער פּאַכווע, און אַזוי האָבן זיך ביידע פֿרײַנט געלאָזט צופֿוס אינעם זאָאָפּאַרק.

ניט ער, ניט דער צווייטער האָבן ניט געקאָנט באַנעמען, פֿאַרוואָס טומלען עס אַזוי די מענטשן, און אַ גרויסער אוילעם לויפֿט זיי נאָך? פֿאַרוואָס שרײַט דער אויפֿגערעגטער מיליציאָנער און פֿאָדערט דרײַ רובל שטראָף?

סאַשקאָ האָט זיך געסטאַרעט ניט צו ווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיי. ער האָט שטיל געקלאַפּט בושמענען איבער דער פּלייצע און האָט אים ליבלעך באַרויִקט און אונטערגעטריבן:

— גיי, גיי, בושעלע, און קוק זיך אױף זיי ניט אום.

סאָפּקאָלסאָפּ איז ער אַרויס פֿון געדולד, האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן שרײַען אויף איינעם אַ באָכער:

— טראָג זיך אָפּ, יאָט. נו, וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן? אַ וווּנדער האָט ער דערזען. אַ היימישע קאָנ.

דעם זיידנס פּידזשאַקל

I

ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ פּיצל, האָט זיך באַ אונדז געטראָפֿן אַ געשעעניש. אליין געדענק איך עס ניט, ווײַל איך בין נאָך געווען זייער אַ קלייניקע, נאָר מע האָט מיר דערציילט וועגן דעם.

איינמאָל האָט זיך דער זיידע מײַנער וואַסילי לוואָוויטש,—ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ ווײַסע באָרד,—אומגעקערט פֿון כאַרקאָוו אין אַ נײַעם פּידזשאַק. דער פּידזשאַק איז געווען זייער אַ גוטער. מע

האָט אים אופגעגייט לויט א ספּעציִעלער באַשטעלונג. אָבער אַלע זיינע אַנטציקט געווען ניט פונעם שניט, נאָר פון דעם שטאָף.

— טוט א קוק ס׳אַרא לייַכטער ער איז, אַן אַנגעגענעמענער, א שייַ־נער—האָט זיך באַרימט דער זיידע.—דאָס איז דאָך צוואַנציק מאָל בעסער פון אַלע אייַערע זײַדנס. א מאַטעריאַל—ערשטער סאָרט. עמעס, די פּרײַז איז אויך ניט קיין קליינע.

— און וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר דעמדאָזיקן שטאָף?

— אַכט קאַרבן אַן אַרשין און נאָך מיט קאָפּיקעס,—האָט פֿײַערלעך דערקלערט דער זיידע.

די מאַמע מײַנע איז געזעסן מיט מיר אויף דער טעראַסע. דערהערט אַזאַ פּרײַז, וואָס פאַר יענע צײַטן איז עס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן. זי איז געווען זייער יונג, און איר האָט זיך געוואָלט א קוק טאָן אויף אָט דעם ניט געוויינלעכן שטאָף. זי האָט מיר אַרײַנגערוקט אין האַנט דאָס קלאַפּערל, האָט מיך אוועקגעזעצט אויפן דיל און איז אַנטלאָפן.

און איך בין דערווייַל צוגעקראָכן צום ראַנד פון דער טעראַסע און בין אַראָפּגעפאַלן אויף אונטן.

אָט אַזוי טאַקע האָבן זיך פאַרגעדענקט ביידע געשעענישן. אינדער־היים פלעגט מען שטענדיק זאָגן:

— דאָס איז געווען, ווען דער זיידע האָט געקויפט דאָס שוואַרצע פּידזשאַקל. אָליע איז דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן פון דער טעראַסע.

פון יענער צײַט איז אוועק דרײַסיק יאָר. די אַלע דרײַסיק יאָר האָט דער זיידע געטראָגן זיין שוואַרץ לײַכט פּידזשאַקל, ווי זאָגט מען עס, ניט אַראָפּנעמענדיק פון זיך, דאָס הייסט, יעדן טאָג. און דאָס פּידזשאַקל, ס׳זאָל זיך כאָטש וויפל ניט איז ענדערן. ווי עס איז געווען, אַזוי איז עס געבליבן—א שוואַרצס, א פרישס, א גלאַנצנדיקס.

און פיל מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן, ווי דעם זיידנס האָבן געפרעגט פרײַנט, באַקאַנטע און אַזוי זיך מענטשן, וועלכע ער האָט באַ־געגנט אויפן גאַס:

— זאָגט, זײַט מויכל, וואָס איז דאָס פאַר א גלאַנצנדיקער מאַטעריאַל, פונ וועלכנ עס איז אופגענייט אײַער פּידזשאַקל? דאָס איז, ווײַזט אויס, וואָלנס. פאַרוואָס זשע איז עס אַזאַ גרינגס אונ זעט אויס, ווי עפּעס אויסערגעוויינלעכער זײַד?

דידאָזיקע פראַגעס האָבנ שטענדיק געפרייט דעמ זיידנ. ער האָט ביקלאַל ליב געהאַט צו ריידנ אונ צו באַקענענ זיך מיט מענטשנ. מיט יעדנ, פונ קליינס ביז גרויס, איז ער געווענ איידל אונ אופמערקזאַמ, יעדנ האָט ער גערופנ „יונגערמאַנ", ווײַל אַליינ איז ער געווענ עלטער פונ אַלע.

— ווי איך זע, האָט איר, יונגערמאַנ, א זעלטענעמ געשמאַק—פלעגט ענטפערנ דער זיידע.—דערדאָזיקער מאַטעריאַל, זעט איר, דינט שוינ ניט קיינ קליינע צייט. דרײַסיק יאָר טראָג איך אימ, ניט אראָפּנעמענדיק פונ זיך, אונ יעדנ יאָר פרעגט מענ, ווו האָב איך געקויפט דאָס נײַע פּידזשאַקל. כאַ־כאַ...

— דרײַסיק יאָר? איר שפּאַסט.

— אָבער ניינ, יונגערמאַנ, איך רעד, זאָג איך אײַך, אינגאַנצנ ערנסט.

אַלע אַרומ דעמ זיידנ פלעגנ אַנטציקט ווערנ אונ פלעגנ בעטנ, ער זאָל זיי דערלויבנ א טאַפּ טאָנ דעמ מאַטעריאַל. ער פלעגט מיט פרייד דערלויבנ אונ זיך אויסדרייענ צו דער שײַנ. אונ ביזוואַנענ זיי האָבנ ב׳טראַכט דעמ שטאָפ, פלעגט ער זאָגנ:

— דאָס, זײַט וויסנ, איז וואָל פונ א דאָרעמ־אַמעריקאַנישנ באַלכײַ, פונע׳ זינ לאַמעס. דער באַלכײַ הייסט אַלפּאַקע. מיינט ניט, אַז דאָס איז א געפאַרבטער שטאָפ. דאָס איז דער עמעסער נאַטירלעכער קאָליר פונ א שוואַרצער אַלפּאַקע. וואָל פונ אַנ אַלפּאַקע פלעגט מענ אַרײַנפירנ צו אונדז פונ דאָרעמ־אַמעריקע, אונ זי איז געגאַנגענ אָפּ די הויכסאָרטיקע געוועבנ. איך קאָנ באַשטעטיקנ—דאָס זיינענ זעלטנ גוטע געוועבנ.

— אַכ, ס׳א שיינקייט. איר ווייסט ניט, בא אונדז זיינענ אינערגעץ ניטאָ אַזעלכע לאַמעס, צי דענ האָט מענ בא אונדז אינ פ.ס.ר.ר. ניט געפּרוווט אויסכאָוועג זיי?

— א, אָט האָט איר—און דער זיידע פלעגט פּאַרטעטריש אָנווייזן אַפּ מיר.—כ׳שטעל אייך פאָר מײַן אייניקל. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז אַלע בוצלעכע כאַיעס פון אַלע לענדער דאַרף מען זיך פּרוּוון אויסכאָוועם אין אונדזער פאַרבאַנד. אָט זי ווייסט שוין, ווו וועמען מע כאָוועט אויס.

געוויינטלעך, פלעגט מען מיך אָנהויבן אויספרעגן, און איך האָב מיט פאַרגעניגן דערציילט וועגן יענע לאַמעס, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַקענען זיך אינעם קליינעם אוקראַיִנישן יִשעוו.

אַזויאַרום האָבן זיך פיל דערוווּסט וועגן פּאַכאָמען, וועגן דער שטאָלצער, וועגן שאָקאָלאַדקען, וועגן דער בונטער און וועגן דעם קליינעם טשאַרלי טשאַפּלין.

אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך וועגן זיי נאָכאַמאָל דערציילן.

II

דער געל־ווײַסער „ער“, די לאַמע פּאַכאָם, האָט מיט גײַווע אופגעהויבן דעם קאָפּ און איז אָפּגעגאַנגען פונעם פּאַרקן. זײַן מאָרדע האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

„איך האָב געמיינט, אינדערעמעסן עפּעס רעכטס, און דאָרטן קוקן פּאָשעט דורכן שפּאַלט אַפּ מיר צוויי מענטשישע קינדערלעך.

— טפּרוס, טפּרוסענקע! קום אַהער. נאַ דיר ברויט.

פּאַכאָם האָט זיך מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג אומגעקערט און האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּן, ווי איינער רעדט: „לאָזט מיך צורו. נו, וואָס ווילט איר פון מיר?“ אָבער ער האָט זיך באַטראַכט, איז מיט דערזעלביקער פאַראַכטונג צוגעגאַנגען און האָט א קוק געטאָן אַפּ די מיידלעך פונויבן איבערן פּלויט.

ער איז גאָרניט געווען אַזאַ גרויסער. דער קאָפּ נאָר איז געווען א הויכער, יעדנפאַלס, די גײַווע איז בא אים געווען אַסאַך א גרעסערע, ווי דער וווּקס זײַנער. און געהאַלטן האָט ער זיך אַזוי ערנסט—נו, מאַמעש א קעמל.

אָבער אַ קעמל, פאַרגעסט ניט, האָט אַ הויקער, אָדער אַפּילע צוויי הויקערס. כוץ דעם, איז ער זייער אַ גרויסער. ווײַטער, איז דער קעמל באַרענגט שויִן טויזנטער יאָרן נוצן דעם מענטשן. ער האָט מיט וואָס צו שטאָלצירן.

און פּאַכאָמס אַמעריקע האָט מען גאָרניט לאַנג אַנטדעקט. פּריִער האָט וועגן איר קיינער ניט געוווּסט אַפּילע. אַלײן איז פּאַכאָם אַ נידעריטשקער, מיט מאַזאָליעס אויף די קורצע פּיסלעך און מיט אַ האַלדז אַזאַ לאַנגן, אַז עס איז פּאָשעט אַ געלעכטער. דער האַלדז איז אַסאַך לענגער פון די פיס.

נו, צי דאַרף אַזאַ קריפּל זיך האַלטן אַזוי גרויס און קוקן אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ און זיך גלייכן מיטן קעמל? עמעס, מע זאָגט, אַז אַמאָל האָבן די לאַמעס און די קעמלען געהאַט איינעם און דעמזעלביקן פֿאָטער. אָבער דאָס איז דאָך געווען לאַנג, לאַנג אַמאָל, און כוץ דעם, מיין איך ניט, אַז פּאַכאָם זאָל וועגן דעם וויסן.

די מיידעלעך האָבן ניט געזען, אַז פּאַכאָם קוקט אויף זיי פון ויבן איבערן פּלויט. זיי האָבן נאָך אַלץ געקוקט דורך דער שפּאַרונע און זיי האָבן געזען בלויז זייַן ברוסט און די פיס. לענע האָט געררוקט אין דער שפּאַרונע אַ שטיקל ברויט און האָט אים איינגערעדט:

— נעם, נעם, פּאַכאָמעלע. נעם, האָב ניט מוירע. אוי, ס׳אַראַ פּאַטלעס ער האָט. זע, וואַריע: די האָר הענגען אַראָפּ, ווי אייַז־שטרעמלעך.

און פּלוצים האָט אָט דער כוצפּעדיקער פּאַכאָם גענומען און אַ שפּייַ געטאָן אויף זיי פון אויבן. אָט ווי ער האָט אָפּגעדאַנקט די מיידעלעך דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים געוואָלט מעכאַבעד זייַן מיט ברויט.

— נו, האָט מען זיי עס צעלאָזט, די כאַיעס — האָט געזאָגט וואַריע פונקט אַזוי, ווי דאָס פּלעגט זאָגן איר פּאָטער.

לענע האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שפּייַ און האָט געדראָט פּאַכאָמען מיטן פינגער:

— אָ, דו, נאַר איינער, אָט וועל איך רופן דעם אינדיאַנער מיט מאַטווייקען, וועלן זיי דיר אָנרייַבן אַ מאָרדע.

דאָס שטיקל ברויט איז געבליבנ שטעקנ אינ דער שפארונע פונעמ פארקנ. פאכאָמ האָט עס דערזענ אונ האָט עס אפילע א שמעק געטאָנ פונדערווײַטנס. אָבער ער האָט זיכ ניט אנטשלאָסנ צו נעמענ עס מיט די ליפנ, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט וויסנ, וואָס איז דאָ דער מיינ.

קאָנטיק, קעדיי צו ווײַזנ די גאנצע פאראכטונג זײַנע צומ שטיקל ברויט אונ צו די מענטשישע קינדער, האָט ער זיכ אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע לאפעס אונ האָט זיכ אזוי דורכגעשפאצירט לענגויס דעמ פארקנ. דערנאָכ האָט ער זיכ אָפגעשטעלט, האָט עפעס א געשריי געטאָנ מיט אזא לעכערלעכער קעמל-שטימ, אז די מיידעלעכ האָבנ פארגעסנ וועגנ דער באליידיקונג אונ האָבנ זיכ פונ געלעכטער אָנגעהויבנ קאטשענ איבערנ גראָז.

דרײַ „זיענ"-לאמעס האָבנ שוינ פונלאנג אופגעהערט צו פאשענ זיכ אונ האָבנ זיכ מיט וווּנדער צוגעקוקט צו פאכאָמס שטיק. ווענ די זאכ איז דערגאנגענ דערצו, אז ער האָט אָנגעהויבנ גיינ אפ די הינטערשטע פיס אונ די פעדערשטע לאפעס האָט ער צוגעדריקט צו די פאטלעס פונ זײַנ ברוסט,—האָבנ די „זיענ" אויסגעגלאָצט די אויגנ אונ האָבנ זיכ אלע אינײינעמ געלאָזט צומ פלויט.

— די לאמעכעס גייענ, וואריעלע. לויפ גיכער, רופ די כעוורע.

ווריע האָט זיכ געהאָרכזאמ געלאָזט לויפנ. זי איז סאכאקל מיט אנדערהאלבנ יאָר יינגער. אָבער אינ שול איז זי נאָכ ניט געגאנגענ אונ שרײַבנ האָט זי בלויז געקענט מיט געדרוקטע אויסיעס, ווי אינ ביכל.

זײַנענ געקומענ די דורכגעטריבענע כעוורע, דער אינדיאנער אונ מאטווייקע. נאָכ אַפנ וועג האָבנ זיי צוגעטראכט א פלאנ, וויאזוי נעקאָמע נעמיינ פונ פאכאָמקענ.

— אָט וואָס,—האָט געזאָגט דער אינדיאנער.—דיה, ווארקע, וועלנ מיר איבערנ פארקנ אראָפלאָזנ [illegible] זיי.

— דו האלט זיכ נאָר בא[illegible] אינ מיר וועלנ זיצנ שטיל אפ די סלופעס. ווי נאָר זיי וועלנ ז[illegible] דיר אונ וועלנ דורכלויפנ לעבנ

אונדז,—וועלן מיר זיך אָן זיי אָנהענגען. און דעמאָלט וועלן מיר זיך שוין אָנפּאָרן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

— איך האָב מוירע. און ווי וועט זײַן, אז זיי וועלן מיך פאַרשפּײַען אַף טויט?

— ווער וועט זיי לאָזן? דו זעסט אָט די בײַטש—זעסט? און מאַטווייקע האָט אויך אַזאַ. דו מיינסט, ס'איז אַזוי גרינג געווען אָנצושלעפּן אַזוי פיל לעדער פון עם וואַרשטאַט?

די ייִנגלעך האָבן אַ דונער געטאָן מיט זייערע בײַטשן, און וואַריע האָט זיך באַפרײַט פון יעטווידן סאָפעק.

— און לענקע?—האָט זי געפרעגט שוין אַרופקריכנדיק אַפן פּאַרקן.— זאָל זי זיך אויך אַראָפּלאָזן צו די לאַמעס.

— ניין, איך וועל זיך דורכפּאָרן אַף שאָקאָלאַדקען. דו זאָלסט זיי נאָר פאַרנאַרן צום סאַמע פּאַרקן.

III

און אָט איז זי, וואַריע, איינע אַליין פאַר די לאַמעס אינעם פאַר־גרויזעטן הויפל. פונאָנהויב האָט זי זיך דערשראָקן, אָבער דורך די שפּאַלטן פונעם פּאַרקן האָבן אַף איר געקוקט זעקס שטרענגע אויגן. מע דאַרף ווײַזן דרייסטקייט.

— נו, איר, פערדעלעך־בערדעלעך—האָט זי אַ געשריי געטאָן צו דער פאַרוווּנדערטער טשערעדע.—אָט וועל איך אַף אײַך, כרר־ טפו. אנו, פּרוּווט נאָר אַ שפּײַ טאָן אַף מיר!

און וואַריושע האָט מיט אַ הויך פאַריסן נעזל אָנגעהויבן לויפן באַם סאַמע פּאַרקן.

קימאַט קיין איין באַלכײַ, און דערין אויך אַ מענטש, קאָן ניט צו־זען, ווי עמעצער אַנטלויפט, און ער זאָל זיך נאָך אים ניט נאָכיאָגן. די לאַמעס האָבן אַלע מיטאַמאָל צוגעדריקט די אויערן און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעריאָגן דאָס מענטשלעכע קינד.

וואַריעלע האָט מיטן ווינקל פון אויג באַוויזן צו באַמערקן דעם

סלופּ, אַף וועלכן עס איז אַ צוגעקלעפּטער געזעסן דער אינדיאַנער. ניט פאַרקלענערנדיק דעם טעמפּ, איז זי דורכגעלאָפן נעבן אים. און ווי נאָר זי האָט דאָס געטאָן, האָט איר עמעצער פונהינטן אַ שטאַרקן שטויס געטאָן אינעם רוקן. דאָס מיידעלע האָט זיך אַ בוצקע געטאָן מיט דער נאָז אין גראָז.

אינעם זעלביקן מאָמענט האָט זי דערהערט אַ קײַסעדיקן רעווען פון די לאַמעס. עמעצנס פיס האָבן איר אַ שמיר געטאָן איבער דער פּאָטיליצע. ווײַטער האָט זי דערהערט אַ שטאַרק געלעכטער און אויסגעשרייען:

— דער אינדיאַנער האָט זיך אָנגעצילט. דער אינדיאַנער איז אוועקגעפאָרן. זעט: ער שפּרינגט רײַטנדיק אַף דער שטאָלצער!

איבערן סטעפּ זיינען האַמעטנע געשפּרונגען לאַמעס. אַפן רוקן בײַ דער שטאָלצער, פּעסט אײַנגעטשעפּעט אין אירע געדיכטע לאַנגע האָר, האָט אונטערגעטאַנצט דער אינדיאַנער. מאַטווייקע און לענע זיינען געלאָפן צו וואַריעלען.

— און איך האָב דורכגעלאָזט—האָט זיך פאַרענטפערט מאַטווייקע.— פּאַכאָם איז אָפּגעשפּרונגען פון מיר פונקט אין דעם מאָמענט, ווען איך...

— און איך האָב זיך געצילט אין שאָקאָלאַדקען, נאָר זי האָט אַף מיר אַזאַ קוק געטאָן, אַז איך האָב ניט אויסגעהאַלטן. איך בין אַזש פונעם פאַרקן אַראָפּגעפאַלן גלײַך אַף דער ערד.

די כעוורע האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָך דער טשערעדע, דערציילנדיק אַפן וועג, וואָס מיט וועמען עס האָט זיך געטראָפן.

די לאַמעס האָבן זיך, קאָנטיק, שוין באַהערשט פונעם ערשטן איבערשרעק און האָבן דערפילט, אַז אַף דער שטאָלצער זיצט גאָרניט קיין געפערלעכער פײַנט. זיי האָבן זיך גלײַך אָפּגעשטעלט, און די שטאָלצע אליין האָט זיך אוועקגעלייגט.

דער אינדיאַנער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ שווערער לאַגע: אייגער אליין אין סטעפּ אונטער די פיס פון צעבייזערטע לאַמעס. ער האָט זיך, עמעס, ניט דערשראָקן און האָט זיך גלײַך אופגעהויבן אַף די פיס, נאָר

אינ דערזועלביקער צײַט האָט אימ פאכאָמ פונהינטנ א שטארקנ ביס געטאָנ אינ ווייכנ אָרט.

— אײַ,—האָט א געשריי געטאָנ דאָס ייִנגל.—אוועק דו, רועכ!

די בונטע האָט אימ פונדערזײַט א צופּ געטאָנ פארנ אויער, אָבער אזוי, אז עס האָט אָנגעהויבנ גיינ בלוט.

— אײַ, אײַ!—דער אינדיאנער האָט זיכ געכאפּט פארנ אויער. פונ די אויגנ האָבנ זיכ געלאָזט טרערנ.—אוועק דו, מיִעסקייט, אָט וועל איכ דיכ...

פאכאָמ אונ שאָקאָלאדקע האָבנ זיכ פונ ביידע זײַטנ אײַנגעביסנ אינ זײַנ העמד אונ האָבנ עס צעריסנ אפ צווייענ.

— אײַ, אײַ... ראטעוועט!..

דער אינדיאנער האָט זיכ ארויסגעריסנ פונ אונטער דער בונטערס מאָרדע אונ האָט זיכ געלאָזט לויפנ. מאטווייקע מיט די מיידעלעכ זײַנענ אפנ אָרט פארגליווערט געוואָרנ פונ שרעק. זיי האָבנ געזענ, ווי פאכאָמקע האָט נאָכאמאָל אומגעוואָרפנ דעמ אינדיאנער אונ האָט זיכ אײַנגעביסנ אינ זײַנע הויזלעכ. די קינדער האָבנ אופגעהויבנ א ווילדנ געשריי.

IV

דידאָזיקע געשרייענ האָבנ דערהערט פאוועל פעדאָטיטש אונ איכ. איכ האָב שוינ צוויי כאדאָשימ געוווינט אינעמ קלייניקנ ייִשעוו, אונ ערשט דעמ טאָג האָט פאוועל פעדאָטיטש אויסגעקליבנ א פרײַע מינוט, קעדיי צו ווײַזנ מיר די אײַנוווינערס פונעמ סטעפּ. מיר זײַנענ פונקט אינ דעמ מאָמענט געגאנגענ אונ האָבנ גערעדט וועגנ זיי. אונ פלוצימ—א שרעקלעכער יאָמער, געשרייענ.

— וואָס איז עס? ווו קומט עס פאָר? לאָמיר גיכ לויפנ, אנ אומגליק.

אינעמ הויפל האָט פאכאָמ דורכגעפירט זײַנ עקזעקוציע איבערנ אינדיאנער. די אנדערע לאמעס האָבנ געקוקט דערופ קאלטבלוטיק אָדער צופרידענע. די איבערגעשראָקענע כעוורע האָבנ ביטער געוויינט.

— פּאַפּעלע, טרײַב זיי אוועק—האָט געשריגנ וואַריעלע.—אָט, מאַט-ווייקע האָט אַ בײַטשל.

פּאַוועל פּעדאָטיטש האָט אָפּגעטריבנ די לאַמעס אונ האָט אופגעהויבנ דאָס צעמאַזיקטע יינגל. עס איז אימ געגאַנגענ בלוט פונעמ אויער אונ פונ דער נאַקעטער זײַט. אינ פיל ערטער איז ער געווענ צעדראַפּעט, אונ מע האָט געזענ שפּורנ פונ קלעפּ. פּאַוועל פּעדאָטיטש האָט געבעטנ אָפּ-פירנ דאָס יינגל צומ דאָקטער.

— אונ איר אַלע—נאָכ מיר!—האָט ער שטרענג פּאַראָרדנט מאַטוויי-קענ, לענענ אונ וואַריעלענ.

די לאַמעס האָבנ קאַלט-בלוטיק געקוקט אָפּ דער עקזעקוציע.

— ניין, מירן אויך גיין צום שפּיטאָל—האָט דערווידערט דער כיטרע מאַטווייקע,—טאָמער וועט דער אינדיאַנער שטאַרבן, אָדער מע וועט דאַרפן צולויפן נאָך עפּעס.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די כעוורע וועלן איצט ניט לעקן קיין האָ־ניק בײַ פּאַוועל פּעדאָטיטשן.

— ריכטיק—האָב איך געזאָגט.—זאָלן זיי פריִער העלפן דעם כאַווער, און איר הייסט זיי קומען אַביסל שפּעטער. זאָלן זיי קומען גלײַך פונעם שפּיטאָל.

פּאַוועל פּעדאָטיטש האָט מיט קאַעס א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט עפּעס א בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז, און מיר זיינען אוועק צום שפּיטאָל.

— און מע זאָגט נאָך, אַז אין אַמעריקע איז זי קלוימערשט א היימי־שע—האָט געבורטשעט אין וועג מאַטווייקע.—אַז מע פירט דאָרטן קלוי־מערשט אַף איר פּעק אין די אינדיאַנער בערג. און איך וואָלט אַזאַ מיִעסקייט מיט דער בײַטש אַזוי אָנגעשמיסן...

— וואַרט, ברודערל מאַטווייקע. מע ווייסט נאָך ניט, וועמען פון אײַך וועט מען אָנשמײַסן—האָב איך לײַכט געגעבן אָנצוהערן.

— מומע אַליע! וואָס זאָלן מיר איצט טאָן? אָט דער־אָ פּאַפּעלע איז אַזאַ בייזער. נו, מאַמעשע ווי פאַכאָם.

איך האָב זיך צעלאַכט. דער קליינער שטאַלטנער פּאַוועל פּעדאָטיטש איז אינדערעמעסן ענלעך געווען אַפן קליינינקן שטאָלצן פאַכאָם.

— דו לאַכסט,—האָט צו מיר אויסגערעדט לענע.—און אונדז וועט מען, קאָן זײַן, אַרויסטרײַבן פון שול. אָט האָט מען זומער איינעם אַרויסגע־טריבן דערפאַר, וואָס ער האָט געגאַנוועט שטרויס־אייער, דעמאָלט האָט עס אויך פּאַוועל פּעדאָטיטש געפּאָדערט.

— און איר וואָס האָט געמיינט? מע טרײַבט מיט אײַך קאַטאָוועס, ווען מע זאָגט, אַז צו באַלעכאַימ טאָר מען ניט קריכן?

— מומע אַליע! איך וועל עס מער קיינמאָל ניט טאָן. איך האָב גע־מיינט, אַז וויבאַלד די לאַמעס זיינען היימישע, וועט זיי אָנגענעמען זײַן,

וואָס מיר וועלן זיך אָפּ זיי אַ קאַטייַע טאָן. מיר האָבן זיי דאָך געגעבן ברויט, און זיי זייַנען גאָר בייז געוואָרן. איר מעגט מיר גלויבן, מומע אַליע, כיוועל עס מער קיינמאָל ניט טאָן.

— און אַפּילע אַנדערע וועלן מיר די צורעס צעמאַזיקן, זאָלן זיי נאָר פּרווון צוגיין צו די לאַמעס! — האָט אַן אָנגעבלאָזענער געזאָגט מאַט־וויקע.

מיר זייַנען געזעסן אינעם אָפּנעם־צימער פונעם שפּיטאָל, ביזוואַנען דער דאָקטער האָט באַטראַכט דעם אינדיאַנער.

— י־י־יאָ, — האָב איך געזאָגט טרויעריק. — די לאַגע אַיַערע איז אַן ערנסטע. פּאַוועל פּעדאָטיטש איז אַ שטרענגער מענטש.

— מומע אַליע! פּאַכאָמקע איז אַ וויגאָניע? — האָט פּלוצים ווייַנענדיק געפרעגט וואַריעלע.

— אַ וויגאָניע. און פונוואַנען ווייסטו אַזעלכע פּראָטימ?

— ווען עס זייַנען געקומען צו פּאַרן אַרבעטער פונעם דניעפּערבוי, האָט זיי דער פּאַפּאַ דערציילט, אַז לאַמעס איז פאַראַן דרייַ סאָרטן: אַ וויגאָניע, דערנאָך עפּעס אָפּ אַן „אַקאָ"...

— גואַנאַקאָ?

— אָט־אָט. דאָס איז דער סאַמע גרעסטער. און נאָך איינער — אָט דער, וואָס בא אים איז די בעסטע וואָל.

— אַלפּאַקע.

— ריכטיק.

די כעוורע האָבן מיר מיט אַזאַ אַנטציקונג געקוקט אין מויל אַרייַן, אַז איך האָב זיי דאָ אָפּן אָרט דערציילט וועגן דעם זיידנס פּידזשאַקל.

— איר זעט, מיט וואָס פאַר אַן ערנסטער זאַך עס פאַרנעמען זיך אַיַערע פּאָטערס? זיי דערלערנען, ווי אַזוי בעסער אַרויסצובאַקומען פאַר אונדז אָט די מערקווירדיקע פּידזשאַקלעך, קליידלעך און פּאַלטעס. זיי ווילן דורכויס זיך דערשלאָגן, אַז בא דער בונטער, שטאָלצער און בא שאָקאָלאַדקע זאָלן געבוירן ווערן קלייניקע פּידזשאַק... איך מיין, לאַמעלעך איך וואָלט זיי דאַרפן העלפן, און איר שטערט זיי גאָר. גוט

וועט זײַן, ווען נאָך אײַער קאַטײַען וועט די שטאָלצע קראַנק ווערן און שטאַרבן?

— אוי, צי דען קען עס טרעפן? דעמאָלט וו׳ל איך... איכ׳ל... איך וויל ניט...

דער דאָקטער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט דערקלערט:

— דעם יאָט וועט מען מוזן לאָזן אין שפּיטאָל. מיר האָבן אים אײַנ־געוויקלט, און ס׳איז, דוכט זיך, אַלץ אין אָרדענונג, אָבער ער האָט היץ. גיט צו וויסן זײַנע עלטערן.

— אָט־אָט איר אײַך. נאָך אַ פאַרגעניגן—האָב איך געזאָגט, ווען מיר זײַנען אַרויס פונעם שפּיטאָל.—ווײַנען איז דאָ ניטאָ וואָס. מע דאַרף עס פּאָשעט פאַרשטיין און גוט פאַרגעדענקען.

די כעוורע האָבן זיך געשלעפּט נאָך מיר, ווי דערשלאָגענע. מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אַהיים צום אינדיאַנער, און דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער לאַבאָראַטאָריע, צו פּאַוועל פעדאָטיטש. איך האָב גע־הייסן די כעוורע צוּוואַרטן אויף מיר באַם גאַנעק און בין אַוועקגעגאַנגען, פילנדיק זייערע דערשראָקענע בעטנדיקע אייגעלעך.

— פּאַוועל פעדאָטיטש—האָב איך געזאָגט אין לאַבאָראַטאָריע.—די כעוורע דאַרף מען מער ניט טשעפּען.

— וואָס הייסט מע דאַרף מער ניט? איך וועל זיי געבן, די כעוורע, און ניט בלויז זיי, נאָר אויך זייערע עלטערן. און מײַנע וואַריען וועל איך אַזעלעכס געבן, אַז זי וועט אַ צײַט געדענקען. אַ סקאַנדאַל!—טײַערע באַ־לעבאַ׳ים, טאָג און נאַכט ביסטו ניט רויק פאַר זיי, און—דאָ...

— פּאַוועל פעדאָטיטש! די כעוורע האָבן עס שוין אַלץ געהערט. זיי האָבן אין שפּיטאָל אָפּגעוואַרט גאַנצע 40 מינוט און האָבן געגעבן אַ פּיאָנערישע שווּע, אַז מער וועלן זיי עס אַליין ניט טאָן און ווײַלן אַנדערע ניט לאָזן...

— אַלצײַנס,—האָט אַ באַרויִקטער געענטפערט פּאַוועל פעדאָטיטש.— איך ווייס אויך מײַנע פליכטן, אַלגאַ וואַסיליעוונע.

— און כוץ אַלעמען—האָב איך אָנגעהויבן אַרײַנפאַלן אין קאַעס—

האָט דער הײַנטיקער פרווו געגעבנ א מעגלעכקייט די כעוורע צו מאכנ איינעמ א געלונגענעמ טרעפלעכנ פארגלײַכ: זיי געפינענ, אז איר זיינט בייזער פונ פאכאָמענ.

בא דידאָזיקע ווערטער האָט זיכ פאוועל פעדאָטיטש אפ אזא קאָל צעלאכט, אז איכ בינ אזש אופגעשפרונגענ פונעמ שטול, אפ וועלכנ איכ בינ געזעסנ.

— נו, זאָלנ זיי זיכ גיינ, וווהינ זיי ווילנ, נאָר זאָלנ זיי זיכ ניט ווײַזנ פאר די אויגנ.

V

פונדעסטוועגנ איז פאוועל פעדאָטיטש ארומגעגאנגענ א גאנצנ טאָג א ניטצופרידענער אונ א בייזער. די טוערס פונעמ יישעוו האָבנ זיכ גע־סטארעט ניט ווארפנ זיכ אימ אינ די אויגנ, אונ ווענ זיי האָבנ אימ יאָ באגעגנט, פלעגנ זיי אוועקגיינ רויט־געוואָרענע אונ באליידיקטע.

מיר האָבנ זיכ געכידעשט: צי דענ האָט די קינדערשע שטיפערײַ אזוי אופגערעגט אימ? סאָפקאָלסאָפ האָט דאָכ קיינ שומ שרעקלעכס ניט גע־טראָפנ.

ערשט אינאָוונט האָב איכ זיכ דערוווסט די עמעסע סיבע. עס ווײַזט זיכ ארויס, אז אינעמ יישעוו האָט מענ שוינ דורכגעפירט א גרויסע אר־בעט אונ פיל פרווונ אויסצוכאָוונ לאמעס, אָבער מיט די לאמעלעכ גייט עס צו שלעכט. איינקע מענטשנ האָבנ אפילע אָנגעהויבנ זאָגנ, אז לאמעס קאָנענ אינבערגעצ ניט לעבנ, נאָר אינ זייער היימ.

אונ דאָ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אָט איז שוינ באלד א יאָר, ווי די שטאָלצע טראָגט א קליינינקנ. עמעס, בא די לאמעס גייט עס אזוי צו, אז עס איז קוימ צו באמערקנ, אָבער אָט־אָט דארפ זי זיכ אָפקעלבנ.

אינאָוונט בינ איכ ארײַנגעגאנג צו נאטאליע אנדרייעוונענ נאָכ א בוכ. זאָגט זי מיר:

— פאוועל איז אינגאנצנ אויסער זיכ. אָט די שלעכטע כעוורע האָבנ זיכ הײַנט געיאָגט אפ דער שטאָלצער, איז אָט, קעלבט זי זיכ אָפ, אָבער,

דוכט זיך, פאר דער צײַט. שטעלט זיך פאָר, וואָט פאר אַן אומגליק דאָס וועט זײַן, אויב דאָס לאמעלע וועט געבוירן ווערן א טויטס אָדער א קאליקע.

דאָס לאמעלע איז אונדז ארויסגעגאנגענ אנטקעגנ

א טרויעריקער געוויין האָט זיך דערהערט פונעם בעטל.

— שווייַג!—האָט שטרענג געזאָגט נאטאליע אנדריי־עוונע און איז אוועקגעגאנגענ זוכנ פאר מיר א בוכ.

VI

אינדערפרי האָט פאוועל פעדאָטיטש דערלויבט מיר מיט וואריענ צו גיינ אינייִנעם מיט אימ. ווי נאָר מיר זיינענ צוגעגאנגענ צום טויער פונעם סטע־פישנ הויפּל, האָט פונדאָרטנ ארויס־געקוקט עפּעס א פריילעכער גייפּעש.

די העל־קאשטאנעווע גרויסע לאָקן האָבן זיך באַ אים פאַרגרײַזלט איבערן גאנצן קערפּערל. דאָס מאָרדעלע איז געווען א נאקעטס, די איי־געלעך זיינען שוין איצט פונעם ערשטן טאָג געווען גײַוועדיקע, ווי באַ פאַכאָמען, און די ליפּן האָבן זיך געקנייטשט אין א כיטרען שמייכעלע.

ער איז אונדז ארויסגעגאנגען אנטקעגן, האָט א שמעק געטאָן און האָט זיך אָנגעהויבן רײַבן מיט דער זײַט אָן דער וואנט פונעם שטאל. ס'האָט אים גאָרניט געביסן, נאָר ער האָט פּאָשעט געזען, ווי שטארק ער געפעלט אונדז און האָט זיך איבערגענומען.

— אוי, וואָס פאר א קאָמישע פּיס—איז אנטציקט געווען וואריע,—ביז די סאמע קנעכל ווי ברייטע הויזלעך. דו ווייסט, ווי באַ וועמען?—ווי באַ טשארלי טשאפּלין אין קינאָ.

מיר האָבן זיך אלע צעלאכט, און דאָס לאמעלע האָט אויך א לאַך געטאָן צוליב קאָמפּאניע וועגן מיט אונדז. אזוי האָבן מיר אים טאקע דאָ אפן אָרט א נאָמען געגעבן טשארלי טשאפּלין.

און דער עמעסער טשארלי, דער ארטיסט, וואָס לעבט אין אמעריקע, געוויס ווייסט ער אפילו ניט, וואָס פאר א שיין כאיעלע אין אוקראינע עס טראָגט זײַן פאמיליע.

פּרזשעוואלסקיס פערד

I

זאָגט דעם עמעס, אײַך איז אמאָל אויסגעקומען אין סאמע ברען פון ארבעט אָדער שפּיל ארײַנצופליען פונעם הויף אין צימער מיט אן אויסגעשמירט פּאָנעם, מיט ברענענדיקע אויגן, מיט צעשויבערטע האָר, וואָס סטאָרטשען אינדערהייך.

אין אזעלכע פאלן גיט שטענדיק עמעצער א געשריי:

— דו ביסט מעשוגע געוואָרן? טו א קוק, ווי דו זעסט אויס. ביסט דאָך אינגאנצן א ווילדער.

און דאָס איז עמעס. דאָס איז דער ערשטער סימען. ווען די האָר סטאָרטשען אינדערהייך און הענגען ניט אראָפּ אַף דער מאָרדע און אַפן האַלדז, הייסט עס, אַז דער באַלכײַ איז אַ ווילדער.

אַן ערעך מיט פופציק יאָר צוריק איז אין מאָנגאָליע אַפן קאַראַוואַן פונעם באַרימטן רײַזנדן פּרזשעוואַלסקי איינמאָל אָנגעלאָפן אַ טשערעדע גרויסקעפּיקע בולאַנע פערדלעך. קיין „טשאָלקעס" האָבן דידאָזיקע פערד־לעך אינגאַנצן ניט געהאַט. און די געדיכטע קורצע גריווע האָט שטאַרק אַרויסגעסטאָרטשעט אינדערהייך.

פּרזשעוואַלסקי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף די ניטצוגעקעמטע קעפּ און האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זיינען ווילדע פערד, וואָס קיי־נער האָט זיי נאָך ניט געזען.

ער האָט זיך געלאָזט יאָגן נאָך דער טשערעדע, אָבער זי איז גיך אַנטלאָפן, און וויפל ער האָט שפּעטער ניט געזוכט, האָט אים שוין מער ניט אָפּגעגליקט צו זען אַזאַ לעבעדיק פערד. באַ די אָרטיקע יעגערס האָט ער בלויז געפונען אַ פעל און אַ שאַרבן פון אַזאַ פערד. ער האָט דאָס אַלץ באַשריבן און האָט עס אָפּגעשיקט קיין לענינגראַד (דעמאָלט פּעטערבורג) אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. לויט זײַן באַריוו און לויט דער פעל און דעם שאַרבן, וואָס ער האָט צוגעשיקט, האָבן די געלערנטע אויסגעפונען, אַז ער האָט ווירקלעך אַנטדעקט אַ נײַעם מין באַלכײַ, וואָס וועגן אים האָט די וויסנשאַפט ניט געוווסט.

און דאָס צעשויבערטע פערדל האָט באַקומען אַ נאָמען „פּרזשע־וואַלסקי־פערד".

מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דערלערנען, פונוואַנען שטאַמען די היימישע באַלעכײַם, האָבן דערנאָך קלאָר געמאַכט, אַז דאָסדאָזיקע ווילדע פערד האָט קרויוועשאַפט קימאַט מיט אַלע מיזרעכדיקע היימישע פערד, אָבער אַליין איז עס קיינמאָל ניט געווען קיין היימישס און איז נאָך קיינמאָל ניט אַרײַנגעפאַלן צו מענטשן אין די הענט.

ווען די מענטשן האָבן זיך וועגן דעם אַלץ דערוווּסט, האָבן זיי זיך, געוויינלעך, גלײַך געלאָזט צו כאַפּן אַזאַ פערד. זיי האָבן עס געוואָלט

באטראכטנ פונדערנאָענט, צו דערלערנענ זייַנ כאראקטער אונ געוווינ־הייַטנ אונ פארוואנדלענ עס אינ א היימישנ באלכיי.

מענטשנ האָבנ שוינ פונלאנג אזא געוווינהייַט—יעדנ ווילדנ באלכיי סטארענ זיי זיכ מאכנ פאר א היימישנ אונ צווינגענ אימ צו ברענגענ נוצנ אינ דער מענטשלעכער ווירטשאפט.

די קאצ אונ דער הונט, מיינט איר, האָבנ שטענדיק געלעבט מיט מענטשנ? אָדער, לעמאָשל, דער כאזער?—איר מיינט אוואדע, אז ער האָט שטענדיק טאקע נאָר געטראכט, ווי אזוי אָנצוקלייַבנ אפ זיכ וואָס מער געשמאק כאזער־פעטס?

דער כאזער איז אמאָל געוועזנ א ביינערדיקער, א מוסקול־פעסטער אונ אינגאנצנ ניט קיינ געשמאקער. אונ געוועזנ איז ער דאנ א ווילדער באלכיי. דאָסזעלביקע איז מיט דער שאָפ אונ מיט דער קו. אלע זיינענ זיי געוועזנ אמאָל ווילדע, אונ איצט קאָנענ זיי ניט לעבנ אָנ דעמ מענטשנ.

פארוואָס זשע לויפט ארומ דאָסדאָזיקע פערד אָנ ארבעט אינ די סטע־פעס פונ מיטלאזיע?

כאפנ אזא פערד האָט זיכ דער ערשטער גענומענ אונדזער מערקווירדיקער אינסטיטוט אינ אסקאניא־נאָווא. עמעס, איכ פריער האָבנ זיכ אסאכ מענטשנ געיאָגט נאָכ פרזשעוואלסקי־פערד, אָבער דעמ אסקאנער זאָאָפארק האָט זיכ דעמ ערשטנ אייַנגעגעבנ צו באקומענ אנ עמעס ווילד, לעבעדיק פערד.

מיט פערציק יאָר צוריק איז פאָרגעקומענ דידאָזיקע מערקווירדיקע געשעעניש אפנ פלאכלאנד קאָבדאָ.

דאָס איז געוועזנ פרילינג. די ווילדע שקאפעס האָבנ זיכ דאָ ניט לאנג אָפגעפערדלט, אונ די יונגע לאָשיקלעכ האָבנ זיכ געשפילט לעבנ די מו־טערס. די ווילדע פערד זיינענ דרייסטע באלעכאימ. דער פירער פונ דער טשערעדע איז געוועזנ א צעשויבערטער אָגער מיט שפורנ פונ ווונדנ אפנ לייַב, א פארשייַטער—א מאזעק אונ שלעגער. ער האָט געפילט דעמ מענטשנ, ער האָט אָבער ניט געוווסט, וואָס ער דארפ טאָנ. מענטשנ האָבנ אנדערש

געשמעקט, איידער וועלפ אונ טיגערס, אונ דער אָגער האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט באשטימענ, אפ וויפל איז דערדאָזיקער נעפעש א געפער־לעכער.

אונ די מענטשנ האָבנ אפ יעדע פינפ קילאָמעטער יסגעשטעלט איבערנ פלאכלאנד פרישע געזאָטלטע פערד, קעדיי ז — יצרוזעצנ זיכ אפ זיי בעייסנ געיעג. זיי האָבנ אָנגעהויבנ שרעקנ די ווילדע פערד מיט קלאפנ אינ סקאָווראָדקעס אונ קעסעלעכ אונ מיט ווילדע קלאנגענ פונ טרויבנ.

די שקאפעס האָט באהערשט אנ אומרויקייט פאר זייערע לאָשיקלעכ,

די ווילדע פערד זייַנענ דרייסטע באלעכאים



און זיי זײַנען אנטלאָפן. נאָך זיי האָט זיך געלאָזט די גאַנצע טשערעדע. דער טשערעדע־פירער איז געלאָפן הינטער אלעמען. ער האָט זיך אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט, האָט זיך אומגעדרייט, האָט געשמעקט דעם ווינט און האָט א בייזער געכראָפּעט.

ווען דאָס זאָל געווען זײַן א מענטש, וואָלט ער געוויס א פיר געטאָן מיט דער פלייצע, ווײַל אין דעם גערוך, וואָס ער האָט אופגעכאַפּט דורכן ווינט, האָט ער גאָרניט פארשטאַנען.

די טשערעדע איז גרינג דערלאָפן ביזן ערשטן פונקט, ווו די מענטשן האָבן אויסגעשטעלט די געזאָטלטע פערד. דאָ האָבן זיך די מענטשן ארייבערגעזעצט אפ פרישע פערד און האָבן זיך געלאָזט ווײַטער נאָכיאָגן די טשערעדע. אפן צווייטן פונקט האָבן די מענטשן ווידעראַמאָל געביטן די פערד. נאָכן דריטן פונקט האָבן זיך נאָך דער מיד־געוואָרענער טשערעדע געלאָזט נײַע מענטשן, ווײַטער אפ פרישע, אָפּגערוטע פערד. און די ווילדע פערד האָבן שוין דורכגעמאַכט אָן אָפּרו גאַנצע פופצן קילאָמעטער. די דערוואַקסענע ווילדע פערד וואָלטן געקאָנט לויפן ווײַטער, אָבער אין דער טשערעדע זײַנען געווען לאָשיקלעך. זיי האָבן געוואָלט אביסל א זויג טאָן מילך און ליגן אביסל אפן גראָז. זיי האָבן זיך אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט און ניטצופרידענע האָבן זיי גערופן זייערע מוטערס.

נאָכן פערטן פונקט זײַנען זיי פון די פיס געפאַלן פון מידקייט, האָבן זיך געשלעפּט אינעם עק פון דער טשערעדע און האָבן זיך יעדע מינוט ספּאָטיקעט.

דער ווילדער טשערעדע־פירער איז נאָך מער צעשויבערט געוואָרן. איצט האָט ער שוין פארשטאַנען, וואָס די מענטשן ווילן. ער האָט געביסן, אונטערגעטריבן די לאָשיקלעך. און די אויגן בא אים האָבן געברענט דורכדרינגענדיק און שרעקלעך. און אָט איז איין לאָשיקל אנידערגעפאַלן אפן גראָז. די מענטשן האָבן זיך גיך דערנעענטערט. דער טשערעדע־פירער האָט זיך ארומגעקוקט און האָט זיך אזוי ארופגעוואָרפן אפ די צוויי לעצטע לאָשיקלעך, אז זיי האָבן אָנגעשטרענגט אלע זייערע קויכ/ןס און האָבן זיך געוואָרפן דעריאָגן די טשערעדע.

פונהינטן האָט זיך דערהערט א הילפלאָזיק הירזשען פונעם לאָשיקל און טריומפירנדיקע אויסגעשרייען פון מענטשן.

— כאַפּ, האַלט, וואַרפט זיך אַרויף אויף אים! ביסט אַריינגעפאַלן, כאַיע־לע! ניטאָ איצט וואָס צו דרייען זיך, ווי א דריידל!

דאָס קליינע ווילדע פערדל איז אַריינגעפאַלן אין געפענקעניש. אין א האַלבער שעה אַרום האָט מען געכאַפּט דאָס צווייטע לאָשיקל. דער אָגער האָט אונטערגעטריבן דאָס דריטע, נאָר ווען דאָס איז אויך אַנידער־געפאַלן, האָט עס דער אָגער ניט פאַרלאָזט און איז ניט אַוועקגעלאָפן נאָך דער טשערעדע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבערן לאָשיקל, האָט אויפגעהויבן אינדערהייך זיין דרייסטן קאָפּ, האָט צעבלאָזן די ברייטע נאָזלעכער און... איז געבליבן, קעדיי צו פאַרטיידיקן דאָס לאָשיקל פון די פיינט.

ער האָט זיך אַפילו געוואָרפן אַנטקעגן זיי. ער האָט גאָרניט מוירע געהאַט, אָט דער ווילדער אָגער. ווי א שטורעם האָט ער זיך געטראָגן איבערן פעלד, האָט געגראָבן די ערד מיט די טלאָען, האָט געטופּעט מיט די פיס, און די ציין זיינען געווען בא אים, ווי בא א רויב־כאַיע — ווייסע, לאַנגע.

ווען דאָס לאָשיקל איז אַביסל אָפּגעלעגן און איז געקומען צו זיך, האָט עס דער אָגער א שלעפּ געטאָן מיט די ציין פאַר דער טשאָלקע, האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף די פיס און האָט דעם געביסן, טרייבנדיק צו דער טשערעדע. די מענטשן האָבן ניט געוווּסט, אויף וואָס צו באַשליסן זיך. שוין צו אן אַנטשלאָסענעם אויסזען האָט געהאַט דערדאָזיקער אָגער.

II

די קליינע לאָשיקלעך פונעם ווילדן פערד האָבן זיך אויסגעכאָוועט בא קירגיזער שקאַפּעס. און איינעם מיט זייערע אַמען זיינען זיי געקו־מען צו פאָרן קיין אוקראַינע. דאָ אינעם סטעפּ לעבן זיי זייער גוט. די שקאַפּעס ברענגען לאָשיקלעך, און בא אייניקע פון זיי זיינען די קינדער

אזעלכע מאָדנע: א געמיש פונ א ווילדנ פערד מיט א געוויינלעכנ, א געמיש פונ א ווילדנ פערד מיט א זעברע — א זעבראָיד.

דאָס אייניקל פונעמ קליינעמ לאָשיקל, וואָס מע האָט געכאפּט אפּנ פלאכלאנד קאָבדאָ, איז איצט א בעקאָוועדיק גרוי פערד. מע רופט אימ מישקע. ער איז אלט 26 יאָר, אונ פאר א פערד הייסט עס שוינ אלטקייט. ניט געקוקט אפ זײַנ גרויענ שטערנ אונ ערנסטנ אויסזענ, איז ער ניט קיינ זיכערער אונ א כיטרעוואטער טיפּ. בא מיר האָט ער אויסגעבעטנ דעמ גאנצנ צוקער. ער האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס מיר האָט זיכ געוואָלט א ריר טאָנ די לאנגע פילבארע האָר אפ זײַנע ליפּנ אונ נאָזלעכער. אָט די באָרד אונ וואָנצעס הייסנ „וויבריסנ”.

דער ארבעטער, וואָס גייט ארומ די ווילדע פערד, האָט פאר זיי ניט קיינ מוירע. ער זאָגט, אז אלס לאָשיקלעכ זיינענ זיי אינגאנצנ היימישע, ערשט נאָכדעמ, ווענ זיי וואקסנ אויס, ווערנ זיי ווילדע אונ אפילע זייער ווילדע. אונ ווענ זיי ווערנ אלט, ווערנ זיי ווידער היימישע.

ביזוואנענ דער ארבעטער האָט עס געהאלטנ אינ דערציילנ, האָט מיכ מישקע געטאָרקעט מיט דער מאָרדע, בעטנדיק צוקער. אונ א

מע רופט עס מישקע



צווייטער, דער יונגער אָגער מיזשור, האָט זיכ אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע פיס, האָט אָנגעכאפט מיט די ציינ דעמ איבערשטנ באלקנ פונעמ שטאל און איז אזוי געבליבנ הענגענ אפ די ציינ, קוויטשענדיק פונ בייזקייט.

איכ האָב שוינ געהאט אויסגעצויגנ די האנט צו געבנ אימ א שטיקל צוקער, אָבער דער ארבעטער האָט מיר געזאָגט, אז ווענ מיזשור בייסט זיכ אינ עמעצנ איינ, איז כאָטש שלאָג אימ, כאָטש טויט אימ, — וועט ער ניט אָפלאָזנ. האָב איכ דעמ צוקער אָפגעגעבנ דעמ „פוטבאָליסט". דאָס לאָשיקל איז ארומגעלאָפנ איבערנ הויפ. עס האָט דערזענ אפנ פארקנ א שפערל און האָט זיכ, ווי אנ עקספרעס, געלאָזט נאָכ אימ. א שטארק דערשראָקנס, איז דאָס שפערל אָפגעפלויגנ פונעמ פלויט. קימאט אָנשטויסנדיק זיכ מיט שטערנ אינעמ פלויט, האָט זיכ דאָס לאָשיקל אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע פיס, האָט זיכ אויסגעדרייט, אזויווי א מענטש, און פלורצימ האָט זיכ עס איבערגעדרייט אפ די פעדערשטע פיס און האָט די הינטערשטע א וואָרפ געטאָנ אינדערהייכ. אפנ הויפ איז געלעגנ א שטיקל פונ א צייטונג. דאָס לאָשיקל האָט זיכ איינגעביסנ אינ דעמ, האָט עס א שאר געטאָנ אָנ א זייט, האָט עס צוגעדריקט מיטנ פוס און זיכ ווידער איינגעביסנ אינ דעמ. דערביי זיינענ די אויגנ בא דעמ געווענ פונקט אזעלכע, ווי באמ ווילדנ אָגער, וואָס האָט אפנ פלאכלאנד קאָבדאָ פארטיידיקט זיינ לאָשיקל.

אינערגעצ מער זיינענ ניטאָ די ווילדע פרזשעוואלסקי־פערד. זיי לעבנ בלויז אינ אזיע. די אויסלענדישע זאָאָפארקנ־קויפנ דידאָזיקע פערד בא אונדז און צאָלנ צענדליקער טויזנט גאָלד־רובל. דידאָזיקע פערד זיינענ זייער שטארקע, זיי קאָנענ אסאכ אריבערטראָגנ, האָבנ ניט מוירע פאר קיינ קעלט און היצ, און קרענקענ ניט אפ די קראנקהייטנ, וואָס זיינענ שטערבלעכ פאר אונדזערע היימישע פערד.

דער אינסטיטוט פאר היברידיזאציע רעכנט דורכ זיי פארבעסערנ די היימישע פערד־ראסע. ער ווייסט בלויז ניט, וואָס טוט מענ מיט זייער קריגערישנ און ווילדנ כאראקטער? דערדאָזיקער כאראקטער קאָנ זיכ דאָכ דורכ דער היברידיזאציע איבערגעבנ דעמ היימישנ פערד.

איך האָב זיך באַקענט מיט איינעם אַזאַ פערד, וואָס מע האָט דורך היבּרידיזאַציע פאַרבּעסערט. די מוטער זײַנע איז אַ היימיש פערד—די וואַסערפירערן מיטיוריכע, און דער פאָטער—דער ווילדער אָגער מיזשור. דאָס איז אַ קליין פערדל, לויטן אויסזען אַ גאַנץ אָנגענעמס. אַרומגעריטן האָט עס דער קאָניוך מאַרטין. דאָס איז אַ הויכער מענטש, און ווען ער איז געזעסן אויפן פערדל, האָבן זיך די פיס זיינע נאָכגעהאַנגען בּיז דער ערד. נאָר אָט האָט דאָס פערדל אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ פלוי, און זיך אופגעהויבּן אויפן פלויט פון צוויי מעטער די הייך. די פיס האָבּן זיך בּאַם קאָניוך פאַרטשעפּעט בּאַ דער וואַנט און האָבּן אָפּגעריסן אַ ציגל. אָבּער דעם פערדל אַרט עס ניט. עס איז אַריבּערגעשפּרונגען דעם פלויט, וואָס איז שיר ניט אין צוויי מאָל העכער פון דעם, און האָט זיך אַוועק־געטראָגן מיטן רײַטער ערגעץ אין סטעפּ.

אַ צווייטן קאָניוך האָט דאָס פערדל אָפּגעבּיסן צוויי פינגער.

איך האָבּ עס געטראָפן, ווען ס׳איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, אַרופגעלייגט די פאָדערשטע אויפן ווענטל און ס׳האָט געקוקט, וואָס עס טוט זיך פונדרויסן.

געוויס פאַרשטייט עס ניט, אַז היימישע פערד טוען קיינמאָל ניט אַזוי.

די טשאָלקע איז בּאַ דעם אַ קלייניקע, און די גריווע שטייט אויס־געסטאָרטשעט.

— אַנו, ווער געדענקט, וואָס דאָס בּאַטײַט?

די רויבּערן מיגע

I

גאַנצפרי, ווי נאָר די זון האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם אַלטן וואַסער־טורעם, האָבּן איבּער אַלע וועגן צום סטעפּישן יישעוו אָנגעהויבּן סקריפּען מאַזשאַרעס (פורן). דאָס זיינען זיך קאָלווירטניקעס צונויפגע־פאָרן צום אָרדנטלעכן מאַרק מיט מילך, קעז און פּוטער, מיט קאַרטאָפּל, פּאָמידאָרן און קאַווענעס.

א טשערעדע ווילדע פערד און זעברעס האָט זיך געפּאַשעט אין סטעפּ ניטווײַט פונעם וועג. דאָס איז געווען שוין ניט דער פאַרגרויזעטער פאַרטרײַב־הויף, נאָר דער עמעסער סטעפּ, אָן קיין שום פאַרצוימונגען. מע האָט די פערד געלאָזט אַפּדערפרײַ, ווײַל מע האָט געוווסט, אַז זיי וועלן אינערגעץ ניט אַנטלויפן, און אין סטעפּ איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיי טשעפּען. אין שפּיץ פון דער טשערעדע איז געגאַנגען די אַלטע גרויסע זעברע־מינע.

די פּרזשעוואַלסקי־לאָשיקלעך האָבן זיך אַרומגעיאָגט איניינעם מיט די שיינע זעברעלעך, האָבן געשטיפט, האָבן זיך געביסן און האָבן געכאַפּט א גאָב פון די עלטערע. אָט די קליינע שטיפערס האָבן קיינעם ניט געשוינט, האָבן פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט. זיי האָבן געכאַפּט פאַרן עק די סאַמע שטאַרקע פערד, האָבן אַרויסגעריסן פון אונטער דער נאָז בא זיי דאָס עסן, האָבן געבריקעט מיט זייערע דינע פיסלעך. און אַלץ פלעגט זיי דורכגיין אומבאַשטראָפט. זיי זיינען דאָך קליינינקע, וואָס קאָן מען זיי טאָן?

אָבער אַלע לאָשיקלעך און זעב־

די זעברעלעך האָבן זיך פון די ערשטע טעג אָן אויסגעלערנט צו אונטערשיידן די אַלטע מינע

רעלעכ האָבנ זיכ פונ די ערשטע טעג אָנ אויסגעלערנט צו אונטערשיידנ די־אַלטע מינע. זיי פלעגנ זי מוירע האָבנ צו פארטשעפענ. אונ ווענ עס פלעגט זיכ טרעפנ, אז א צעשטיפּט לאָשיקל האָט זיכ אָנ איר ניט אומיסטנ אָנגעשטויסנ,—פלעגט עס זיכ א שולדיקס [illegible]לנ, האָט פארשעמט געקלאפּט מיט די ציינ אונ טייקעפ פארלוירנ די גאנצע פריילעכקייט.

מינע האָט קאָמאנדעוועט איבער דער גאנצער טשערעדע פערד אוי־זעברעס. זי איז געווענ א שטרענגע אונ א קלוגע. זי איז אלט [illegible] זעקס אונ דרײַסיק יאָר, אונ דאָס איז שוינ א טיפער עלט[illegible] זעברע. אינ דער טשערעדע האָבנ פונ קליינ ביז גרויס זיכ צוגע[illegible]ט צו מינענ, אויסגעפילט מינעס ווילנ אונ האָבנ זיכ אינ אלצ פארלאָזט אפ איר. ווײַל קיינער האָט ניט געוווּסט בעסער פונ איר דעמ כאראקטער פונ די פערד.

די מענטשנ האָבנ אויכ ליב געהאט די אלטע. מינע האָט אינ פיל היניזיכטנ געהאָלפנ די קאָניוכעס. ווענ מע האָט אינ הארבסט געדארפט פארטרײַבנ די שקאפעס אינ די הויפלעכ, אָדער מע האָט באדארפט נע־מענ די פערד אפ מאלעיִניזאציע (מאכנ אײַנשפריצונגענ קעגנ דער קראַנקהייט—„סאפ״),—דעמאָלט פלעגנ די מענטשנ בלויז ווײַזנ מינענ א שטיקל צוקער, אונ די אלטע נאשערקע האָט זיכ געלאָזט נאָכנ צוקער אינ די הויפלעכ, אינ די שטאלנ, וווהינ איר ווילט—אפילע צומ דירעקטער אינ קאבינעט, אונ נאָכ איר איז נאָכגעגאנגענ די גאנצע ווילדע טשע־רעדע. די טשערעדע האָט גאָרניט געוווּסט וועגנ דעמ צוקער. פיל פונ די פערד האָבנ אפילע קיינמאָל דעמ רייעכ זיינעמ ניט געהערט. אָבער אײגס האָבנ זיי געוווּסט: ווי באלד מינע גייט, דארפ מענ, הייסט עס, נאָכגייג נאָכ איר.

אָבער ניט שט[illegible]נדיק האָט מי[illegible] געפירט נאָכ זיכ די טשערעדע אזוי קלוג אונ ריכטיק. [illegible]מאָל פלעגט זי אָנהייבנ אזעלכע מארשנ, פאר וועלכע מע פלעגט זי רופ[illegible] [illegible]ץ מעכאשייפע אונ כוליגאנקע.

II

גאנצע [illegible] איבערן שליאך געצויגן א קאָלווירטישע וואלקע („אָבאָז"). די [illegible]שארעס, אָנגעלאָדענע ביז גאָר, האָבן שטיל געסקריפּעט. די ערנסטע אָקסן האָבן גע[illegible]רייט מיט די קעפּ, די שלעפעריקע קאָלווירט־ניקעס האָבן פון צייַט צו צייַט פויל געטריבן זיי:

— צאָב, צאָ־בע!

די פרישע קאווענעס, דיניעס, פּאָמידאָרן האָבן געשמאק געגלאנצט אף דער זון.

די ווילדע טשערעדע האָט זיך געפּאשעט אין סטעפּ. פּלוצים האָט די פילבארע מינע אופגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אופגעשט[illegible] די אויערן. זי האָט זיך אופמערקזאם צוגעהערט, האָט א צי געטאָן מיט די ברייטע נאָז־לעכער די לופט און האָט אָנגעהויבן בילן. זעברעס הירזשען ניט, ווי פערד; אנשטאָט הירזשען, באקומט זיך [illegible]א זיי א שטארק און הויך בילן, וואָס איז אביסל ענלעך אף א געשריי פון אן אייזל.

די גאנצע טשערעדע האָט אויך אופגעהויבן די קעפּ און האָט אָנגע־שטעלט די אויערן. נאָך דעם, ווי מינע האָט מיטן געשריי געגעבן צווויסן וועגן אליארם, האָט ז[illegible]ט א שטארקן געלויף געלאָזט צום וועג. איז דאָך קלאָר—די גאנצ[illegible]טשערעדע האָט זיך געלאָזט נאָך איר. די שארפע טלאָען האָבן אופגעהויבן א גאנצן וואָלקן שטויב.

אף דער הינטערשטער מאזשארע איז געזעסן א רירעוודיקע אל־טיטשקע, א קאָלווירטניצע מיט א שארפן צונג. פונדערהיים אָן האָט זי ניט אופגעהערט צו זידלען איר אלטן דערפאר, וואָס ער האָט ניט גענר־מען דעם בוטל אף גאז. דער אלטער איז אומעטיק געגאנגען נאָך דער פור. ער האָט זיך שוין פונלאנג געקליבן צו זאָגן איר: „וועגן וואָס־זשע האָסטו געטראכט? דו האָסט דאָך עפּעס דעם גוטן קאָפּ",—נאָר ער האָט זיך אלץ ניט געקאָנט באשליסן.

דערזען א שטויב איבערן סטעפּ, האָט די אלטע נאָך העכער אָנגע־הויבן צו שיטן:

— אָט, האָסטו דיר! זעסט, וואָס פאר א שטורעמ עס הייבט זיכ אופ? אונ אָט באלד וועט א גאָס טאָנ א רעגנ, דער וועג וועט קאליע ווערנ, וועלנ מיר זיצנ א גאנצנ כוידעש אָנ קעראָסינ. דו ביסט אנ אלטער נאר, מער גאָרניט.

פלוצימ האָט זי אויסגעגלאָצט א פאָר אויגנ אונ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ דער צווייטער זייט פונ דער מאזשי.

— אוי, מאמעניו מיינע, ס׳א שרעק, זע , אלטער: טיגערס געפאסעוועטע!

— אונ דו האָסט זיי געזענ ווענ־ניט־איז, די טיגערס?—האָט רויק געפרעגט דער אלטער. ער איז שוינ צוגעוווינט געווענ צו דער אלטערס פארשיידענע אויסטראכטענישנ אונ האָט ניט שטארק געגלויבט אינ זיי.

— אָבער טו כאָטש א קוק, דו נאר!—האָט אפ א קאָל אָנגעהויבנ שרייענ די אלטע.—דו מיינסט, ס׳איז ביר א געלעכטער. טפו, טפו, וואָס פאר א מיעסקייט. אוי, צו אונדז לויפנ זיי, גלייכ צו אונדז. וואָס טוט מענ איצט?

די אלטע האָט זיכ אראָפגעקייקלט פונ דער מאזשארע גלייכ דעמ אלטנ צו די פיס.

— זי איז פונ זינענ אראָפ, די אלטע, אפ אנ עמעס משוגע געוואָרנ!

דער אלטער האָט נאָכ אלצ ניט געגלויבט, אָבער אפ יעדנ פאל, עס זאָל דערנאָכ קיינ געשריי ניט זיינ, האָט ער א קוק געטאָנ. א קוק געטאָנ, אונ איז מאמעש פארגליווערט געוואָרנ: א גאנצע טשערעדע ווילדע, צעשויבערטע פערד איז ארויסגעפלויגנ אפנ וועג אונ האָט אָפגעשניטנ זיינ מאזשארע פונ דער גאנצער וואלקע. זיי זיינענ ווירקלעכ געווענ מיט פאסנ אונ בעעמעס שרעקלעכע. די אָקסנ האָבנ זיכ אָפגעשטעלט, די פערדערשטע פערד זיינענ אויכ געבליבנ שטיינ.

— אָט האָסטו דיר—איז בלויז אימשטאנד געווענ אויסצוריידנ דער אלטער. די אלטע איז געלעגנ אפ דער ערד, האָט געציטערט פונ שרעק אונ געשפיגנ—טפו, טפו, טפו.

צוויי ווילדע פערד האָבנ זיכ אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע פיס אונ

זיינע אזויארום דורכגעגאנגענע לעבנ דער מאזשארע. איינ פערד מיט פאסנ האָט אָנגעהויבנ הויכ צו בילנ, האָט א געשריי געטאָנ. דאָ האָט שוינ אויכ דער אלטער ניט אפ א קאטאָוועס זיכ דערשראָקנ. ער איז גע־שטאנענ מיט אראָפּגעלאָזטע הענט אונ האָט געשטאמלט פאר זיכ: זאָל זייַנ וואָס עס וויל זיכ, אבי זיי זאָלנ אונדז ניט טשעפּענ.

דאָס געפּאסעוועטע פערד—דאָס איז, געוויינלעכ, געווענ מינע—איז צוגעגאנגענ, האָט א שמעק געטאָנ די קאוועגעס. צו מינענ האָבנ זיכ פארייניקט נאָכ דריי. די אלטע, ווי נאָר זי האָט עס דערזענ, האָט טייקעפּ פארגעסנ וועגנ איר שרעק. זי האָט זיכ אופגעהויבנ אפ די פיס, האָט גענומענ אינ די הענט דאָס קליידל אונ האָט אָנגעהויבנ שטארק צו פאָכענ:

— קיש, קיש, פארשאָלטענע, ס'ארא מאָדע זיי האָבנ זיכ געמאכט: קאוועגעס פרעסנ. קיש!

דריי פערד זייַנענ אָפּגעלאָפנ, אָבער מינע האָט זיכ אפילע ניט אומ־געקוקט אפ דידאָזיקע געשרייענ. פאר דער אלטערס אויגנ האָט זי איינ־געבויגנ איר מעכטיקנ האלדז, האָט זיכ אָנגעשפּארט מיטנ שטערנ אָנעמ ראנד פונ דער מאזשארע אונ האָט זי אזא טרייסל געטאָנ, אז זי האָט זיכ שיר ניט איבגאנצנ איבערגעקערט. א שטיק צענ ווייכע גרויסע קאוועגעס האָבנ זיכ אראָפּגעקייַקלט אפנ אויסגעפּאָרענעמ וועג אונ האָבנ זיכ צע־קנאקט.

— קאראול!—האָט אָנגעהויבנ קוויטשענ די אלטע,—ראטעוועט!

די פערד האָבנ הילכיק געקייַט, אופעסנדיק דאָס זאפטיקע רויטע פלייש פונ די קאוועגעס, די שאָלעכצ אונ אפילע די קערלעכ.

די קאָלווירטניקעס זייַנענ סאָפּקאָלסאָפּ צו זיכ געקומענ, זייַנענ צוגע־לאָפנ מיט די בייטשנ אונ האָבנ זיי אָנגעהויבנ טרייַבנ. מיט א גרויס שטיקל שאָלעכצ צווישנ די ציינ האָט מינע הויכ פארגיסנ דעמ קאָפּ אונ איז לייכט אוועקגעלאָפנ אינ סטעפּ. דאָס גאנצע מאַבונעלע האָט זיכ אופגעהויבנ אונ איז אוועקגעלאָפנ נאָכ איר.

III

ווענ דער טאַבונ איז אנטלאָפנ, האָט דער אלטער אזא בייזקייט באַהערשט, אז זי איז שיר ניט דערשטיקט געוואָרנ. זי האָט ניט געקוקט דערופ, וואָס ארומ געפינענ זיכ זיַיטיקע מענטשנ, איז צוגעשפּרונגענ צומ אלטנ, אונ ווערטער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שיטנ באַ איר, ווי ארבעס פונ א געפּלאצטנ זאַק:

— נו וואָס, אריַינגעכאַפּט? אריַינגעכאַפּט, אלטער נאר. פאַרפּאַלנ דיינע קאַוועַנעס. אזעלכע צייַטיקע, רויטע, ווי יאַגעדקעס... וואָס שטייסטו? וואָס שטייסטו,—פרעג איכ דיכ? אוי, מענטשנ טיַיערע, גיט א קוק, ווי ער שטייט אונ פינטלט מיט די אויגנ!

— אָט אזוי, אָט אזוי, גוט באַצאָל אימ!—האָבנ אונטערגעהעצט די קאָלווירטניקעס.

— פאַר דער טשופּרינע נעמ אימ! וואָס קוקסטו אפ אימ?

די אלטע האָט דערזענ, אז מע לאַכט פונ איר, אונ האָט זיכ נאָכ מער אָנגעצונדנ. ביזנ סאַמע מאַרק האָט זי זיכ אפ קיינ מינוט ניט אָפּגעשטעלט. דער אומגליקלעכער אלטער האָט שוינ ניט געהערט, וואָס זי רעדט, ער האָט נאָר פאַר זיכ, שטילערהייט אויסגערעכנט, וויפל גיַיע צורעמעַנישנ זי האָט אימ געגעבנ:

— אלטער נאר—איינס... געפייגערטער לאָשיק—צוויי... אלטער קוואַטש—דריַי... א טאָפּ אָנ א דעק—פיר... זויערע לעמעשקע—פינפ...

ענדלעכ האָט ער פריַי אָפּגעאָטעמט: זיי זיינענ געקומענ צו פאָרנ אפנ מאַרק. איצט ווערט, דוכט זיכ, א סאָפ נעמענ.

אָבער עס הייבט זיכ גאָר ניט אָנ. זי האָט געפאָדערט, ער זאָל אומבאַדינגט אונ טאַקע שוינ גיינ מיט איר צו נאַטשאַלסטווע זיכ קלאָגנ אפ די פערד.

— וווּהינ וועל איכ גיינ מיט דיר אפ ליַיטיש־געלעכטער?—האָט זיכ געפרווּוט דערווידערנ דער אלטער.

— א, א, דיר איז, הייסט עס, אלציינס. זאָל אומקומענ אונדזער גוטס. אונ דו שפּיַיסט דערופ. א גאנצנ זומער געארבעט, אונ דו...

דער אלטער האָט א שפּײַ געטאָנ אונ זיכ געלאָזט גײנ. זי האָט אימ געבראכט צו פירנ אינ א גרויס ווײַס הויז אונ האָט דאָרט געפאָדערט, מע זאָל איר ווײַזנ דעמ גרעסטנ נאטשאלניק. צו איר איז צוגעגאנגענ דער פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט, אווגוסט איוואניטש, עס איז צוגע־גאנגענ פאוועל פעדאָטיטש,—אָבער נײנ, זי דארפ האָבנ דעמ גרעסטנ נאטשאלניק. מע האָט זי געמוזט אוועקפירנ צומ דירעקטער אלײנ.

— נו, וואָס האָט זיכ דאָרט געטראָפנ בא אײַכ, אלטיטשקע?—האָט געפרעגט דער דירעקטער.

— אײַערע טיגערס מיט די פאסנ—האָט אָנגעהויבנ שיטנ די אלטע—זײנענ אָנגעפאלנ. די פור האָבנ זײ איבערגעקערט, די קאווענעס האָבנ זײ א טעל געמאכט. די ראטנמאכט איז ניט דערופ געשטעלט געוואָרנ, אז...

— ווארט צו, אלטיטשקע, וויפל קאווענעס זײנענ בא אײַכ אומ־געקומענ?

— וויפל אומגעקומענ?—די אלטע האָט פארשטאנענ, אז מע קאָנ דאָ מאכנ א גוט געשעפט, אונ האָט אויסגעשאָסנ:—זעקס צענדליק.

דער אלטער האָט אזש דאָס מויל צעעפנט פאר ווונדער.

— זעקס צענדליק?—האָט זיכ געכידעשט דער דירעקטער.—אָ, אָ, ס׳א נישקאָשעדיקע צאָל. אונ ווי טײַער זײנענ זײ איצט, די קאווענעס?

— וועלכע צו רובל, אונ וועלכע צו רובל צוואנציק. אונדזערע אָבער זײַנענ די בעסטע. מיר פארקויפנ צו צװײ. כוץ דעמ האָבנ זײ, די פאר־שאָלטענע, צעבראָכנ בא אונדז א בוטל מיט קעראָסינ. א פולער בוטל געווענ.

ווי דער אלטער האָט זיכ ניט אײַנגעהאלטנ, אָבער דאָ האָט ער מער ניט געקאָנט:

— זי זאָגט א גראָבנ ליגנ! גלויבט איר ניט. קאווענעס זײנענ בא אונדז סאכאקל אכט שטיק צעשפאלטנ געוואָרנ. די העכסטע פרײַז זײערע איז א האלבער קארבנ א שטיק. אונ וועגנ דעמ קעראָסינ—האָבנ מיר דעמ פוסטנ בוטל אינדערהײמ פארגעסנ.

ד. א. פעראָווסקע

דער דירעקטער האָט זיך צעלאכט און באַצאָלט זיי פינף רובל.

ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען, האָט זיך נאָך א לאנגע צייט געלאָזט הערן דער אלטערס סקריפּעדיקע, איינגעגעסענע שטים:

— אך, דו טיפּעש איינער. אך, דו דראָנג איינער. דאָס גליק איז אים, דעם נאר, אין מויל געקראָכן, און ער האָט גענומען און האָט אויסגעשפּיגן...

IV

דער דירעקטער האָט געמאכט פאוועל פעדאָטיטשן א שטרענגן אויסרייד, און אינעם קומענדיקן מארק־טאָג האָט מען בא דער טשערעדע פון גאנצפרי אָן אוועקגעשטעלט א פּאַסטעך.

די פערד האָבן רויִק געביסן דאָס גראָז. ווען פונדערווייטנס פלעגן איבערן וועג דורכפאָרן מאזשארעס, האָט מינע אָנגעשטעלט די אויערן און הויך געבילט. דער פּאַסטעך האָט געשריגן אף איר, האָט געקנאקט מיט דער בייטש, און זי האָט זיך בארויִקט.

נאָר אָט האָט זיך אפן וועג באוויזן אן איינזאמע פור. מינע האָט א קוק געטאָן אף איר און פּלוצים, אָן א שום בילן זיך געוואָרפן לויפן. די גאנצע טשערעדע האָט זיך געלאָזט נאָך איר. דער פּאַסטעך האָט געשריגן זיך געזידלט, האָט געקנאקט מיט דער בייטש,—אָבער ווער הערט אים! זיי זיינען אנטרונען געוואָרן.

עמעס, דאָס מאָל איז דער רויב געווען זייער א נישטיקער. אין דער מאזשארע זיינען געגאנגען איינגעשפּאנט פערד, און דער קאָלווירטניק איז אנטלאָפן. ער האָט דערביי פארלוירן איין קאָווען. אָבער דאָס האָט שוין אָנגעהויבן אָנעמען א כאראקטער פון עמעסן באנדיטיזם. ס'איז אויסגעקומען צו האלטן מינען אין די מארק־טעג ביז באַטאָג אין דער פארצוימונג.

ווי נאָר מע האָט דאָס אָנגעהויבן טאָן, האָבן די אָנפאלן אופגעהערט. עמעס, ווען עס פלעגן זיך באווייזן אפן וועג מאזשארעס, פלעגן די פערד אופהייבן די קעפּ און אָנשטעלן די אויערן. אָבער איצט האָבן זיי ניט גע־

האט דאָס וויכטיקסטע: נישט געווען דער פירער, און אָן א פירער האָבן זיי גאָרניט געקאָנט אופטאָן.

ווי אַזוי די וואָנצעדיקע כאיע האָט געהאלטן עקזאמען

I

איינמאָל האָבן זיך אין מאָסקווע אין א גרויס הויז פארזאמלט אסאך מענטשן. אָט די אלע מענטשן האָבן גוט געוווּסט דאָס לעבן פון די כאיעס. איינער פון זיי איז אויסגעוואקסן און זיך געעלטערט אינאיינעם מיט א בלוי־פוקס. א צווייטער האָט געוווּסט, ווי אַזוי צו דערציִען און אופכאָווען שוואַרץ־ברוינע פוקסן, בעסער, איידער ווי אַזוי צו דערציִען זײַנע אייגענע קינדער האָט ער עס געוווּסט. א דריטער האָט זיך פּינקטלעך דערוווּסט, פארוואָס דאָס טײַערע כאיעלע,—דער סויבל וויל זיך ניט פרוכ־פערן אין געפענקעניש, און ווען ער האָט זיך עס דערוווּסט, האָט ער זיך דערשלאָגן, אז סויבעלעך האָבן אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן אין די שטײַגן פונקט אזוי, ווי אף דער פרײַהייט.

אינעם גרויסן צימער, וווּ עס האָבן זיך פארזאמלט דידאָזיקע מענטשן, איז באַם טיש געזעסן א הויכער זאָקן (אלטער) מיט א דרייסט, געגאָלט פּאָנעם. דאָס איז געווען א באוווּסטער געלערנטער. ער האָט מיט זײַנע ארבעטן געבראכט אסאך נוצן דער סאָוועטישער מעלוכע. יעדערער, ווער עס איז אריינגעקומען, האָט זיך טייקעף אויסגעקערעוועט צו אים און געקוקט אין זײַן זײַט.

אָבער קאָנטיק, אז זיי האָט פונדעסטוועגן אינטערעסירט ניט דער בארימטער געלערנטער אליין. ווען ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און איז אָפּגעגאנגען, האָבן די מענטשן דאָך מיטן זעלביקן אינטערעס ניט אופגעהערט צו קוקן אין יענער זײַט. און דאָרט איז, דוכט זיך, גאָרניט געווען אזעלכס. בלויז א דעמבענער שטול און עפּעס א קאסטן, א צוגעדעקטער מיט א ברעזענט.

ווען דער אוילעם האָט זיך פארזאמלט און האָט פארנומען אלע

שטולנ אינ צימער, איז זיכ דער אלטער אופגעשטאנענ אונ אָנגעהויבנריידנ. ער האָט גערעדט וועגנ ווינטערדיקע היטלענ, וועגנ קאָלנערס אונ פוטערס.

— אויב די נאטור קאָנ זיי גישט פראָדוצירנ אזויפיל, אז ווינטער זאָל אלעמענ זיינ ווארעמ—האָט געזאָגט דער אלטער—איז דארפ מענ העלפנ דער נאטור. מע דארפ אויסגעפינענ אונ אויסכאָווענ אזא כאיע, וואָס זאָל זיכ גיכ פרוכפערנ, זי זאָל געבנ אסאכ ווארעמע פעלעכלעכ אונ דאָס האָדעווענ זי זאָל גאָרניט קאָסטנ.

די מענטשנ אינעמ גרויסנ צימער האָבנ זיכ פארטראכט:—דארפנ דארפ מענ טאקע, אָבער ווו נעמט מענ זי, אזא כאיע?—ניטאָ אזא.

— וואָס הייסט ניטאָ,—האָט זיכ געהיצט דער געלערנטער.—איינס אזא כאיעלע האָבנ מיר שוינ געפונענ. דאָס איז דער מוסקוס-שטשור—אָנדאטרע. זי האָט אריבערגעוואנדערט צו אונדז פונ צאָפנ-אמעריקע אינ ארכאנגעלסקער קאנט אונ דאָרטנ לעבט זי גלענצנדיק, פרוכפערט זיכ אינ די בלאָטעס אונ אָזערעס. אָבער די אָנדאטרע איז זייער א קליינע. אונ כוץ אלעמענ, קאָנ זי לעבנ בלויז אפנ צאָפנ. אונ מיר דארפנ באַזעצנ מיט דערדאָזיקער כאיע אויכ דעמ דאָרעמ. בלויז דאנ וועט בא אונדז ווינטער יעדערער האָבנ א מעגלעכקייט צו באשיצנ זיכ פונ קעלט מיט ווארעמע פעלעכלעכ.

ווייזט זיכ ארויס, דער אלטער האָט אויסגעפונענ נאָכ א כאיע. אינ-דערצייט, ווענ אונדזערע שילער האָבנ זיכ צונויפגעדרייט פונעמ פראָסט אינ יאנוואר אונ האָבנ געריבנ די ווייסגעוואָרענע נעזער, האָט זיכ דאָס-דאָזיקע כאיעלע געוואלגערט אונטער טיי-ביימער אונ איז געשלאָפנ, א צעפארעטס פונ היצ. ווייל דאָרטנ, בא דעמ אינדערהיימ—אינ דאָרעמ-אמעריקע, אינ דעמ טאָל פונעמ טייכ פילקאָמאיאָ—איז די שטארקסטע „פרעסט”, וואָס טרעפנ דאָרט, אמט גראד ווארעמקייט. אונ יאנוואר איז דאָרטנ, ווי בא אונדז יול—דער הייסטער כוידעש פונ זומער.

אינ די שאָטנפולע וועלדלעכ מיט די אייביק-גרינע ביימער האָבנ גאנצע טעג געפלאפלט פארשיידנקאָלירטע פאָפוגייעלעכ—אראראַ, אונ

פונונטנ, אונטער די ברייטע בלעטער, זײַנענ זיי אומגעגאנ. ענ — אָט די אָ כאיעלעכ.

די פּאָפוגײַעלעכ בויגנ אָנ די קעפּלעכ, קוקנ אפ אונטנ אונ הייבנ אופ א שרעקפולנ געשריי. זיי האָבנ זייער מוירע פאר שלענג, אונ נאָכ אָט די כאיעס, וווהינ זיי זאָלנ ניט גייג, שלעפּנ זיכ שטענדיק נאָכ, ווי צוגעניייטע צו זיי, שלאנגענ־עקנ.

דידאָזיקע כאיעס שווימענ אסאכ, טוקנ זיכ אונ שפּילנ זיכ מיט זייערע קינדערלעכ. אינאָוונט, ווענ אפ פּילקאָמאיאָ הערט אופ דאָס פּלאפּלערײַ פונ די פּאָפוגײַעלעכ, רופנ זיי זיכ איבער ניט שטארק הויכ. זייער געשריי איז ענלעכ אפ א שטילנ קרעכצ, אָדער אפ א געוויינ פונ א קינד. מיט אזא מאָדנער שטימ דריקנ זיי אויס זייער פרייד אונ די פולע צופרידנקייט מיטנ לעבנ.

— דידאָזיקע כאיע—האָט דערציילט דער געגאָלטער אלטער—הייסט דער זומפּ־ביבער אָדער נוטריע. די אינדיאנער רופנ אימ אויכ „קאָיפּו”. ער האָט מער פונ אלצ אפ דער וועלט ליב טשערעט אונ שטילע וואסער פונ פלאכע אָזערעס, טײַכלעכ אונ זומפּנ. דער פוטער איז בא אימ א וואַרעמער, א פוכיקער אונ א ווײַסער—דאָס הייסט, אז פאר קליינע קעלטנ וועט ער, קאָנטיק, ניט מוירע האָבנ. כאָטש דאָס דארפ מענ נאָכ אייגנטלעכ דורכקאָנטראָלירנ. קיינ הויצאָעס אונ קיינ ארבעט אונ זאָרג פּאָדערט ער אינגאנצנ ניט. די „זיענ” פונעמ זומפּ־ביבער געבוירנ קליינינקע פינפ מאָל אינ צוויי יאָר, צו זיבנ־אכט שטיק יעדעס מאָל. דער אויסזענ פונ דערדאָזיקער כאיע איז... אָט איז זי. טוט א קוק.

ער איז צוגעגאנגענ צומ קאסטנ אונ האָט אראָפּגעשלעפּט דעמ ברעזענט. אלע מענטשנ אינעמ גרויסנ צימער האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונ זייערע ערטער. עמעצער האָט געזאָגט:

— פּאָרזיכטיקער, באָריס מיכײַלאָוויטש! דאָרט, אינ דאָרעמ־אמעריקע, האָט מענ זי, געוויס, ניט געלערנט קיינ גוטע מאניערנ.

— נישקאָשע,— האָט געלאכט דער אלטער — מיר מיט איר זיינענ פרײַנט.

ער האָט אנטשלאָסנ פארטריבנ זײַנ „פרײַנט“ אינ ווינקל ארײַנ, דערנאָכ האָט ער ארײַנגערוקט אינ דער שטײַג די האנט אונ האָט זי גיכ ארויסגענומענ צוריק. אינ דער האנט האָט ער געהאלטנ צוגעדריקט אנ עק, א לאנגנ אונ נאקעטנ, ווי א שלאנג. אפנ עק איז מיטנ קאָפּ צו דער ערד געהאנגענ דער דאָרעמ־אמעריקאנישער גאסט. ער האָט בייז געקנאקט מיט די שרעקלעכ־רויטע שנײַד־ציינער. די וואָנצעדיקע אונ, ווי בא א כאזערל, טעמפּע מאָרדע האָט אויסגעדריקט פארצווייפלונג אונ בייזקייט.

— אָבער דאָס טויג שוינ גאָרניט,—האָט געשפּאָסט דער אלטער געלערנטער—איכ האָב דיכ רעקאָמענדירט אלס א פרײַנט, אלע באגעגענענ דיכ מיט אזא פרייד, אונ דו בייזערסט זיכ.

די כאיע האָט זיכ געדרייט אונ זיכ געסטארעט אופהייבנ איר בויגעוודיקנ קערפּער. די פעדערשטע לאפּעס אירע זיינענ אינגאנצנ ענלעכ געווענ אפ קליינע מענטשלעכע הענט, די פינגער האָט זי שטארק צונויפגעדריקט אפ דער ברוסט. ווענ די מענטשנ פונ דער ערשטער ריי האָבנ אויסגעצויגנ די הענט, קעדיי א טאפּ טאָנ איר פעל, האָט זי געציטערט אונ האָט דראָענדיק געשיפּעט.

— ווײַזט זי אונדז, ווײַזט זי אונדז אלעמענ!—האָט מענ געשריגנ פונ די הינטערשטע רייענ.

דער פּראָפעסער האָט מיט טריומפ אופגעהויבנ די הענט אינדערהייכ, אונ די גאנצע פארזאמלונג האָט דערזענ דעמ ווייכנ בלוי־גרויענ בויכ אונ די הינטערשטע לאפּעס פונ דער קאָיפּו. די דאָזיקע לאפּעס האָבנ זיכ שטארק אונטערשיידט פונ די פעדערשטע: אפ זייערע נאקעטע פינגער זיינענ געווענ עמעסע שווימ־הײַטלעכ, ווי בא קאטשקעס.

די מענטשנ האָבנ זיכ געוווּנדערט אונ האָבנ ווידעראמאָל ארויסגעזאָגט זייערע ספּייקעס:

— ווי אזוי וועט דער קאָיפּו מיט אזעלכע נאקעטע הײַטלעכ אונ עק אויסהאלטנ אונדזער שנייִקנ ווינטער?

— איז אָט וועלנ מיר אימ מאכנ אנ עקזאמענ — האָט געזאָגט דער אלטער. — מירנ זענ, וואָס ער קענ. מיר וועלנ אימ אײַנאָרדענענ...

בא דידאָזיקע ווערטער האָט דער קאָיפו מיט קראפט אופגעהויבנ זײנ קערפער אונ א קנאק געטאָנ מיט די צײנ. דער אלטער האָט אימ ארויסגעלאָזט אונ האָט רויִק אָנגעהויבנ צו פארבינדנ מיט א טיכעלע די פארוווּנדעטע האנט. אונ דער קאָיפו איז לאנגזאמ אוועק לענגויס דער וואנט.

מע האָט גלײַכ געקאָנט זענ, אז ער איז ניט געווינט אומצוגײנ איבער פארזאמלונגענ. זײַנ לאנגער האָריקער קערפער האָט זיכ שווער געשלעפט. די גרויסע קאטשקע־פיס אונ די קלײנע הענטלעכ זײַנענ ניט זיכער געטראָטנ איבערנ גלאטנ פארקעט־דיל. דער באקעטער עק האָט זיכ אימ, ווי א שטריק, נאָכגעשלעפט פונהינטנ. די כאיע האָט גע־בורטשעט, האָט זיכ אומגעקוקט אונ בײז, ווי א קאצ, אויסגעבויגנ דעמ רוקנ. אירע לאנגע וואָנצנ האָבנ זיכ גערירט. ס׳קאָנטיק געווענ, אז דער אָפטו פונעמ געגאָלטנ אלטנ איז איר ניט זײער געווענ צומ הארצנ.

די מענטשנ האָבנ מיט אינטערעס געקוקט, ווי אזוי אָט דער גאסט פונ יענער זײַט יאמ איז אומגעגאנגענ הינ אונ צו־ריק בא דער ווײַסער וואנט. קײנער האָט אימ ניט גע־טשעפעט, קײנער האָט זיכ ניט געײַלט צו כאפנ אימ. אָט האָט ער זיכ אָפגע־שט[illegible] [illegible]אָט זיכ־אוועק־געזי[illegible] די הינטערשטע פיס אונ זיכ אָנגעהויבנ זשמורענ קעגנ דער הע־לער שײַנ פונעמ עלעקט־רישנ לעמפל.

דער קאָיפו — נוטריע

מעגלעכ, אז ער האָט זיכ געוווּנדערט, וואָס אָט די קליינע זונ האָט גאָרניט געוואַרעמט. עפּשער האָט ער זיכ דערמאַנט אָנ א צווייטער זונ— אָנ יענער, וואָס האָט געברענט מיט היצ איבער די שטילע טשערעטנ אונ זומפּנ בא אימ אינדערהיימ.

אונ פּלוצימ האָט ער מיט די הענטלעכ ארומגעכאַפּט דעמ קאָפּ אונ האָט א טרויעריקער אריינגערוקט די נאָז אינ זײַנ ווייכנ האָריקנ בויכ.

II

נאָכ לאַנגע טעג פונ א וועג, וואָס האָט געטרייסלט, פונ ענגע שטײַגנ אונ מענטשלעכנ טומל האָט אונדזער קאָפּו, אָדער נוטריע, דערפילט וואַסער. וואַסער איז געווענ אסאַכ—א גאַנצע קליינע סאַזשעלקע מיט טשערעט. איבער דער ברעט מיט די קלאַדקעס האָט מענ געקאָנט פונ דער וואַסער אַרויסקריכנ אפנ ברעג. אפנ ברעג איז געשטאַנענ א הײַזל, אונ אינעמ הײַזל איז געווענ א ווייכער אונטערבעט פונ פרישער שטרוי אונ א שפּײַז־קעסטל מיט בורעקעס, קלעווער אונ קערנער.

אפילו אָנ א זײַט, אומבאַמערקט פאַר דער נוטריע, האָט זיכ געפונענ א צווייט הײַזל, אנ אויסגעבויטס פונ טשערעט. דאָס איז געווענ א באָבעווּנטשונג־בודקע. אינ דערדאָזיקער בודקע האָט טאָג־אונ נאַכט דעזשור־ירט דער ארבעטער פּעטראָ אונ די יונגע פּראַקטיקאַנטקע סאָפיע איוואַנאָוונע. אונ ווענ אינ שול זײַנעג ניט געווענ קײַנ לימודימ, פלעגט זיכ צו זיי אויכ פאַרײַיקנ מאַטווייקע.

זיי האָבנ געהאַט א גראָבנ העפט—א טאָג־בוכ. אינ אימ פלעגנ זיי פאַרשרײַבנ אַלצ, וואָס עס האָט זיכ געקאָנט טרעפנ מיט דער נוטריע.

דער קאָפּו האָט זיכ זייער אסאַכ געבאָדנ. ער איז געשוווּמענ, האָט זיכ געטוּנקט אונ פלעגט לאַנג בלײַבנ זיצנ אונטער דער וואַסער, אויסגלאַנצנדיק פונ טײַנעג א פּאָר אויגנ. אינ די ערשטע טעג פלעגט פּעטראָ מיט אנ אומרויִקער שטימ ווענדנ זיכ צו מאַטווייקענ:

— מאטוויי, אנו, מאטווייקע, לויפ, יאטל, צו סאָפיע איוואנאָוונע. זאָג איר, אז אונדזער „וונוטרי" איז אנטלאָפנ.

— אנטלאָפנ!—פלעגט מיט א געלעכטער ענטפערנ מאטווייקע.—אונ ווער איז דאָס, וואָס לאָזט דאָרט אינ ווינקל פוכירנ?

די מענטשנ האָבנ זיכ ווידעראמאָל באהאלטנ אינ דער בודקע, אונ פעטראָ האָט א בארויִקטער אָפגעאָטעמט, ווענ אינ פינפ־זעקס מינוט ארומ פלעגט זיכ באווײַזנ אפ דער וואסער די טעמפע וואָנצעדיקע מאָרדע.

דער קאָיִפו האָט ארומגעשמעקט דעמ ארומ אונ איז ארויסגעקראָכנ אפנ בריקל. דאָ האָט ער זיכ אוועקגעזעצט אפ די הינטערשטע לאפעס אונ מיט די פעדערשטע האָט ער זיכ אָנגעהויבנ צו רײַבנ. האָט געריבנ די אויערנ, די באקנ, דעמ בויכ, האָט מיט די קולעקלעכ צעקעמט די וואָנצנ, האָט צוגעגלעט מיט די פינגערלעכ די האָר אפנ קאָפ. דאָס אלצ איז געטאָנ געוואָרנ אזוי פלינק אונ ערנסט, אז אינ דער באאָבאכטונג־בודקע האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ שטיקנ פונ געלעכטער. דעמאָלט פלעגט די כאיע, ווי א שטיינ, א פליוכ טאָנ אינ וואסער ארײַנ.

— מע טאָר אזוי ניט,—האָט מענ געשעפטשעט אינ דער בודקע—וואָסזשע פאר א באאָבאכטונגענ וועלנ מיר מאכנ, ווענ מיר וועלנ זי די גאנצע צײַט שרעקנ?

נאָכדעמ, איז וויפל די כאיע זאָל זיכ ניט געווענ קעמענ אונ רײַבנ, האָט מענ אינ דער בודקע געשוויגנ, ווי טויטע.

עס איז שוינ געווענ שפעטער הארבסט. די זונ האָט אינגאנצנ אופגעהערט צו ווארעמענ, אונ די וואסער איז געוואָרנ קאלט, ווי אײַז. אָבער דער קאָיִפו האָט נאָכ דערווײַל, ווײַזט אויס, ניט מוירע געהאט פאר קעלט. ער איז פונ טאָג צו טאָג געוואָרנ גרעבער אונ איז ענלעכ געוואָרנ אפ א קליינ אָפגעהאָדעוועט כאזערל. פונ די קעלטנ איז ער בלויז געוואָרנ נאָכ א מער רויִקער אונ לאנגזאמער.

אינ דער באאָבאכטונג־בודקע האָט מענ אינ יענער צײַט קימאט יעדנ טאָג פארשריבנ אינעמ טאָג־בוכ איינס אונ דאָסזעלביקע:

„זעקס אזייגער מיט 45 מינוט אינדערפרי ארויסגעגאנגען פונעם שטיבעלע און האָט זיך אָנגעהויבן באָדן. האָט זיך געבאָדן צוויי שאָ מיט פופצן מינוט. דערנאָך אָפּגעגעסן און זיך געלייגט שלאָפן אינעם שטיבעלע. ביזן סאָף פון דעזשורסטווע די גאנצע צייט געשלאָפן".

ווייטער מיט פעטראָס הענט: „שלאָפט ביז האלב זעקס. ווי נאָר ער האָט זיך אופגעכאפט, האָבן מיר אים אָפּגעוויגן. האָט זיך ארויסגעוויזן — זיבן קילאָ, אָט ווי ער האָט אפּ זיך פלייש ארופגענומען".

ווייטער זיינען געגאנגען גרויסע אויסיעס. דאָס האָט געשריבן מאטווייקע.

„זיבן א זייגער. זיך געבאָדן, זיך געבאָדן, דערנאָך ארויסגעקראָכן און אָנגעהויבן עסן. אך, עסט ער, א געלעכטער. נעמט אין די הענטלעך א גרעזעלע, בויגט עס איין אינצווייען און בייסט פאמעלע כאָפּ. דערנאָך נעמט ער זיך פאר די בורעקעס. קייט לאנג-לאנג, ווי אן אלטער. אָט האָט ער גענומען אין האַנט קערנדלעך און עסט פון דער דאָלאָניע, ווי מענטשן קנאקן קערלעך. ווען ס'איז געבליבן ווייניק, האָט ער גענומען אין דער האנט דאָס גאנצע שפייזקעסטל, האָט עס אוועקגעשלעפט צו דער וואסער און האָט עס דאָרטן איבערגעקערט. די גאנצע שפייז האָט זיך אויסגעשאָטן און איז אוועקגעשווומען מיט דער וואסער, און ער האָט זי אָנגעהויבן כאפּן"



קייט לאנג-לאנג, ווי אן אלטער

III

אזוי האָט אין רו און אין שעפע געלעבט אונדזער קאָיִפּו אין אסקאניא-נאָווא. נאָר עפּעס איינמאָל אין אן אָוונט, ווען ער איז געזעסן בא דער ריי-

בער שפײַז, איז אימ אומעטיק געוואָרנ: ער האָט אָנגעהויבנ שטיל קרעכצנ, האָט אויפגעהערט עסנ. טוט א קרעכצ, טוט א קרעכצ, אונ דערנאָכ נעמט ער זיכ גראָבנ מיט די פיס די ערד, ארומדרייענ זיכ איבערנ שטיבל, דערנאָכ זעצט ער זיכ ווידער אנידער אפ די הינטערשטע לאפעס אונ הייבט ווידעראמאָל אָנ צו קרעכצנ: מ־מאאא־מאאא!

די באָבאכטערס זײַנענ אומרויִק געוואָרנ. זיי האָבנ אָפגעהאלטנ א באראטונג אונ האָבנ לאנג באטראכט, וואָס פעלט אימ, דעמ קאָיִפו. איינ־אָוונט איז סאָפיע איוואנאָוונע אוועק צו פאוועל פעדאָטיטשנ אונ האָט אימ וועגנ אלצ דערציילט. אונ אינדערפרי, ווענ דער קאָיִפו איז ארויס־געקראָכנ פונ וואסער אונ איז אוועק צו זיכ אינ שטיבעלע, האָט ער אומדערווארט דערזענ דאָרטנ א זעלטענע זאכ: אפנ שטרויענעמ אונ־טערבעט איז געזעסנ א נוטריכע, וואָס האָט געהאט זייער אנ אנגענע־מענעמ אויסזענ.

זי האָט אויסגעצויגנ דאָס מאָרדעלע, האָט ארומגעשמעקט דעמ קאָיִפו אונ אימ א גלעט געטאָנ מיט דער לאפע איבערנ רוקנ. דער־נאָכדעמ האָבנ זיי זיכ איינעמ אראָפגעלאָזט אינ דער וואסער, האָבנ זיכ גע־באָדנ, זײַנענ געשווומענ אונ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פלײַסיק צו רײַבנ די קערפערלעכ. באטאָג זיינענ זיי פרידלעכ געשלאָפנ אינ זייער שטיבעלע, אונ פארנאכט זײַנענ זיי ארויסגעגאנגענ אונ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שפילנ אונ ארומיאָגנ איבערנ ברעג. פונעמ גאנצנ „אומעט" איז באמ קאָיִפו קײַנ סימענ ניט געבליבנ.

עס איז געקומענ צו גיינ פאוועל פעדאָטיטש, ער האָט דורכגעקוקט דעמ טאָג־בוכ, האָט דאָרטנ מיט א רויטנ בלײַער געמאכט אייניקע בא־מערקונגענ אונ האָט געזאָגט:

— נו, אָט. אונ איצט וועלנ מיר אָנהייבנ דעמ עקזאמענ. מיר האָבנ זעקס שטיק נוטריעס. אָט די פאָר וועלנ מיר לאָזנ דאָ אינעמ שטיבעלע אונ מיר וועלנ זיי געבנ עסנ, אונ פיר שטיק וועלנ מיר ארויסלאָזנ אינעמ טשערעט. וועלנ מיר זענ, צי וועלנ זיי קאָנענ אליינ באקומענ פאר זיכ שפײַז, אונ וויאזוי וועלנ זיי איבערטראָגנ די פרעסט.

— גוט, פּאוועל פּעדאָטיטש,—האָט געזאָגט מאַטווייקע.

— און דו ביסט פונדעסטוועגן נאָך אַלץ דאָ — האָט זיך געוווּנדערט פּאוועל פּעדאָטיטש,—דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך געטראַכט, אַז דיר איז עס שוין נימעס געוואָרן. נו, זע־זשע. אויב דו ווילסט טאַקע אָפּ אָנ־עמען זיך אויסלערנען אַרומצוגיין אַרום כאַיעס, דאַרפסטו זײַן זייער פאָרזיכטיק. זע, שרעק זיי ניט, טשעפּע זיי ניט, סטאַרע זיך אַזוי אַרומגיין אַרום זיי, אַז דו זאָלסט זען יעדן טראָט זייערן, און זיי זאָלן דיך ניט באַמערקן.

— איך בין דאָך... פּאוועל פּעדאָטיטש...—מאַטווייקע האָט געוואָלט אַרויסזאָגן זייער אַסאַך, נאָר ער האָט זיך פאַרבלינעט פון פרייד, האָט זיך פאַרהוסט און האָט בלויז אויסגעקוויטשעט מיט אַ דין קעלעכל:— איר׳ט זען...

— נו, נו! איך זאָג דאָך, אַז דו ביסט אַ פאַרשטאַנדיקער יאַט, אַ יאַט מיט אַ קאָפּ.

IV

עס איז אויסגעפאַלן אַ שניי. באַנאַכט האָבן זיך די וואַסער־באַסיינען אָנגעהויבן באַדעקן מיט אַ הײַטל אײַז. אָבער באַטאָג, ווי נאָר די זון האָט דורכגעוואַרעמט, איז דאָס אײַז צעגאַנגען. די נוטריעס האָבן זיך געבאָדן אין דער אײַז־קאַלטער וואַסער, און דערנאָך פלעגן זיי זיך פאַרקלײַבן אין עמ שטיבעלע און גאַנצע טעג שלאָפן.

אונדזער אַלטן קאָפּ האָבן איצט אַלע גערופן „דער טאַטע״, און די „ז״ האָט מען גערופן „די פלויע״. זיי האָבן גלענצנדיק אײַנגעאָרדנט זייער נעסטל. די מענטשן האָבן גענומען אָפּ זיך די מי צושטעלן זיי בוריקעס, לוצערנע־היי און קערנער. די נוטריעס איז געבליבן בלויז צו עסן, באָדן זיך, שלאָפן און זען אין חלומות די הייסע דרום־אַמעריקאַנישע זון.

איין מאָל אין צען טעג פלעגט מען אופהייבן דאָס דעקל פון עם שטיי־

בעלע. מע האָט דאָס שטיבעלע געריייניקט אונ געביטנ דעמ אונטערבעט. די האָריקע כאיעלעכ פלעגט מענ אוועקזעצנ אפ דער וואָג אונ אָפּוועגנ.

— אָ, אָ, נאָכ צוגעקומענ אינ דער וואָג! — האָבנ זיכ געפרייט סאָפיע איוואנאָוונע אונ מאטווייקע.— דער פאָטער וועגט שוינ בא א האלבנ פוד.

אינמיטנ פעווראל האָבנ א קנאק געטאָנ שטארקע פרעסט. מיט עטלעכע טעג פריִער איז געגאנגענ א שניי מיט א רעגנ, אונ די צווייַ־געלעכ פונ די ביימער, דער בוריאנ אונ דער טשערעט האָבנ זיכ אָנגעטאָנ אינ אייַז־נאָדלענ. ווענ דער ווינט האָט שטארק געבלאָזנ, האָבנ זיי געקלונגענ, ווי גלעזערנע.

די כאיעלעכ האָבנ אינגאנצנ אופגעהערט ארויסצוגייַנ פונעמ שטיבל. עס האָט זיכ זיי אפילע ניט געגלוסט עסנ, די שטיקעלעכ בורעק זייַנענ בא זיי געפאלנ פונ די הענט. זיי האָבנ זיכ געקאָרטשעט פונ קעלט אונ האָבנ צוגעדריקט זייערע נאקעטע לאפּעלעכ צו דער ווארעמער פעל. איינמאָל אינאָוונט האָבנ מאטווייקע אונ פעטראָ דערזענ אפנ שניי שפּורנ פונ נאקעטע לאפּעלעכ. עס איז ענלעכ געווענ, ווי איבערנ שניי זאָל געווענ דורכגייַנ עפּעס א פירפיסיקע גאנדז. די פעדערשטע פיסלעכ האָבנ געלאָזט שפּורנ פונ דינע פינגער, אונ די הינטערשטע — שפּורנ פונ הייַטלעכ.

פעטראָ איז אוועק נאָכ די שפּורנ נאָכ, אונ גיכ האָבנ זיי זיכ אָנגעשטויסנ אינעמ טשערעט אפ א נוטריע. דאָס איז געווענ איינע פונ די פיר, וואָס מע האָט ארויסגעלאָזט אפ דער פרייַ. זי איז שטארק אויסגעדארט געוואָרנ פונעמ לעבנ צווישנ דעמ קאלטנ שניי. דאָרט, בא איר אינדערהיימ, האָט זי זיכ ניט געטייטיקט אינ קיינ ווארעמער וווינונג. דאָס אייַנציקע, וואָס זי האָט דאָרט געטאָנ, איז דאס, וואָס זי פלעגט אָנצופנ דינינקע ריטעלעכ אונ אויסבעטנ מיט זיי ניט קיינ טיפע גרוב. אָט אזא בעטל האָט זיכ די נוטריע געמאכט אויכ דאָ. אָבער צי האָט עס געטויגט דאָ, אינ אוקראינע, ווו די פרעסט דערגייענ ביז 25 גראד?

דערזענ פעטראָנ, האָט דאָס אויסגעדארטע אונ דורכגעפרוירענע

כאיעלע זיך געלאָזט שווער טרעטנדיק צו דער סאזשעלקע. דאָס כאיעלע האָט, קאַנטיק, לויט דער אלטער געוווינהייט, זיך געוואָלט אראָפּלאָזנ אונטער דער וואסער. אָבער ווי גרויס איז געווענ די פארלעגנהייט, ווענ די וואסער האָט זיך ארויסגעוויזנ הארט, ווי שטיינ.

די נוטריע האָט הילפלאָזיק א שמעק געטאָנ די הארטע וואסער, האָט א לעק געטאָנ מיטנ צונג און האָט זיך פאַרזיכטיק געלאָזט גיינ ווײַטער. די פיס האָבנ זיך בא איר געגליטשט אפנ גלאטנ אײַז. אינגאנצנ איז זי געווענ אזא שווערע און ניטרירעוודיקע, אז פעטראָ האָט זיך צעלאַכט. און מאטוויקע האָט זיך אײַנגעשטעלט פאר דער נוטריע:

— נו, וואָס איז דער געלענדער? אָט מע זאָל דיך אויסטאָנ און אזוי לאָזנ א באָרוועסנ איבערנ אײַז! מייִנסט, פאר איר איז דאָס א פארגעניגנ? אָט קומ, לאָמיר זי כאפּנ און אוועקטראָגנ צו סאָפיע איוואנאָוונע.

— אָט האָסטו דיר, ווי אזוי־זשע וועלנ מיר זי כאפּנ?

— טאקע דאָ, אפנ אײַז. זי קאָנ דאָך ניט לויפנ.

— ניינ, ניט וועגנ דעמ רייד איך. פאוועל פעדאָטיטש וועט שרײַענ. ער וועט זאָגנ: מיר רײַסנ ארונטער דעמ פרווו.

— נו, זאָל ער שרײַענ, און איך וועל זי אלציינס כאפּנ.

די נוטריע האָט זיך שטארק דערשראָקנ, זי האָט זיך געלאָזט לויפנ, אָבער זי איז געפאלנ, האָט זיך אופגעהויבנ, איז נאָך אביסל אָפּגעלאָפנ און האָט זיך ווידעראמאָל אויסגעגליטשט. דאָ האָט זי מאטווייקע דעריאָגט:

— אכ, דו! פעטערל פעטראָ, טו נאָר א קוק: בלוט.

פעטראָ איז צוגעגאנגענ און אפנ אָרט, ווו די נוטריע האָט געצאפּלט, האָט ער דערזענ רויטע שפּורנ. די נוטריע האָט זיך שוינ מער ניט געפּרווט אנטלויפנ. זי איז געבליבנ ליגנ אפּדערזײַט און האָט בלויז, א בייזע, געקריצט מיט די ציינ. די נאקעטע הײַטלדיקע לאפּעס איר זײַנע געווענ געשוואָלנ, דער עק — א גראָבער, ווי א שטעקנ, אינגאנצנ אינ וווּנדנ.

פעטראָ איז שטיינ געבליבנ אביסל און האָט א מרוקע געטאָנ. ער

האָט געוואָלט אופהייבנ דאָס פאַרפרוירענע כאיעלע אונ האָט ניט געוווסט, אָנ וואָס פאר אנ אָרט ער זאָל עס אָנעמענ. דאָ האָט מאטווייקע אראָפּגע־נומענ פונ זיכ דאָס פעלצל, האָט מיט דעמ צוגעדעקט די נוטריע אונ אזוי אינעמ פעלצל האָט ער זי אוועקגעטראָגנ צו סאָפּיע איוואנאָוונע.

V

סאָפּיע איוואנאָוונע האָט דערזענ די אומגליקלעכע נוטריע אונ איז שטארק בייז געוואָרנ. אפּ די אויגנ בא איר האָבנ זיכ אפילע באוויזנ טרערנ:

— א ניטדערלאָזבארע זאכ. מע טאָר דאָכ ניט אזוי. אָרעמ כאיעלע. אזא שיינס, א שטילס אונ אָט... קומ, מאטווייקע, באלד צו פּאוועל פעדאָ־טישנ. מירנ אימ בעטנ, עפּשער וועט ער דערלויבנ צו נעמענ זי אינדער־וואַרעמ.

זי האָט איינגעוויקלט די נוטריע אינ א שאל אונ האָט זיכ געלאָזט לויפנ אינ דער לאבאָראטאָריע.

נאָכ אפּ דער שוועל האָט זי א געשריי געטאָנ אנ אופגעבראכטע:

— פּאוועל פעדאָטיטש, איר׳ט מיר אנטשולדיקנ, אָבער אזוי... מע טאָר ניט אזוי. דאָס איז... דאָס...

— שאש־ש. שטילער, רעגט זיכ ניט אופּ, סאָפּיע איוואנאָוונע. וואָס האָט געטראָפנ?

— אָט, טוט א קוק.

זי האָט צעוויקלט די שאל אונ האָט אָנגעוויזנ אפּ די אָנגעשוואָלענע פיס אונ אפנ עק.

— יאָ,—האָט געזאָגט פּאוועל פעדאָטיטש.—מע וועט זי דארפנ נעמענ אינדערווארעמ.

— ניינ, ניט בלויז זי, מע דארפּ אויכ די איבעריקע דריי כאפנ. מע דארפ אָפּשטעלנ דעמדאָזיקנ עקזאמענ, מע דארפּ...

— נ־נ־ניינ. מע דארפּ ניט, סאָפּיע איוואנאָוונע.—דאָס פּאָנעמ בא פּאוועל פעדאָטיטשנ איז געוואָרנ ערנסט אונ פורעמד.— מיר קלייבנ זיכ

אויסכאָוועב טויזנטער אזעלכע באַלעכאָים. דעריבער דאַרפן מיר זיך פּינקטלעך דערוויסן, ווו און ווי אַזוי קאָנען זיי לעבן. צי דען וועט בעסער זײַן, אַז אָנשטאָט אָט די דרײַ וועלן בא אונדז אומקומען טויזנטער? אַזוי, אַז דערפירט שוין, זײַט אַזוי גוט, די זאַך ביזן סאָף. ניט ווייניקער פון אײַך האָב איך ליב באַלעכאָים, אָבער וואָס קאָן מען טאָן?

דרײַ נוטריעס זײַנען געבליבן אפדערפרײַ. איינע פון זיי האָט מען איניגיכן געמוזט נעמען אין דערוואַרעם. איינמאָל האָט מאַטווייקע באַמערקט, ווי אַן אויסגעדאַרטע, אויסגעמאָגערטע, הונגעריקע נוטריע איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאַלאַנקע, וואָס ס'איז פאַרצויגן געווען מיט אַ דינע אײַז־הײַטל. זי האָט דורכגעבראָכן די פּאַלאַנקע און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער וואַסער. דער יאַט האָט געוואַרט אַ מינוט פופצן און דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט זי זוכן. דורכן דינעם אײַז האָט ער גיך דערזען די וואָנצעדיקע מאָרדע. די אויגן האָבן בא איר שרעקלעך אַרויסגעסטאָרטשעט. זי האָט זיך שרעקלעך געשלאָגן אָנעם אײַז און אָט־אָט וועט זי דערשטיקט.

צוויי טריט פון איר איז געווען די לאָך, וואָס זי האָט אַליין דורכגעבראָכן. נאָר די נוטריע האָט זי ניט געקאָנט געפינען. זי האָט אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די וואַסער, אין וועלכער זי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, האָט עפּעס פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שלאָגן איבער דער מאָרדע און האָט ניט געלאָזט אַרויסרײַסן זיך אַפן דער לופט.

מאַטווייקע האָט אויפגעבראָכן דאָס אײַז מיט אַ לאָפּעטע און האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס נארישע כאַיעלע. אַ שטאַרק אויסגעצערטס און אַ צוגעפרוירנס, האָט מען עס גענומען אינעם שטיבעלע. און אינעם טאָגבוך האָט סאָפּיע איוואַנאָווגע פאַרשריבן:

„איינגאַנצן נישט באַקענט מיט אײַז. אָן דער הילף פונעם מענטשן האָט זי געזאָלט דערשטיקט ווערן, ווײַל זי האָט ניט געקאָנט געפינען די פּאַלאַנקע, דורך וועלכער זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער וואַסער".

די דריטע כאַיע האָט מען געפונען אין עטלעכע טעג אַרום אונטערן שניי. זי איז שוין געווען אַ טויטע. ווען מע האָט אופגעשניטן איר מאָגן,

האָט ער זיכ ארויסגעוויזנ אינגאנצנ א לײדיקער. ווי נאָר עס האָט זיכ דערוווּסט וועגנ דעמ פּאוועל פּעדאָטיטש, האָט ער גענומענ דעמ רויטנ בלײַער אונ האָט פארשריבנ אינעמ טאָג־בוכ:

„אינ די ערטער, ווו די ערד ווערט אפּ א לענגערער צײַט באדעקט מיט שניי, אונ די בײמער אונ די גראָזנ שטעלנ אָפּ זײער וווּקס, קאָנ די נוטריע ניט דורכלעבנ אָנ דער הילפ פונעמ מענטשנ. זי מוז אומפּאר־מײַדלעכ אומקומענ פונ הונגער”.

ער האָט געהײסנ טײקעפּ געפינענ די לעצטע נוטריע אונ ארײַנזעצנ זי אינעמ שטיבעלע. מאטווײקע אונ סאָפיע איוואנאָוונע האָבנ זיכ דער־פרײט אונ זײַנענ געלאָפנ זוכנ די נוטריע. אָבער די פערטע כאיע איז אינערגעץ ניט געווענ. זײ האָבנ אויסגעניִשטערט דעמ גאנצנ פּארק, זײ זײַנענ ארומגעקראָכנ איבער אלע סאזשעלקעס אונ איבערנ טשערעט, אָבער זײ האָבנ זי ניט געפונענ.

— אויב אזוי — האָט געזאָגט פּאוועל פּעדאָטיטש — קאָנ זײַנ, אז פּונקט אָט דער בראָדיאגע האָט זיכ ווי ניט איז צוגעפּאסט.

לענעס מוטער האָט דעמ ווינטער געארבעט אפּנ פײגל־הויפ־יעזינ אינדערפרי, פארנ גײנ אינ שול, אונ אינאָוונט, ווענ עס פלעגט אָנהײבנ צו ווערנ פינצטער, פלעגט לענע לויפנ צו דער גרויסער סאזשעלקע העלפנ דער מוטער האָדעווענ די שוואנענ, קאטשקעס, גענדז, קאזארקעס (ווילדע גענדז) אונ אנדערע אויפעס. די אויפעס האָבנ זיכ אזוי צוגעוווינט צו איר, אז ווענ זי איז געגאנגענ איבערנ פּארק, פלעגנ צו איר פונ די קוסטעס ארויסלויפנ די העלע, לאנגעקיקע פּאזאנעס. די זשוראוועס פלעגנ גײנ נאָכ איר, אונ די פּאוועס האָבנ עפּעס הויכ געשריגנ צו איר אונ האָבנ צעלאָזט דעמ עק.

אײנמאָל האָט לענע געבראכט דער פּאוועס עסנ אונ האָט זיכ פארכי־דעשט: די פּאווע האָט בעשומויפנ ניט געוואָלט אראָפּקריכנ פונ איר זיצ־אָרט. זי האָט שרעקלעכ געשריגנ, האָט אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אונ האָט א דערשראָקענע אויסגעגלאָצט די אויגנ אפּנ שפּײַז־קעסטל. לענע האָט א קוק געטאָנ אינעמ שפּײַז־קעסטל אונ האָט זיכ אלײנ דערשראָקנ מער, ווי

די פּאווע. דאָרט איז געזעסן א גוואַלדיק גרויסער, גרעסער פון א קאַץ, האָריקער שטשור. ער האָט מיט די הענט אונטערגעקליבן שטיקלעך ברויט און האָט מיט אַפּעטיט געגעסן.

לענע האָט פאַר שרעק אוועקגעוואָרפן די שפּײַז און האָט זיך געלאָזט לויפן ביז צו דער מוטער, נאָר גלײַך צו אווגוסט איוואַניטשן, וועלכן אַלע האָבן גערופן „סטראַוס איוואַניטש״. אויף איינעם פון די סטעזשקעס פון פּאַרק האָט זי זיך באַגעגנט מיט מאַטווײיִקען, וועלכער האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו זוכן דעם אַנטרונענעם, דעם לעצטן קאַפּיפּו.

— וווּהין לויפסטו עס, לענקע?

— צו סטראַוסן—האָט זי לויפנדיק אויסגעשריגן.—דאָרט בײַ אונדז האָט זיך עפּעס א כאָיע באַוויזן, אַרײַנגעקראָכן אינעם שפּײַז־קאַסטן.

— וואַרט נאָר. וואָס פאַר א כאָיע? א נו, קום נאָר, מיר'ן א קוק טאָן, עפּשער איז דאָס אונדזער „וונוטרײַ״?

לענע איז ניט געווען אײַנגעגאַנגען אויף זײַן פאָרשלאַג. מאַטווײיִקע האָט א קוק געטאָן—ווירקלעך, דער פאַרפאַלענער בראָדיאַגע. ער איז שרעקלעך אויסגעדאַרט, דער עק איז בײַ אים אינגאַנצן אָפּגעפאַלן, די פינגער מיט די לאַפּעס זײַנען געשוואָלן, און די נעגעלעך זײַנען פון זיי אַרויסגעפאַלן ווען מע האָט דידאַזיקע נוטריע געוויזן פּאַוועל פּעדאַטיטשן, האָט ער געזאָגט:

— א, א, איינע האָט זיך דאָך צוגעפּאַסט. כאָטש ניט אַזוי, ווי מיר האָבן געוואָלט, אָבער זי האָט זיך דאָך צוגעפּאַסט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַנעם מענטש איז א סאָף צו איר, און האָט זיך אײַנגעאָרדנט אויפן פייגל־הויף. נו, אויב ער וועט גאַנווענען פון די פייגלשע שפּײַז־קעסטלעך און וועט נעכטיקן אונטער א דאַך, וועט ער, מעגלעך, דערציִען ביז פרילינג. איצט איז שוין ניט קיין סך געבליבן. לאָזט אים אַפּדערפרײַ.

און דער בראָדיאַגע איז געבליבן אַפּדערפרײַ. ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געדרייט אַרום די פייגל, איז כוצפּעדיק געקראָכן אין די שפּײַז־קאַסטנס און האָט גיריק געגעסן. ניט געקוקט דערויף, וואָס די בייזע שוואַנען האָבן אים שטאַרק געצופּעט און געקלאַפּט מיט די שנאָבלען.

סאָפ מארט איז דער שניי צעגאנגענ, אונ אינ אפריל האָבנ זיכ צווישנ דעמ אלטנ הויכנ טשערעט באוויזנ גרינינקע צונגעלעכ פונ די יונגע פלאנצנ. דער בראָדיאגע האָט ארומגעריסנ דידאָזיקע זאפטיקע פלאנצנ, האָט זיכ ביז זאט אָנגעגעסנ אונ האָט פרײַ ארומגעשפּאצירט איבער די אינדזולענ. זײַנע וווּנדנ האָבנ זיכ פארהיילט, די פעל האָט אָנגעהויבנ גלאנצנ, אונ דער רוקנ האָט אָנגעהויבנ ווערנ קײַלעכיקער. אינגיכנ האָט ער אינגאנצנ אוועקגעוואָרפנ דעמ פייגל־הויפ אונ האָט זיכ ענדגילטיק באזעצט בא די סאזשעלקעס.

VI

דאָס פּאָרל כאיעס — דער „פּאָטער" אונ די „בלויע" — האָבנ אינעמ קליינעמ שטיבל געלעבט אינ לוקסוס. זיי האָבנ זיכ אפילע ניט פאָרגע־שטעלט וועגנ יענע אומגליקנ, וואָס האָבנ זיכ געטראָפנ מיט זייערע כא־ווײרימ. זיי האָבנ געהאט גענוג עסנ אונ א צודעק פונ קעלט. ניט געווענ, פארשטייט זיכ, קיינ וואסער אפּ באָדנ זיכ. נאָר וואָס קאָנ מענ טאָנ? אינ ערגסטנ פאל, קאָנ מענ זיכ נאָגיינ אָנ באָדנ זיכ.

אינ מארט, ווענ דער שניי איז נאָכ געלעגנ ניט קיינ צעגאנגענער, האָט מאטווייקע באמערקט, אז פונעמ שטיבעלע האָט זיכ ארויסגערוקט עפּעס א האָריקער שטשור מיט א געלבלעכ פעלעכל. ער איז געווענ ענלעכ אפ דער „בלויער", נאָר זייער א קליינינקער. אביסל שפּעטער איז צו אימ צוגעגאנגענ נאָכ איינער אזא. מאטווייקע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגנ.

— סאָפיע איוואנאָווע — האָט ער אָנגעהויבנ שעפּטשענ, — וואָס האָט זיכ דאָ געטראָפנ, זיי האָבנ אײַנגעטריקנט, צי וואָס?

— דאָס זײַנענ דאָכ קליינינקע פא זיי געבוירנ געוואָרנ.

— וואָס פאר א קליינינקע? איר ווייסט אליינ ניט. איכ האָב דאָכ ערשט ניט לאנג א קוק געטאָנ אינעמ שטיבעלע. דאָרט זיינענ געווענ בלויז צוויי, אונ די זײַנענ שוינ אָט וואָסערע פלינקע. ווענ דאָס זאָלנ זײַנ קליינינקע, וואָלטנ זיי נישט געקאָנט גיינ.

— ניינ, בא נוטריעס דארפנ די קינדער גלײַכ נאָכנ געבוירנ קאָנענ לויפנ אונ שווימענ.

— צו וואָס?

— נו, דאָס קאָנ איכ דיר שוינ ניט זאָגנ. געוויס איז עס אזוי נייטיק צו די צוויי קלײנינקע, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אפ דער שוועל, זײַנענ ארויסגעקראָכנ נאָכ צוויי. זיי זײַנענ אזוי פלײַסיק געקראָכנ פאָרויס, אז איינס איז אינגאנצנ ארויסגעפאלנ אפ אויסנ, אפנ שניי. נאָכ אימ זײַנענ ארויסגעלאָפנ אויכ אלע איבעריקע. אָבער דער קאלטער שניי האָט זיי א ברי געטאָנ אינ די נאקעטע לאפּעלעכ. זיי האָבנ טרויעריק אָנגעהויבנ קוויטשענ—ממאַ־א, ממא, אונ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ צוריק אינעמ שטיבעלע.

— אָט זעסטו,—האָט געזאָגט סאָפיע איוואנאָוונע.—אונ מיר האָבנ זיי געוואָלט אויסבאָווענ אפנ שניי. וווהינ וואָלטנ זיי זיכ אהינגעטאָנ מיט אזעלכע קלײנינקע?

מאטווייקע האָט פארשטאנענ, וואָס זי מיינט, אונ האָט געענטפערט פאר פאוועל פעדאָטיטשנ:

— איז וואָס זשע? דערפאר ווייסנ מיר שוינ איצט גוט, ווי אזוי מע דארפ זיי אויסבאָווענ.

ווענ די סאזשעלקע האָט זיכ באפרײַט פונעמ אײַז, זײַנענ אלע קלײנינקע ארויס פונעמ שטיבעלע. זיי זײַנענ געווענ זעקס שטיק. זיי זײַנענ געשווומענ אונ האָבנ זיכ געטוקט אונטער דער וואַסער בעסער פונעמ פאָטער מיט דער מוטער. זיי האָבנ זיכ געבאָדנ טאָג אונ נאכט. אונ ווענ זיי זײַנענ ארויסגעקראָכנ, פלעגנ זיי גלײַכ אָנהייבנ צו רײַבנ זיכ דעמ קערפּער, פונקט ווי די גרויסע.

שוינ פונ די ערשטע טעג האָבנ זיי אָנגעהויבנ עסנ גראָז אונ בורע־קעס. ערנסט, ווי גרויסע, פלעגנ זיי נעמענ אינ האנט א גרעזל, האָבנ עס לאנג געשווענקט אינ וואסער, אונ דערנאָכ פלעגנ זיי שוינ אָנהייבנ אָפּבײַסנ. אָבער אכוץ אָט דער שפּײַז האָט זיכ זיי, ווײַזט אויס, אויכ גע־וואָלט אביסל א זויג טאָנ מילכ בא דער מוטער, אונ די מוטער האָט זיכ

עפּעס געהאַלטן נאַריש: זי האָט בעשומויפן ניט געלאָזט זויגן. אַפן בּרעג, ווען זיי טועג זיך צו איר א לאָז, דריקט זי זיך גלײַך צו צו דער ע״ד. און זיי, נעבעך, שטעקן די מאָרדעס אינעם רוקן, און אַזוי ווערן זיי בּא איר אַפן רוקן אַנשלאָפן. און אַפן וואַסער איז נאָך ערגער, אַפן וואַסער לייגט זי זיך אַוועק מיטן בּויך אַפ אונטן און ליגט, ווי א קלאָץ. זי פאַרשטייט ניט, דער נאַר, אַז זיי קאָנען דאָך ניט זויגן בּא איר אונטער דער וואַסער. — זיי וועלן זיך דאָך פאַרכלינען. שטופּן זיי ווײַטער די מאָרדעס אינעם רוקן.

מאַטווייקען האָט עס שטאַרק באַומרויִקט: די קליינינקע זאָלן נאָך ניט אויספּייגערן פון הונגער. ער איז שוין אַמאָל צוואַנציק צוגעשטאַנען צו סאָפיִע איוואַנאָוונע, נאָר זי האָט אים ניט געקאָנט ווי געהעריק דער־קלערן די זאַך, ווײַל זי האָט אַליין ניט געוווּסט. האָט מאַטווייקע ניט אויסגעהאַלטן און איז געלאָפן צו פּאַוועל פּעדאָטיטשן.

— וואָס הייסט? זי לאָזט ניט זויגן? — האָט זיך געוווּנדערט פּאַוועל פּעדאָטיטש — ס׳קאָן ניט זײַן. אַנו, קום ווען מיר א קוק טאָן.

— און מיר מעגן א קוק טאָן אַפ די קליינינקע? — זיינען צוגעשטאַנען וואַריע מיט לענען. — פּאַפּא, נעם אונדז מיט.

— נו, גוט, קומט, אָבער איר זאָלט מיר ניט פּישטשען, ניט קוויטשען.

ווען זיי זיינען געקומען צו דער סאַזשעלקע, זיינען בּיידע אַלטע נוטריִעס געזעסן אינעם שטיבל, און בּא זיי אַפ די רוקנס זיינען געשמאַק געשלאָפן זעקס קליינינקע געל־בּלאָנדע נוטריִעלעך.

— אָט, איר זעט? — האָט שטיל געשעפּטשעט מאַטווייקע. — זי האָט ווידער ניט געלאָזט. זיי האָבן זיך געטאָרקעט אינעם רוקן און זיי זײַנען אַזוי אַנשלאָפן געוואָרן.

— אָט וואָס דאָ איז, — האָט א שמייכל געטאָן פּאַוועל פּעדאָטיטש. — נו, דאָס איז נאָך ניט קיין גרויסער אומגליק.

ער האָט אופגעהויבן דאָס דעקל און האָט גענומען צוויי נוטריִעלעך אַפ די הענט. זיי זײַנען געווען קלענער פון דער דאָלאָניע, ווייכינקע, זיי האָבן זיך ניט געשראָקן. איינס האָט אַרײַנגערוקט די נאָז אינעם אַרבל,

דאָס צווייטע האָט זיך אוועקגעזעצט אפּ דער האַנט און אָנגעהויבן עסן א גרעזעלע, וואָס וואריע האָט דעם אונטערגערוקט.

— כעוורע,—האָט געזאָגט פּאוועל פּעדאָטיטש.—אָט וואָס איך האָב איַיך געוואָלט זאָגן: אָט דאָ האָט זיך מאַטווייקע געוווּנדערט, פּאַרוואָס עפּעס

די נוטריָע האָט זיך אוועקגעזעצט אפּ דער האַנט און אָנגעהויבן עסן א גרעזעלע

שטעלט די מוטער אונטער די נוטריעלעכ דעמ רוקנ אנשטאָט דעמ בויכ? איר זעט—די נוטריע לעבט אינ וואסער. אינ וואסער עסט זי. אפֿ דער וואסער באהאלט זי זיכ אויס גאנצע טעג פֿונ די פֿײַנט. נאָר אויב זי שווימט גאנצע טעג, איז ווי אזוי וואָלט זי געקאָנט האָדעווענ אירע קלײנינקע, ווענ די זויג־נאָפּעלעכ אירע זאָלנ זיכ בא איר געפֿינענ אפֿנ בויכ, ווי בא אלע כאיעס? דעריבער געפֿינענ זיכ בא איר די נאָפּעלעכ...

— מיר ווײסנ, מיר ווײסנ,—האָבנ איבערגעשלאָגנ די כעוורע — אָט דאָרט, ווו זײ האָבנ זי געטאָרקעט מיט די נעזלעכ.

פאוועל פעדאָטיטש האָט ארויסגעשלעפּט פֿונעמ קאסטנ די „בלויע", האָט צעשארט בא איר די האָר, אונ די כעוורע האָבנ דערזענ אפֿנ רוקנ צוויי רײענ קלײנינקע נאָפּעלעכ.-

* * *

איצט זײַנענ געבליבנ אינ אוקראינע בלויז דער אלטער פֿאָטער, וואָס איז שטארק פֿעט געוואָרנ אונ וועגט ביז צוועלפֿ קילאָ, אונ די „בלויע" מיט דער גאנצער פֿאמיליע: זינ, אײניקלעכ, אור־אײניקלעכ אונ אור־אור־אײניקלעכ.

די צוויי קלײנינקע נוטריעלעכ—פֿוכעלע אונ מארטישקע—שטויסנ זיכ אפֿילע ניט אָנ, אז זײער עלטערזײדע מיט דער עלטער־באָבע זײַנענ אמאָל געקומענ צו פֿאָרנ פֿונ דאָרעמ־אמעריקע. דידאָזיקע פֿרײלעכע כאיעלעכ גײענ אומ צווישנ מענטשנ פֿונקט אזוי פֿרײַ אונ פֿאָשעט, ווי די הינט־אָפּטמאָל גײענ זײ ארײַנ אינ דער לאבאראטאָריע, זעצנ זיכ אוועק אפֿ די הינטערשטע לאפּעלעכ אונ קוקנ, ווי די מענטשנ ארבעטנ.

אויב קײנער ווענדט ניט אפֿ זײ קײנ אויפֿמערקזאמקײַט, באלײדיקנ זײ זיכ אונ ווײנענ: ממ־א־א. פֿוכעלענ אונ מארטישקענ האָבנ אלע ליב אונ באלעווענ זײ מיט געשמאקע זאכנ.

פֿונ דער לאבאראטאָריע גײענ די נוטריעלעכ לענגאויס די וואַנט פֿונעמ הויז, דערנאָכ קלײַבנ זײ זיכ אריבער איבערנ וועג. דאָ ווײסנ זײ אײנ טיר, ווו עס וווינט וואריע. זײ קריכנ שטילערהײט ארײַנ אינעמ

צימער און זעצן זיך אוועק אינעם אָפּגעגרויזעטן ווינקל. אין דעמדאָזיקן ווינקל זײַנען פאראן אסאך מאָדנע שפּילעכלעך. דאָ איז דאָ א הויקערדיק קיִעלע א זעבו, אן אָנגעטאָנענס אין האָריקע הויזן פון א טיבעטער באַרג־יאק. דאָ איז דאָ א ראָזעווע פערד מיט שײנע שווארצע סטענגעס איבערן גאנצן קערפּער. דאָ איז דאָ א גרויסע שאָף, וואָס זיי האָבן נאָך קײנמאָל ניט געזען, אינגאנצן אין דריבנע גרײַזעלעך פון קאראקול, און נאך אסאך, אסאך פארשיידענע ווונדערבארע כאיעס און באלעכאִים זײַנען דאָרטן פאראן.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז—דאָרטן שטײט א שאכטעלע, און אינעם שאכטעלע זײַנען פאראן שטיקלעך צוקער, מערן און ברויט. פוכעלע און מארטישקע ווייסן, אז דאָס איז פאר זיי. זיי עסן זיך אָן און אָרדענען זיך אײַן טאקע דאָ אפן אונטערבעט.

אינגיכן קומט צו גײן פון שול ווארִיעלע אלײן. ניט קײן זיבן יאָר איז זי שוין אלט, נאָר גאנצע נײַן. ווי פריִער, האָט זי שטארק ליב באלעכאִים און ארבעט אין א קרײַז פון יונגע נאטוראליסטן.

— מײַנע קעצעלעך זײַנען געקומען—זאָגט ווארִיעלע,—און פוכעלע מיט מארטישקען רופן זיך קאפריז אָפּ:—ממ־א, ממ־א!

* * *

אײנמאָל איז אינעם יישעוו געקומען צו פאָרן א טוער פון טראנסקאווקאז. ער האָט דערקלערט, אז ער וועט מאכן א פאָרטראג וועגן א נײַעם באלכײַ. אינאָוונט איז דער קלוב געווען פול געפּאקט מיט מענטשן. דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דעם קאָיִפו:

— דער פּרוּוו, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט מיט דערדאָזיקער כאיע, האָט אונדז געגעבן ריכטיקע אָנווײַזונגען, ווו און ווי אזוי מע קאָן זיי אויסכאָוועז. מיר האָבן געפונען פאר איר שטילע וואסערן און זומפּן אפן טײַך ריאָן. דאָרט איז קײנמאָל קײן ווינט ניטאָ, און די וואסער ווערט נישט באדעקט מיט קײן אײַז. די בײמער און די גראָזן וואקסן א קײַלע־

כיק יאָר. מיט די בוק־וועלדער, מיט די ווילדע ווײַנטרויבנ אונ מיטנ ווייכנ ווארעמענ קלימאט דערמאָנט דאָסדאָזיקע אָרט די היימ פונעמ קאַפֿקאַז.

— דאָרטנ האָבנ מיר נאָכ אײַער פּרווו נאָכ ארויסגעלאָזט די נוטריִעס. שוינ דאָס ערשטע יאָר האָט זיכ די טשערעדע זייערע פארגרעסערט אינ פיל מאָל, אונ איצט האָבנ זיי זיכ אזוי שטארק צעפּרוכפּערט, אז עס קומט אויס אלצ מער אונ מער צו שיסנ זיי אמ אויסצונוצנ זייערע פעלעכלעכ אונ דאָס פליייש. ווענ איר זאָלט קומענ צו פאָרנ צו אונדז אפנ רײַאָנ אונ איר זאָלט אָפּזיצנ איינ נאַכט אפ דער אָזערע, אינעמ טשערעט,—וואָלט איר איבערראשט געוואָרנ, אזויפיל זײַנענ זיי דאָרטנ פאראנ. אָט וועל איכ אײַכ ווײַזנ פאָטאָגראפיעס.

די עלעקטרע איז אינ זאל אויסגעלאָשנ געוואָרנ. אלע האָבנ א קוק געטאָנ אפנ גרויסנ ווײַסנ לײַוונט. דאָרטנ האָט זיכ באוויזנ א קינאָ־בילד. ווי עפּעס פונ א נעפּל ארויס האָט זיכ צו די צושויערס צוגערוקט א שטילע אָזערע, א באגאָסנע מיט שײַנ פונ דער לעוואָנע. ארומ דער אָזערע האָט זיכ, ווי א וואנט, געצויגנ אינדערהייכ טשערעט. פּלוצימ האָבנ זיכ אפנ גלאטנ אויבערפלאכ פונ דער וואסער באוויזנ ברייטע קרײַזנ, אונ עס האָט זיכ ארויסגערוקט א טעמפּע וואָנצעדיקע מאָרדע.

די כאיע איז געשוואומענ קימאט שטייענדיק. דער גאנצער קערפּער אירער איז אײַנגעזונקענ געווענ אינ וואסער. זי איז צוגעשוואומענ צומ ברעג עפּעס ווי א קליינ שיפל, איז ארויסגעגאנגענ אפנ ברעג, האָט אויסגעקערעוועט די מאָרדע צו די צושויערס, האָט געעפּנט דאָס מויל. אלעמענ אינ זאל האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז פונ אונטער די וואָנצנ אירע האָט זיכ דערהערט א ניט קיינ הויכ ממ־א־א. גלײַכ האָבנ איבער דער וואסער אָנגעהויבנ שעמערירנ קרײַזנ, פונ אלע זײַטנ האָבנ זיכ באוויזנ וואָנצעדיקע מאָרדעס. די כאיעס זיינענ ארויסגעקראָכנ פונעמ טשערעט אפנ ברעג, האָבנ באגעגנט אלצ נײַע אונ נײַע, וואָס זיינענ געשוואומענ אָנ א סאָפּ. קליינע נוטריִעלעכ האָבנ זיכ געיאָגט איינס נאָכנ אנדערנ, האָבנ זיכ אָנגעוואָרפנ אינ א גאנצנ הויפנ, זיינענ געשפּרונגענ ווי קעצעלעכ.

די אלטע „ערנ״ האָבנ געפערקעט, האָבנ זיכ געשלאָגנ צעבייזערטע, ווי הינט.

אלע צושויערס זיינענ אנטציקט געווענ, האָבנ געפּליעסקעט מיט די הענט. בלויז איינעמ איז דאָס בילד אזוי ניט געפעלנ, אז ער האָט זיכ די גאנצע צייט אָפּגעקערט. דערדאָזיקער צושויער איז געווענ דאָס קליינע פוכעלע. זי איז געזעסנ בא וואריענ אפ די קני, האָט געריבנ איינ לאפּעלע אָנ דער אנדערער אונ דערנאָכ האָט זי מיטנ פויסטל צעקעמט די וואָנצנ.

פערדלעכ אינ פאסנ

I

אפ ווינטער האָבנ די קאָניוכעס מיט דער אלטער מינע פאנאנדערגעפירט די זעברעס „זינענ״ איבער די געשטאלנ, אונ די ווילדע פרזשעוואלסקיס פערד האָבנ געווינטערט צווישנ די שניי־שטורעמס אונ זאווערוכעס. נאָכ בא זיכ אינ מאָנגאָליע, אפ דער פרייהייט, איז זיי דאָכ אָפטמאָל אויסגעקומענ צו נעכטיקנ אינ שניי, אונ צו ווינטער־צו איז בא זיי די פעל באוואקסנ געוואָרנ מיט א לאנגער ווארעמער וואָל.

אָבער די זעברעס האָבנ בא זיכ אינ אפריקע קיינמאָל ניט געוווסט פונ קיינ קעלט, דעריבער איז בא זיי נישט אויסגעוואקסנ צו ווינטער־צו קיינ ווארעמער פוטער. אנשטאָט א פוטער האָבנ ווענג זיי געזאָרגט מענטשנ, וועלכע האָבנ זיי באהאלטנ פונ פרעסט אינעמ ווארעמענ טארפאניק.

ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די קעלטנ, האָבנ די זעברעס פארלוירנ זייער פריילעכנ, מונטערנ אויסזענ, זיי איז קאלט געווענ, אונ זיי זיינענ געוואָרנ שלעפעריקע. גאנצע טעג האָבנ זיי געדרימלט אינ די שטאלנ, אונ בלויז ווענ עס האָט ווידעראמאָל אָנגעהויבנ צו ווארעמענ די פרילינגדיקע זונ, אונ די זעברעס האָבנ עס דערפילט דורכ די ווענט, האָבנ זיי מיט א רוישיקנ רעווענ אונ בילנ באגריסט דעמ אָנקומענדיקנ זומער.

ווענ אינעמ טארפאניק פלעגנ קומענ נײַע מענטשנ, פלעגנ זײ די אָנגעשטעלטע שטענדיק זאָגנ:

— אָט דאָס איז פאלמע, די זעברע טשאמפאני. איר זעט, די פאסנ זײנענ בא איר שיטערע אונ ברײטע. אונ אָט די מיט די שמאָלע, גע־דיכטע פאסיקלעכ, די גרעסערע, דאָס איז—מינע—די זעברע גרעווי.

מינע האָט געוווּסט גוט דידאָזיקע פראזע. זי האָט זיכ ניט געלאָזט לאנג בעטנ אונ פלעגט צוגײנ צו דער טיר פונ די גראטעס, שוינ פאָרויס באלעקנדיק זיכ, ווײַל זי האָט געוווּסט, אז נאָכ אזא פאָרשטעלנ זי גיט מענ איר צוקער.

פאלמע האָט געהאט א שווערערנ כאראקטער. ווינטער, ווענ זי איז געשטאנענ אינעמ געשטאל, פלעגט זי אָפּט בײז זײנ אונ צודריקנ די אויערנ. אונ אָט דעמ ווינטער האָט זי זיכ אפילע דרײַ מאָל געוואָרפנ אפ מענטשנ, ארויסטאָרטשענדיק די צײנ.

נאָר איר פלעגט מענ אלצ מויכל זײנ, ווײַל אָנהײב פרילינג האָט זי זיכ באדארפט אָפּפערדלענ אונ ברענגענ א שײנ לאָשיקל. דאָסדאָזיקע לאָשיקל האָט מיט אומגעדולד דערווארט פאוועל פעדאָטיטש, אונ אײנ־נעמ מיט אימ—אלע אָנגעשטעלטע פונעמ ײשעוו.

אונ מער פונ אלצ האָט ארויסגעקוקט אפנ לאָשיקל ווארי. אײנמאָל האָט זיכ איר אײַנגעגעבנ צו כאפנ איר פאָטער, וואָס זיצט קײנמאָל ניט אײנ אפ אײנ אָרט, אונ זי האָט אימ געצווּנגענ צו דערצײלנ דאָס מײַסעלע וועגנ דעמ „פערדעלע־הויקערל“. עמעס, באמ נײַעמ פערדל האָט נישט באדארפט זײנ קײנ הויקער, ווי בא דעמ פערדל פונעמ מײַסעלע, אָדער ווי באמ ווונדערבארנ קיעלע, וואָס מע האָט אויכ אָנגערופנ מיטנ נאָמענ ווארי.

אָבער אינ אלע אנדערע הינזיכטנ האָט דאָסדאָזיקע פערדעלע מיט די טונקעלע פאסנ געדארפט זײנ אינדערעמעסנ א ווונדערבארס, אונ ווענ וואריע האָט זיכ דערוווּסט, וואָס פאר א קונצנ עס האָט געוויזנ אזא פערדעלע באמ גראָבנ פאָרעצ פאלצפײנ, אונ ווענ זי האָט זיכ נאָכ דער־וווּסט וועגנ דער מײַסע מיט די הארמאטנ,—דעמאָלט איז זי גרײט געווענ טאָג אונ נאכט צו זיצנ אינעמ טאָרפאניק אונ ווארטנ אפ פאלמעס לאָשיקל.

ניט בלויז די אָנגעשטעלטע און די ארבעטער פונעם יישעוו, נאָר אויכ א גאנצע כאליאסטרע טעכטער און זינ זייערע האָבנ צו יענער צײַט שוינ אָנגעהויבנ אָפטמאָל ארײַנצוקומענ צומ אלטיטשקנ פעדאָרטשענקאָ. ווארייע און לענע, מאטוויי און דער אינדיאנער האָבנ זיכ אפילע געמאכט אזא מאָדע: אינדערפרי, ווי נאָר עס פלעגט אָנהייבנ צו הודזשענ דער הודאָק, און אפדערנאכט, איידער עס ווערט פארלאָשנ די עלעקטרע, פלעגנ זיי ארײַנרוקנ די קעפ אינעמ פענצטער פונעמ וואכ־שטיבל און פרעגנ:

— זיידעניו פעדאָרטשענקאָ, פאלמע האָט נאָכ קיינעמ ניט געבוירנ?

איינמאָל האָט דער אלטיטשקער נאָכמער צונויפגעקנייטשט זיינ גענקייטשט פּאָנעמ און האָט געזאָגט:

— פארטיק, שוינ געבוירנ.

— טאקע אפ אנ עמעס?—די קינדער זיינענ געלאָפנ ארומ אינ האָבנ זיכ ארײַנגעריסנ צו אימ אינ וואכ־שטיבל:—ווו זיינענ זיי? זיידעניו פעדאָרטשענקאָ, ווײַז!

דער אלטיטשקער האָט א גלעט געטאָנ זיינ געלע באָרד, האָט ווידעראמאָל פארקרימט דאָס פּאָנעמ און האָט צענומענ די הענט:

— פארשטייט איר, מיט א שאָ צוויי צוריק איז בא איר געבוירנ געוואָרנ עפּעס א קליינס, א קליינטשיקס, ווי א פלוי. איכ מיטנ טעכניקער זיינענ מיר ארײַנגעגאנ אינעמ געשטאל א קוק צו טאָנ אפ אימ, און ער, אָט דער קלייניקער, ווי ער גיט עס א שפרונג! אָט אזוי איז ער ארײַנגעקראָכנ צו אונדזער טעכניקער אונטערנ העמד, און וויפל מיר האָבנ אימ ניט געזוכט און געזוכט, די גאנצע וועש האָבנ מיר איבערגעטרייסלט,—ניטאָ און אנ עק! צי ער איז אָט דאָ אינעמ שפאלט ארײַנגעפאלנ, און עפּשער האָט אימ דער טעכניקער אוועקגעטראָגנ אונטערנ העמד. איר זעט, כעוורע, וואָס דאָ האָט געטראָפנ,—פארפאלנ פאלמעס קינד, געבוירנ געוואָרנ און פארשוווּנדנ געוואָרנ.

— ע, דאָס זאָגסטו שוינ א ליגנ—האָט זיכ באליידיקט ווארײַעלע,—בא פאלמענ וועט געבוירנ ווערנ א פערדעלע, א ראָזעווע פערדעלע מיט שווארצע פאסנ, זייער א שיינס און א שטאָ קס. זײַנ פאָטער איז מיזשור,

און די מאמע—פאלמע. דאָס וועט זיין א זעפּראָיִד, און ווען דו, זיידעניו פּעדאָרשטעָנקאָ, וועסט בלויז לאכן פון אונדז, וועלן מיר מער ניט קומען צו דיר.

די כעוורע האָבן זיך אלע אופגעהויבן, האָבן ניטצופרידענע א קוק געטאָן אפן אלטן און האָבן זיך געלאָזט אוועקגיין. דער אלטער האָט זיי געלאָזט גיין, און ווען זיי זיינען שוין געווען בא דער טיר, האָט ער געזאָגט:

— און עפשער וועט איר זיך אומקערן? איך האָב זיך שוין פונלאנג געקליבן צו דערציילן איַיך וועגן אָט די זעפּראָיִדן, נאָר איך האָב אלץ קיין צייַט ניט געהאט.

די כעוורע האָבן טייקעף פארגעסן וועגן זייער ניטצופרידנקייט:

— דערצייל, זיידעניו, דערצייל.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט ארום דעם זיידן, און ער האָט זיי דערציילט א מייַסע וועגן

„ד־עם זשעדנע פעמפּיק און וועגן פערדעלעך אין פּאסנ״:

„מיט א הונדערט יאָר צוריק איז צו אונדז קיין אוקראיִנע געקומען צו פאָרן א דייַטשיש סויכערל פיין. ער האָט געקויפט א קליינעם מאיאָנטעק (א גוט)—די איצטיקע אסקאניִע—און האָט זיך פארנומען מיט אויסכאָוועָן שאָף. די מענטשן ארום האָבן געהונגערט. פאר א שטיקל ברויט האָבן פויערים געארבעט אפּ אים—געפּאשעט די שאָף, געשוירן זיי, געוואשן די שאָפענע וואָל,—זיי האָבן אלץ געטאָן. די גאנצע קוגץ איז דאָ באשטאנען אינעם שטיקל ברויט, דאָס הייסט, אינעם געלט: וואָס מער געלט מע האָט געהאט, אלץ מער ארבעטער האָט מען געקאָנט דינגען, אלץ מער רעוועך ארויסבאקומען.

פיין האָט דאָס גאָר גיך פארשטאנען. ער האָט זיין טאָכטער כאסענע געמאכט מיטן רייַכן פאָרעץ פאלצ. אזוי האָט זיך באקומען איין פאמיליע פאלצפיין, און ניט בלויז איין פאמיליע, נאָר אויך איין געמייגזאמער קאפּיטאל.

פונ יענער צײַט זײַנ האָבנ זייערע קאפּיטאלנ אָנגעהויבנ צו וואקסנ אונ אָנגעשוואָלנ ווערנ מיט דער גרעסטער גיכקייט. אינ א יאָר דרײַסיק־פערציק ארום האָט מענ זיי שוינ גערופנ די אוקראַינישע שאָפ־קעניגנ. שאָפ האָבנ זיי שוינ געהאט אזויפיל, אז ווענ איינ מענטש זאָל זיי געווענ ווועלנ איבערציילנ, וואָלט ער באדארפט ציילנ אינ מעשעכ פונ א גאנצנ כוי־דעש. וויפל געלט זיי האָבנ געהאט,—דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. איינע פלעגנ זאָגנ — הונדערט טויזנט רובל, אנדערע — מיליאָנענ, אונ איינער אנ אלטער האָט דערציילט, אז ער האָט אליינ מיט זײַנע אייגענע אויגנ געזענ גרויסע פעסער פולע מיט גאָלד. עמעס, מע פלעגט פונ אים לאכנ אונ פרעגנ: „אונ עפשער איז דאָס גאָרניט קיינ גאָלד, נאָר געזײַערטע אוגערקעס האָסטו געזענ אינ די פעסער?" נאָר ער האָט געזאָגט, אז ער האָט ניט בלויז געזענ, נאָר ער האָט אפילע געפרוווט מיט די ציינ—עמעס גאָלד.

אינעינעמ מיט גרויס געלט קומט שטענדיק גרויסע גײַווע. איז זי געקומענ אויכ צו די פאלצפיינס. האָבנ זיי מאמעש געפלאצט אונ געוואָלט אויסבארימענ זיכ פאר מענטשנ. אונ מיט וואָס האָבנ זיי זיכ געקאָנט בארימענ, אויב ניט מיט זייער רײַכקײַט? קיינ איבעריקע כאכאָמימ זיינענ זיי ניט געווענ, מיט דרייסטקייט, מיט גוטסקייט, מיט וויסנ האָט זיכ קיינער פונ זיי ניט אויסגעצייכנט.

האָבנ זיי געלאָזט אינ גאנג זייער געלט. האָבנ זיי דערהערט, אז עפּעס א גוויר האָט זיכ געקויפט א רײַכ פאעטאָנדל,—פליענ זיי טייקעפ באשטעלנ פאר זיכ נאָכ א בעסערס, נאָכ א טײַערערס. האָט זיי עמעצער געזאָגט, אז עמעצנס א שאָפ אָדער א פערד האָט באקומענ א פריז אפ אנ אויסשטעלונג,—פאָרנ זיי טייקעפ אונ מוזנ קויפנ דידאָזיקע שאָפ אָדער דאָס פערד. לייענט מענ איבער אינ א ביכל, אז די גרויסע גוויִרימ האָבנ אינ זייערע גיטער פרעכטיקע סעדער, אונ אינ די סעדער— די זעלטנסטע ביימער, סאזשעלקעס, בלומענ־גערטנער,—דינגענ זיי באלד ארבעטער אפ צו גראָבנ סאזשעלקעס, אפ צו פארזעצנ בלומענ־גערטנער, שיקנ מענטשנ אינ די ווײַטע לענדער אײַנצוקויפנ די זעלטנסטע ביימער.

ווּנדערט זיך, מענטשן: אָט אוועלכע מיר זיינען, מיר, די פאַלצפיינס. אַלץ איז בא אונדז פונעם טײַערסטן, פונעם בעסטן, קיינער קאָן אונדז ניט איבערשטײַגן ניט מיט רײַכקייט, ניט מיט לוקסוס.

דער אַלטער פאַלצפיינעכע האָט מען איינמאָל דערציילט, אַז אין קרים, באַם סאַמע יאַם האָט מען אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ מיט מאַרמאָרנע קאָלאָנעס, אַזאַ שײנעם, אַז מענטשן קומען צו פאָרן פון ווײַטע קאַנטן צו קוקן אַף אים. די אַלטע האָט אַ גאַנצן טאָג געוויינט פון פאַרדראָס, און אַפן צווייטן טאָג האָט מען זעכציק ווערסט פון אַסקאַניאַ־נאָווע, אַפן ברעג פונעם אויסגוס אָנגעהויבן בויען אַ נײַ הויז.

אין זעקס כאַדאָשים אַרום איז דאָס הויז פאַרטיק געווען—אַ פּרעכטי־קער ווײַסער פּאַלאַץ מיט מאַרמאָרנע קאָלאָנעס און מיט פאַרשיידענע באַצירונגען. אָבער קיינער האָט עפעס ניט געוואָלט קומען צו פאָרן צו קוקן אַף אים. ווײַזט אויס, דערפאַר, וואָס דאָס הויז איז געשטאַנען ווײַט פון דער אײַזנבאַן, אינעם פּוסטן הוילן סטעפּ, און דער יאַם־אויסגוס איז געווען אַ פליטקער און פון אים האָט געשטונקען מיט געפּיי־גערטע פיש.

די אַלטע איז שרעקלעך בייז געוואָרן און האָט צוגעטראַכט אַ נײַעם קונצשטיק: זי האָט אויסגעשריבן דרײַסיק מוזיקאַנטן, האָט זיי באַצאָלט אַסאַך געלט און האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל:

— איר וועט גאַנצע טעג שטיין אַפן באַלקאָן פון מײַן הויז, און ווער אין פונוואַנען עס זאָל זיך ניט באַווײַזן אַף דער שוועל, דאַרפט איר אים באַגעגענען און באַגלייטן מיט מוזיק.

עמעס, אַפילע נאָך דעם פלעגן ווייניק מענטשן קומען צו פאָרן צו קוקן אַפן נײַעם פּאַלאַץ, אָבער דערפאַר האָט מען אין דער גאַנצער אום־געגנט אָנגעהויבן צו ריידן:

— בא די פאַלצפיינס אַפן באַלקאָן שפּילט אַ גאַנצע טאָג מוזיק, אָט נאַראָנים. ווײַזט אויס, מער האָבן זיי ניט וואָס צו טאָן.

און די אַלטע האָט זיך געפרייט, פונקט ווי מע זאָל זי לויבן פאַר אַ גוטן אופטו.

א צווייט מאָל האָבנ זיכ די פאלצפיינס דערוווסט, אז אינעם סאָד באַם דײַטשישנ אימפּעראַטער ווילהעלמ וואַקסט א וווּנדערבאַרער סאָרט ווילדע ווײַנטרויבנ, וואָס הייסט אמפּעלאָס מוראליס, ווײַנטרויבנ מיט קלעמערלעכ. ווענ מע פאַרפלאַנצט אימ לעבנ הויז, לאָזט ער ארויס זיינע קלעמערלעכ, הייבט אָנ צו קריכנ ארופ איבער דער הוילער וואַנט אונ צוביסלעכווײַז ווערט דאָס גאנצע הויז אזוי גיכ באַוואָקסנ, ווי עס זאָל זיינ געמאַכט ניט פונ שטיינער, נאָר בלויז פונ גרינס.

די פאלצפיינס האָבנ לאַנג געטראַכט, וואָס זאָלנ זיי איצט טאָנ? אונ ענדלעכ האָבנ זיי צוגעטראַכט: זיי האָבנ אונטערגעקויפט דעמ אימפּעראַטערס גערטנער, ער זאָל ארויסגאַנווענענ פאַר זיי איינ קוסטעלע אמפּע־לאָס. ווענ דאָס איז אָפּגעטאָנ געוואָרנ, האָבנ זיי געהייסנ פאַרזעצנ דעמ אמפּעלאָס בא זיכ לעבנ דעמ וואַסער־טורעמ, אונ אינגיכנ האָט זיכ דער גאַנצער טורעמ באַדעקט מיט פּרעכטיקע ווילדע ווײַנטרויבנ.

אונ ווענ צו די פאלצפיינס פלעגנ קומענ צו פאָרנ געסט, פלעגט מענ זיי אלעמענ ווײַזנ:

— אָט גיט א קוק אפ אונדזער גרינעמ טורעמ. דאָס איז אמפּעלאָס ווילדע ווײַנטרויבנ פונעמ אימפּעראַטער ווילהעלמס סעדער.

— ער האָט זיי אייכ געשענקט, די ווײַנטרויבנ?—פלעגנ פרעגנ די געסט.—איר זײַט מיט ווילהעלמענ פרײַנט?

די פאלצפיינס פלעגנ זיכ פאַרכלינענ פונ גליק אונ פלעגנ ענטפערנ ניט דײַטלעכ:

— ײ־ײ־יאָ, אנ ע־ועכ אזוי, געשענקט. אָ, מיר זייגענ די גרעסטע פרײַנט מיט ווילהעלמענ!

II

אָט אינ אזא פאמיליע איז געבוירנ געוואָרנ דער קליינער פאלצפיינ. איז קיינ כידעש ניט, וואָס, ווי זאָגט מענ עס, ער איז נאָכ א שנעק, אונ גײַוועע האָט ער אָנ אנ עק. פונ קליי.ווײַז אָנ פלעגט ער הערנ פונ די ניאניעס, פונ די אמענ:

— אך ס׳א וווּנדערבאַר יינגל דאָס איז. ס׳א ראָזעווער ער איז, א קלוגער, א שיינער, קיין בעסערס פון אים איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ.

דאָס יינגל איז ווירקלעך געווען א ראָזעווע און א גראָבס, ווי א כאַזערל. ער פלעגט לאַכן און זאָגן:

— געוויס, איך בין בעסער פון אַלע. מײַן פאָטער, ווען איר ווילט, קען ער קויפן.

ווען ער איז אויסגעוואַקסן, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין שול. די לערער פלעגן אים אויך ליבן אין טאָג אַרײַן, ווײַל דער פאָטער זײַנער האָט זיי געצאָלט גוט געלט, אָבער די אַנדערע יינגלעך האָבן ניט געוואָלט קנײַען פאַר אים.

— וואָס פאַרשטײַסטו די נאָז?—פלעגן זיי זאָגן.—דו ביסט א געוויינלעך גראָב יינגל, נאָר א פוילער, און דעריבער לערנסטו זיך ערגער פון אונדז. וואָס-זשע האַלטסטו זיך אַזוי גרויס?

אַפן קליינעם פאַלצפינגער זײַנעם דידאָזיקע ווערטער געפאַלן, ווי א דונער. ער איז געלאָפן אַהיים, האָט געגעבן די דאָרפישע יאַטן געלט און זיי געבעטן, זיי זאָלן אים כאַפּן צען שפּערלעך. אַפן צווייטן טאָג איז ער געקומען אין שול און האָט געזאָגט:

— און איך האָב נעכטן געכאַפּט צען גרויסע שפּערלעך. איצט זיצן זיי בײַ מיר אין שטײַגעלעך און זינגען טאַקע אין צימער גופא.

— אַן עמעס?—האָבן באַוווּנדערט די יינגלעך.—אָט דאָס איז א געשעפט!

און פונדערפון האָט זיך עס אָנגעהויבן. אין א כוידעש אַרום האָט שוין דער קליינער פאַלצפינגער געהאַט הונדערט שפּערלעך, צו צוויי, צו דרײַ אין יעדן שטײַגל. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן לאַרכן („זשאַוואָראָנקעס"), שטאַרלעך, א זשוראַווע און צוויי קאַטשקעס. אַלע אייגענע און באַקענטע, די געסט און די דינסטן האָבן געזשומעט דעם יינגל אין די אויערן:

— אך, וויפל פייגל דו האָסט עס. פּאַשעט וווּנדערבאַר, ווי שטאַרק דו האָסט ליב פייגל!

דאָס ייִנגל האָט געשײַנט פֿון פֿרייד און האָט זיך געסטאַרעט וואָס מער אײַנצוקויפֿן געגנדז, בּושלען, טראַפּגענדז—(„דראָפּעס") און פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿייגל. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער שוין געהאַט אַזויפֿיל פֿייגל, אַז מע האָט פֿאַר זיי געדאַרפֿט אויסבּויען ספּעציעלע הויפֿלעך־וואָליערן. ס׳איז אויסגעקומען צו דינגען מענטשן אָפּ צו האָדעווען און אַרומגיין אַרום זיי.

דעם אַלטן פֿאַלצפּיין איז ניט געפֿעלן דעם זונס שפּיל, ס׳איז אַ שאָד געלט, וואָס ער גיט אויס אָפּ זיי. קעדיי אָפּצורײַסן דעם זון פֿון די פֿייגל, האָט ער אים געשיקט אין אַ ווײַטער שטאָט צו לערנען זיך אין אַ הויכשול.

אָבער דאָס זונדל האָט אויך דאָרטן ווייניק געטראַכט וועגן לערנען זיך. דעם גאַנצן ווינטער האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אָפּ די וואַקאַציעס, און ווי נאָר עס פֿלעגט קומען זומער, פֿלעגט ער פֿאָרן אַהיים און טייקעף זיך ווידעראַמאָל נעמען צו זײַנע פֿייגל.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן, בּיז וואַנען דער קליינער פֿאַלצפּיין האָט זיך ניט פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן גראָבּן פֿאַלצפּיין. צו יענער צײַט איז געשטאָרבּן זיין פֿאָטער, וואָס פֿלעגט צו אים אַזוי צושטיין. דאָס גאַנצע געלט איז אַריבּער צום יונגן פֿאַלצפּיין. ער איז געוואָרן דער הערשער פֿון אונדזער ייִשעוו, פֿון נאָך אַנדערע ייִשוווים, פֿון דער אומענדלעך־גרויסער טשערעדע שאָף און פֿון די גוואַלדיק־גרויסע סטעפּעס.

אָט דעמאָלט איז ער אַוועק גאָר ווײַט. „מירן זען—האָט ער געטראַכט—די ייִנגלעך פֿלעגן זאָגן, אַז איך האָבּ זיך נישט מיט וואָס איבּערצונעמען, וועל איך זיי איצט ווײַזן".

און ער האָט אָנגעהויבּן אײַנצוקויפֿן ניט בּלויז פֿייגל, נאָר אויך בּאַלעכאַיִם: פֿערד, קי, הערשן, ווילדע זעבּרעס, אַנטילאָפּעס, זובּרעס און פֿאַרשיידענע אַנדערע בּאַלעכאַיִם. ער האָט אויסגעשריבּן געלערנטע און האָט זיי געצוווּנגען צו נעמען זיך אויסצוכאָווען די בּעסטע בּאַלעכאַיִם, וואָס זייבּען נאָר פֿאַראַן אָפּ דער וועלט.

די געלערנטע האָבּן זיך מיט בּרען גענומען פֿאַר דער אַרבּעט. זיי

האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אויסכאַוועןָ אַזעלכע ווונדערבאַרע ראַסעס פֿי, אַז זייער וואָל, מילך, פֿלייש און פֿעל וועט קלעקן פֿאַר אַלע מענטשן.

נאָר זיי האָבן אַ טאָעס געהאַט אין עם וויכטיקסטן. זיי האָבן דאָך געאַרבעט באַם גראָבן פֿאַלצפּיין, און יענער האָט קיינעם און גאָרניט ליב געהאַט, אַכוץ געלט. ער האָט זיך אַרום געטראָגן בלויז מיט איין גײַוועדיקן געדאַנק — אומיעדער פּרײַז צווינגען די מענטשן צו באַוווּנדערן אים. אין אַלע אַנדערע היניזיכטן איז ער געווען ניט ווייניקער זשעדנע, ניט קיין בעסערער מענטש, איידער אַלע זײַנע קרויווים.

דעריבער האָט ער שטענדיק געשטערט צו פֿירן די אַרבעט, וואָס ער אַליין טאַקע האָט אָנגעהויבן.

III

איינמאָל איז דער פֿעמפֿיק געזעסן בא זיך אין קאַבינעט און איז צוגעשטאַנען צו איינעם אַן אַלטן געלערנטן:

— איך דאַרף מיר שאַפֿן עפּעס אַזעלכס, אַז מע זאָל וועגן דעם אומבאַדינגט אָנשרײַבן אין די צײַטונגען. איך פֿאַרשטייט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן, און אַלע זאָלן פֿלאַצן פֿון קינאה צו מיר.

דער געלערנטער האָט געוווּסט איינעם אַ סאָד. פֿון זײַנע ביכער האָט ער געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז ווען מע זאָל צונויפֿמישן צוויי באַלעכאַיִמ פֿון פֿאַרשיידענע ראַסעס, וועלן זיך פֿון זיי באַקומען קינדער, וואָס וועלן זײַן אַסאַך בעסערע און נוצלעכערע, איידער זייערע עלטערן.

ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט פֿון די ביכער. נאָר ער האָט עס באַדאַרפֿט דורכקאָנטראָלירן, ווי אַזוי וועט זיך עס באַקומען אין דער ווירקלעכקייט, און דורכקאָנטראָלירן האָט ער עס ניט געקאָנט, ווײַל ער האָט ניט געהאַט קיין באַלעכאַיִמ און ניט קיין געלט אָפּ צו קויפֿן זיי. האָט ער אָנגעהויבן אײַנצורעדן דעם קאַרגן גראָבן פֿאַלצפּיינען:

— איר מעגט מיר גלויבנ. איכ האָב געגוג געאַרבעט איבער דער־דאָזיקער פראגע. איר זעט? מײַנע האָר זײַנענ פונ שווארצע אינגאנצנ ווײַסע געוואָרנ. איכ ווייס, אַז אלצ וועט זיינ אַזוי, ווי איכ זאָג אייכ, נאָר זשאלעוועט ניט פאר מיר קיינ צענ שקאפעס,—איר האָט דאָכ זיי אינ די הונדערטער. איכ וועל צו זיי צולאָזנ „ערנ״־זעברעס, אונ די שקאפעס וועלנ געבוירנ ווונדערבארע לאָשיקלעכ: האלב־לאָשיקלעכ, האלב־זעברעס. דאָס וועלנ זיינ זעבראָידנ. זיי וועלנ זײַנ אַזעלכע שיינע אונ שטארקע, וואָס קיינ איינ הויב־ראסיק פערד, קיינ איינ ריינע זעברע איז נאָכ אַזא ניט געווענ. דעמאָלט וועט מענ וועגנ אייכ אומבאדינגט אָנשרײַבנ אינ די צײַטונגענ, אונ איר וועט בארימט ווערנ איבער דער גאנצער וועלט.

דער פעמפיק האָט זיכ שטארק געמאטערט: אימ האָט זיכ זייער געוואָלט צו באקומענ די ווונדערבארע פערדלעכ אונ ארויסרופנ קינע בא די פריצימ. אָבער, פונ דער אנדערער זײַט, האָט אימ גענאָגט דער געפיל פונ זשעדנעקייט: אונ וואָס וועט זיינ, אַז דער געלערנטער נארט אימ אָפ? וואָס וועט זיינ, אַז ער וועט בלויז קאַליע מאכנ די שקאפעס, אונ זיי וועלנ געבוירנ ניט קיינ ווונדערבארע, נאָר פּאָשעט שלעכטע לאָשיקלעכ? בלויז פונ איינ געדאנק אַזא האָבנ באמ גראָבנ פאלצפיינעב אָנגעהויבנ ציטערנ זיינע גראָבע הענט.

אָבער ער האָט זיכ דאָכ באשלאָסנ: שוינ צו שטארק האָט זיכ אימ געוואָלט אָנרײַבנ א מאָרדע די איבעריקע פריצימ. האָט ער געהייסנ אָפּקלײַבנ פארנ געלערנטנ צענ פונ די סאמע ערגסטע קליאטשעס, וואָס האָבנ קוימ געשלעפט דאָס פורל מיט דער פּאָס וואַסער פאר די פאסטעכער אונ פאר די שאָפ אינ סטעפ. אָפ יעדנ פאל, האָט ער אליינ נאָכ א מאָל פינפ דורכגעקוקט אלע זיינע שקאפעס, צי וועט זיכ ניט געפינענ צווישנ זיי נאָכ ערגערע. אָבער קיינ ערגערע זיינענ שוינ ניט געווענ.

אונ ווענ אלצ איז שוינ געווענ גרייט, אונ דער פעמפיק האָט שוינ בלויז באדארפט אונטערשרײַבנ א צעטעלע, אַז די־דאָזיקע צענ קליאטשעס גיט ער אָפ דעמ געלערנטנ אָפ עקספערימענטנ, האָט אימ אַזא שרעק־

לעכע קארגשאפט און זשעדנעקייט באהערשט, אז ער האָט געכאַפּט די פּען און האָט באם צענדליק פארשטרייכט דעם נול.

האָט זיך אזויארום באקומען, אז פון די הונדערטער פערד האָט ער געקאָנט אויסטיילן פארן געלערנטן בלויז איינעם, דעם ערגסטן,—א הינקענדיקע קליאטשע.

דער אלטער געלערנטער האָט פארביסן די ליפּן פון אופגעבראכטקייט. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? אים איז נאָך אויסגעקומען צו דאנקען, צו מאכן זיך הארץ און צו לויבן דעם זשעדנעם פאלצפּיין פאר זיין מילדקייט. אניט, וואָלט ער דאָס אויך ניט געגעבן.

IV

עס איז אוועק עלף כאדאָשים, און די הינקענדיקע שקאַפּע האָט געבוירן א ראָזעווע לאָשיקל אין פּאסן. דער פּעמפּיק האָט אים געהייסן א נאָמען געבן „פרעגאט"—ער האָט, ווייַזט אויס, געמיינט, אז דאָס ווונדערבארע פערדל וועט אויסוואקסן אזא גרויס, ווי א שיף.

מע האָט פרעגאטן אָפּגעלאָזט אין סטעפּ צו פּאשן זיך איינעם מיט אנדערע לאָשיקלעך. ער איז געוואקסן און פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן שענער. דער פּעמפּיק פלעגט אָפּטמאָל רופן צו זיך דעם געלערנטן און אים פרעגן:

— נו, וואָס מאכט אונדזער וווּנדערבאר פערדל? צי וועט מען אים שוין גיך קאָנען באווייַזן פאר מייַנע שכיינים?

— פרעגאט איז א מאָלאָדיעץ—האָט מיט שטאָלץ געענטפערט דער אלטער געלערנטער.—ער וועט בא אונדז זייַן אזא שיינער און א גיבער, אז קיין איין פערד וועט מען מיט אים ניט קאָנען פארגלייַכן, ווייַל ער איז דאָך א געמיש פון א ווילדן באלכיי מיט א היימישן. איר ווארט נאָר צו אביסל, זאָל אים נאָר ווערן פיר יאָר.

אזוי האָט געזאָגט דער געלערנטער. אָבער דער פּעמפּיק האָט קיין געדולד ניט געהאט און ער האָט פאר דער צייַט אָנגעהויבן בארימען זיך פאר זיינע שכיינים:

— וואָס זיינען ווערט אײַערע פּערד! אָט האָב איך א פּערד, איז עס א פּערד. אזא פּערד האָט איר קיינמאָל ניט געהאט און וועט ניט האָבן.

ער האָט אזוי לאנג גערעדט וועגן דעם, אז די פּריצים האָבן סאָפּ־קאָלסאָפּ ניט אויסגעהאלטן:

— טאָ ווײַז אונדז אָט דעם ווונדער דײַנעם. באַרימסט זיך, באַרימסט זיך, און עפּשער האָסטו גאָרניט אזא פּערד. ווי אזוי קאָנען מיר דיר גלויבן, אז מיר זעען אים ניט?

און אז פרעגאַט איז אלט געוואָרן דרײַ יאָר מיט א כוידעש, האָט דער גראָבער פּאלצפּיין געבראַכט צו פירן א פולן הויף געסט. ער האָט זיי צוגעפירט צום פערד־שטאל און האָט געזאָגט:

— אנו, אלטער געלערנטער, באַווײַז זיי אונדזער ווונדערבארן פרעגאַט.

דעם אלטן האָט זיך ניט געגלוסט פאַר דער צײַט צו ווײַזן דאָס פערדל, נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט גענומען א צוימל, האָט אָנגעטאָן אָפּ פרעגאַטן און האָט אים ארויסגעפירט אפן הויף. די גראָבע פּריצים האָבן א קוק געטאָן און — האָבן זיך אלע אָנגעהויבן קאַטשען פאַר געלעכטער, זיי האָבן געטרייסלט מיט זייערע גראָבע בײַכער, האָבן געמאַכט מיט די גראָבע הענט און פון געלעכטער האָבן זיי ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

ווײַל כאָטש פרעגאַט איז געווען א שלאנקער, שיינער פערד, נאָר ער האָט געהאט א קליינעם וווּקס. זיינען דאָך דער פּאָטער זיינער די זעברע און די מוטער די וואַסערפערדן געווען קליינינקע, — פונוואַנען זשע האָט ער געקאָנט זײַן א ריז?

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָבן זיך געטרייסלט די גראָבע פּריצים — אָט דאָס איז דײַן ווונדער? עמעס, טאַקע א ווונדער: מע קאָן דאָך אים אין קע־שענע טראָגן, און וועגן די דאַרפסט, נעמסטו אים ארויס, זעצסטו זיך אוועק און פאָרסטו!

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! מע קאָן אויסגיין פון געלעכטער. דײַן זעבראָיד

האָט, ווײַזט אויס, געיאַרשנט פונ זײַנ פאָטער בלויז בײַזקייט און אײַנ־געשפּאַרטקייט.

— כאַ־כאַ־כאַ! און פונ דער מוטער, פונ דער וואַסערפירערנ— איר קראַפט, כאַ־כאַ־כאַ... און פלינקייט...

דעמ גראָבנ פּאַלצפּיינ האָבנ די געבליטנ אָנגעהויבנ שפּילנ—אָט־אָט פּלאַצט ער. ער איז מיט די קולעקעס צוגעלאָפנ צומ אַלטנ געלערנטנ און האָט אָנגעהויבנ שרײַענ:

— כ׳וועל דיכ שיסנ. כ׳וועל דיכ הארגענענ. אינ טפּיסע אײַנזעצנ! אויב דו ווילסט לעבנ בלײַבנ, טאָ ווײַז אונדז באַלד, אַז פּרעגאַט איז כאָטש מיט עפּעס בעסער פונ אַ היימישנ פערד.

— ער איז דאָכ אָבער נאָכ יונג—האָט זיכ געפּרוּווט צו דערווידערנ דער געלערנטער,—אויב מע זאָל אימ איצט אויספּרוּוונ, קאָנ ער אומ־קומענ.

— איכ וויל פונ גאָרנישט ניט וויסנ—האָט געשריגנ דער פּעמפּיק.— אַרויס מיט באַווײַזנ!

— גוט—איז אײַנגעגאַנגענ דער געלערנטער—ווי איר ווילט, באַ־פעלט.

די גראָבע פּריצימ האָבנ זיכ באַראָטנ צווישנ זיכ און האָבנ באַ־שלאָסנ צו באַשטימענ דעמ אויספּרוּוו אַפ אינדערפרי, עס זאָל זײַנ מער צײַט.

— און דערווײַל—האָבנ זיי געזאָגט דעמ באַלעבאָס—וואָלסטו ניט שלעכט געטאָנ, ווענ דו וועסט הייסנ פאַרשליסנ דעמדאָזיקנ אַלטנ נאַר אינאיינעמ מיט זײַנ ווּנדער אינעמ פערד־שטאַל, אַניט, וועט ער נאָכ אַנטלויפנ, און מיר וועלנ פאַרלירנ אַ זעלטענע שפּיל.

— אַכוץ דעמ—האָט שטיל אײַנגערוימט אַ סאָד דער סאַמע פּאַכדאָ־נישער פּאָרעצ—אַפ יעדנ פאַל, שטעל אַוועק אַ מענטשנ, ער זאָל נאָכקוקנ. ווער ווייסט זיי: מע זאָגט, אַז אָט די געלערנטע קאָנענ אַפילע דורכ דער וואַנט דורכברעכנ און אַנטלויפנ צאָרעס.

נאָכ דעמ זיינענ די פּריצימ אַוועקגעגאַנגענ אינעמ ווײַסנ הויז און

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי געהוליעט. און דער מענטש, וועלכן מע האָט אוועקגעשטעלט באַם פערד־שטאַל, איז יעדע צוואַנציק מינוט געקומען צו לויפן און האָט דערציילט:

— דער אלטער קושט דאָס ראָזעווע פערדל, ער גלעט אים דעם האַלדז און וויינט.

— דער אלטער האָט געזאָגט, אַז איר האָט קיין ראַכמאָנעס ניט און וועט ביזן טויט פאַרמאַטערן דאָס ראָזעווע פערדל.

— דער אלטער האָט צוגעבונדן צו א סלופּ עפּעס א פּרוזשינע מיט א זייגער, און צו דער פּרוזשינע—דאָס ראָזעווע פערדל. ווען דאָס פערדל וויל אַנטלויפן, ציט זיך די פּרוזשינע אָן, און דער אלטער קוקט אפן זייגער און רעכנט עפּעס אויס.

— א,—האָבן געזאָגט די פּריצים— דאָס פּרוווט ער אויס די קראַפט פון זיין ווונדער. נו, זאָל ער אויספּרווון, מאָרגן וועלן מיר אים מאַכן אן אויספּרוו אביסל א בעסערן, איידער אפ זיין פּרוזשינע.

V

אינדערפרי האָבן זיך אלע פּריצים פאַרזאַמלט באַם פערד־שטאַל. דער אלטער האָט, צום באַדויערן, קיין טאָעס ניט געהאַט: ווי־זט אויס, עס קומט אינדערעמעסן א סאָף צום ראָזעווען פערדל. די פּריצים האָבן אויסגעקליבן אינעם פערד־שטאַל דעם גרעסטן און שטאַרקסטן פערד—דעם ווייסן סולטאַן, מע האָט אים צוגעפירט צו א לאַנגער דייטשישער פור, אן אָנגעלאָדענע מיט שווערע זעק זאַמד, און מע האָט אים אָנגעהויבן איינשפּאַנען.

סולטאַן האָט געגראָבן די ערד מיט די טלאָען, האָט אויסגעבויגן זיין שוואַניקן האַלדז און האָט געקוקט אפ די מענטשן מיט פלאַמיקע איבערגעגעבענע אויגן. זיין לאַנגע גריווע און דעם עק האָט דער ווינט געטראָגן אינדערלופטן.

ווען מע האָט פון דער אַנדערער זייט צוגעפירט צו אים אלס פּאָר דאָס ראָזעווע פערדל, האָבן זיך די גראָבע פּריצים געכאַפּט פאַר די ביי־

כער אונ האָבנ זיכ געטרייסלט פונ געלעכטער. פרעגאט האָט קוימ דערלאנגט צו סולטאנס פלייצע. דער קערפּער זיינער איז געווענ א קורצער אונ א קיילעכיקער. ווענ מע האָט אפ אימ אָנגעטאָנ דעמ געשפּאנ, האָט ער פּאָשעט איינגעזונקענ אינ אימ—אזוי גרויס איז געווענ אפ אימ דער געשפּאנ.

מע האָט געמוזט ארויטרופנ א רימער אונ איבערנייענ דעמ גאנצנ געשפּאנ.

ענדלעכ איז אלצ געווענ פארטיק, אונ מע האָט פרעגאטנ איינגעשפּאנט אינאיינעמ מיט סולטאנענ.

פרעגאט האָט ווירקלעכ ארויסגערופנ געלעכטער. די גריווע האָט בא אימ געסטאָרטשעט, קיינ טשאָלקע האָט ער אינגאנצנ ניט געהאט׳ דער קאָפּ איז געווענ א נאקעטער אונ, אינ פארגלייכ מיטנ גאנצנ קערפּער, זייער א גרויסער. פונעמ געשריי אונ פונ די מענטשנס ארומדרייענ זיכ האָט זיכ אונדזער פערדל אינגאנצנ פארלוירנ אונ האָט געקוקט אפ אלעמענ, ווי א קינד.

דער אלטער האָט זיכ. אָפּגעקערט אונ דערנאָכ איז ער אינגאנצנ אנטלאָפנ, ער זאָל ניט צוזענ די גרויזאמע פארווילונג.

די פור האָט זיכ גערירט פונ אָרט. די פערד האָבנ באדארפט פירנ א שווערנ וואָגנ, פּיוואנענ איינער פונ זיי וועט פאלנ, עמעצער פונ זיי ביידנ האָט באדארפט אומפארמיידלעכ אומקומענ אינעמ דאָזיקנ קאמפ, אונ די גראָבע פריצימ, וואָס זיי איז באוווסט געווענ די קראפט פונעמ מעכטיקנ סולטאנ, האָבנ געשפּאסט, געפּאָכעט מיט די היטלענ אונ האָבנ אָנגעהויבנ שרייענ צומ פערדל:

— פּאָרזיכטיקער, זעבראָיד, רייס זיכ ניט צו פלייסיק; דו ריז אינ פּאסנ, פארמאַטער ניט אונדזער קליינינקנ סולטאנ!

אונ ביידע זייטנ פונעמ וואָגנ זיינענ געפּאָרנ צוויי איידעס. זיי האָבנ באדארפט באאָבאכטנ די פערד אפנ וועג, זיי זאָלנ דערנאָכ דערציילנ, ווי סע איז אלצ צוגעגאנגענ. אכוץ דעמ, האָט איינער פונ זיי געפירט נאָכ זיכ נאָכ א פערד—קאליפּנ. ווענ זעבראָיד וועט פייגערנ, זאָל מענ

אינעמ וואָגנ קאַליפנ אײַנשפאנענ, ער זאָל אינײנעמ מיט סולטאנענ ברענגענ די פור צוריק.

דער וואָגנ איז ארויס אפנ סטעפ. סולטאנ האָט פונ אונטער זײַנ לאנגער טשאָלקע קאָסע א קוק געטאָנ אפ פרעגאטנ אונ האָט אָנגעהויבנ גיינ גיכער. ער האָט, ווײַזט אויס, אי געלאכט, אי געבייזערט זיכ אפנ רירעוודיקנ צעפּאטלטנ פערדל, וואָס האָט זיכ אזוי כוצפּעדיק געשטעלט אינ פּאָר מיט אימ.

פרעגאט האָט אויכ אָנגעצויגנ די פּאָסטראָמקעס אונ האָט א קוק געטאָנ אפ זײַנ שיינעמ שאָכנ. פרעגאט האָט אינגאנצנ ניט געהאט קיינ טשאָלקע, ער האָט פונ זיינ פאָטער, פונ דער ווילדער זעברע, באקומענ בעיערושע א הוילע מאָרדע. אונ בלוט האָט אינ אימ געפּליסט ווילדס, וואָס לאָזט זיכ ניט באהערשנ.

ער איז בייז געוועני, וואָס די שווערע מאסע שטערט אימ צו לויפנ. ער האָט געהריזעט דאָס צוימל אונ האָט אָנגעשטרענגט געשלעפּט דעמ כאָמוט.

דער לינקער עק פונעמ וואָגנ, ווו עס איז געגאנגענ פרעגאט, האָט זיכ דעמאָלט א רוק געטאָנ פאָרויס. די פור האָט אָנגעהויבנ גיינ אָנ א זײַט, אונ דעמ אָנטרײַבער איז אויסגעקומענ אונטערצוטרײַבנ סולטאנענ.

איינגיכנ איז סולטאנ מיט שוויס באדעקט געוואָרנ. ער איז נאָס געוועני, ווי ער וואָלט זיכ אויסגעבאָדנ. פרעגאט האָט אויכ שטארק געשוויצט, אָבער ער איז גיכ טרוקנ געוואָרנ. בא סולטאנענ אָבער האָט זיכ אפ די זײַטנ באוויזנ שוימ.

VI

אזוי איז דער שווערער וואָגנ דורכגעגאנגענ פערציק קילאָמעטער. אונטער סולטאנס גרויסע אויגנ זיינענ די גאנצע צײַט גערונענ ריטשקעלעכ. גאנצע שטיקער שוימ זיינענ געפאלנ אפ דער ערד, אונ ער האָט זיכ שוינ צוויי מאָל ספּאָטיקעט.

אין דעם מאָמענט האָבן דעם וואָגן דעריאָגט די געסס אף ברי־טשקעס. זיי זיינען געפאָרן צום אָרט, ווו דער שווערער וואָגן האָט זיך באַדאַרפט פאַרקערעווען און זיך לאָזן אף צוריק. די פּריצים זיינען דורכגעפלויגן לעבן דעם וואָגן מיט א געלעכטער און מיט אויס־געשרייען:

— זי לעבט נאָך, אָט די מויז אין פאַסן? נו, זי וועט שוין אירס האָבן.

— יאָ, סולטאַן וועט שוין פון איר אַרויסזעצן די נעשאָמע.

— אָנטרייבער, דו זאָלסט זי ניט לאָזן, די מויז, אין פעלד, לייג זי אַרופּ אף דער פור, און זאָלן זי סולטאַן מיט קאַליפן ברענגען צו אונדז. מיר וועלן זי שענקען דעם געלערנטן.

און קיינער פון זיי האָט ניט באַמערקט, ווי שטאַרק עס האָט זיך געענדערט און עס איז אַראָפּ פאַר דידאָזיקע פּערציק קילאָמעטער דער פרייליכער סולטאַן.

און דער קליינינקער פּרעגאַט האָט זיך געסטאַרעט, ווי גאָר ער האָט געקאָנט. ער איז אויך נאָס געווען. פון אונטער די רימענס פונעם גע־שפּאַן האָט אַרויסגעקוקט שוים, נאָך דעם זעבראָידס פּעסטע, שטאָלענע פּיס האָבן דערווייל נאָך אפילע ניט געטראַכט צו ספּאָטיקען זיך. פּרע־גאַט האָט געשלעפּט דעם כאָמוט, און דער וואָגן האָט די גאַנצע צייט געשטערעבט צו גיין אָן א זייט.

אפן איינונפופציקסטן קילאָמעטער האָט זיך באַוויזן דאָס דאָרף. סולטאַן — איינגאַנצן א ווייסער, האָט דערזען דאָס דאָרף און אָנגעהויבן הירזשען. פּלוצים האָבן זיך די קני זיינע אונטערגעבויגן, ער איז א פאַל געטאָן אף דער ערד און איז געפּייגערט.

די באַאָבאַכטערס, וואָס זיינען געפאָרן פון ביידע זייטן פונעם וואָגן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און האָבן פאַרווונדערטע אָנגעהויבן שטילערהייט צו ריידן צווישן זיך. דער אָנטרייבער איז אַראָפּגעקראָכן און האָט אָנ־געהויבן אַראָפּנעמען פונעם געפּייגערטן סולטאַן דעם געשפּאַן, קעדיי איינצושפּאַנען קאַליפן.

דער קארע קאליפ איז אויכ געווענ א שיינער אונ וווקסיקער פערד, ווי דער ווײַסער סולטאנ. די פריצימ האָבנ גערעכנט, אז ער וועט ברענגענ צו פירנ א געפייגערטנ דעמ זעבראָיד, אונ איצט איז אימ גאָר אויסגעקומענ צו פארנעמענ סולטאנס אָרט, קעדיי צו דערפירנ דעמ וואָגנ ביזנ דאָרפ.

ביזוואַנענ מע האָט איבערגעשפאנט דאָס גרויסע פערד, האָט זיכ דאָ[illegible] האלב־ווילדע אויסגעקאטשעט איבערנ גראָז אונ האָט גוט צעפירט זיי[illegible]וסקול־פעסטנ קערפער. ער האָט שוינ גאָר געמיינט זיכ א פאשע[illegible]נ אביסל אפנ גראָז, נאָר די מענטשנ האָבנ אימ ווידער גענומענ אונ צוגעפעסטיקט אימ צומ שווערנ וואָגנ.

דעמאָלט איז פרעגאט בייז געוואָרנ אונ ער האָט, ווײַזט אויס, באַשלאָסנ צו אנטלויפנ פונעמ וואָגנ. ער האָט זיכ מיט אזא אימפעט א וואָרפ געטאָנ פאָרויס, אז קאליפנ איז אויסגעקומענ אפילע אונטערצווײַלנ זיכ. דער אָנטרײַבער האָט קאליפנ מעכאבעד געווענ מיט דער בײַטש, האָט ער אָנגעהויבנ גיינ גיכער אונ האָט זיכ באלד אָנגעהויבנ צו באַדעקנ מיט שוויס.

אונ דער וואָגנ איז דאָכ געגאנגענ אָנ א זײַט, אונ די באַאָבאכטערס, וואָס זיינענ געפאָרנ בא דער זײַט פונ וואָגנ, האָבנ אלצ העכער אונ העכער אָנגעהויבנ זיכ וווּנדערנ איבערנ ראָזעווע פערדל. איצט האָבנ זיי שוינ ראכמאָנעס געהאט אפ אימ, אונ זיי האָט געפרייט, וואָס דאָס דאָרפ איז שוינ גאָר נאָענט. דאָרט וועט ענדלעכ א סאָפ נעמענ צו אָט דעמ גרויזאמענ אויספרווו.

אָבער ווענ דער וואָגנ איז ארײַנגעפאָרנ אינעמ דאָרפ, אונ די פארוווּנדערטע פעמפיקעס האָבנ פארשטאנענ, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבנ זיי אינ שרעקלעכנ קאעס אָנגעהויבנ טופענ מיט די פיס אונ האָבנ בייז א א געשריי געטאָנ:

— צוריק! פארקערעווע אפ צוריק!

— טרײַב אָט די שלאנג אינ פאסנ! שלאָג זי!

— שמײַס, שלאָג!..

די זונ האָט שוינ געהאלטנ באַם פארגיינ, האָט זיכ נידעריק אראָפּ־געלאָזט אונ האָט ווײַט־ווײַט מיט איינ עק ווי פארטשעפּעט די ערד. איבערנ סטעפּ האָבנ זיכ לאנגזאמ באווענט לאנגע שאָטנס.

דאָס איז געפאָרנ דער וואָגנ מיט א פּאָר געשפּאנטע פערד. רעכטס איז געגאנגענ, ספּאָטיקענדיק זיכ, א הויכער קארער אָגער. לינקס—א קלייניק צעפּאטלט פערדל.

דאָס קליינע פערדל איז אויכ געווענ שטארק פארמאטערט, נאָר זיינע־ווילדע נאָזלעכער האָבנ שוינ געפילט דעמ רייעכ פונעמ יישעוו. דאָס פערדל האָט געפערקעט אונ האָט נאָכ גאנצ מונטער געטריבנ מיטנ עק די פליגנ פונעמ רוקנ. נאָכנ וואָגנ זיינענ געפאָרנ די באאָבאכטערס אונ האָבנ אפ א קאָל געלויבט דאָס גלענצנדיקע ראָזעווע פערדל.

אינעמ יישעוו, אפנ באלקאָנ פונעמ ווײַסנ הויפ זיינענ געשטאנענ די פּעמפּיקעס אונ האָבנ געווארט אפנ וואָגנ. ווענ דער וואָגנ האָט זיכ באוויזנ, האָבנ די פּריצימ א קוק געטאָנ אפ אימ אונ האָבנ מיט א געדריקטער שטימונג אָנגעהויבנ צו ריידנ צווישנ זיכ:

— נו, מע קאָנ ניט אָפּלייקענענ. א פערדל, עמעס, א נישקאָשעדיקס. א פעסט פערדל, אָבער קאליפּ איז אויכ א מאָלאָדיעצ.

— אוואדע, זעט, ווי ער שלעפּט. העכער זעכציק קילאָמעטער איז ער דורכגעגאנגענ אונ ווי גאָרניט. אונ סולטאנ איז געוויס געווענ קראנקי איז ער געפּייגערט.

— נו, פארשטייט זיכ. דאָ איז קיינ שומ נעס ניט געשענ.

דער וואָגנ האָט שוינ געהאלטנ באַם ארײַנגיינ אינ הויפ ארײַנ, אונ דאָ איז דער פּרעכטיקער קארער פערד געפאלנ אפ די קני. ניט קיינ געשרייענ, ניט קיינ טרײַבנ האָבנ נישט געקאָנט אופהייבנ קאליפּנ. ער האָט זיכ פּאמעלעכ אראָפּגעלאָזט אפ דער ערד אונ זיינ גרויסער שייבער קערפּער איז געוואָרנ פויל אונ ניטרירעוודיק, ווי די זעק מיט זאמד, וואָס זיינענ געלעגנ אפנ וואָגנ.

מע האָט אימ אויסגעשפּאנט, דאָס וווּנדערבּארע פערדל האָט אליינ אָנגעהויבּנ שלעפּנ דעמ שווערנ וואָגנ אינ הויפ ארייַנ. דאָ האָט זיכ פלוצימ געוויזנ דער גרויער, שוואכער אלטער, דער געלערנטער. ער האָט זיכ אָנגעשפּארט מיט דער פּלייצע אינעמ וואָגנ אונ קרעכצנדיק האָט ער אָנגעהויבּנ צוהעלפנ זייַנ ליבּלינג.

ווענ די פריצימ האָבּנ דערזענ, וואָס עס האָט געטראָפנ מיטנ צווייטנ פערד, האָט זיכ זיי שטארק פארוואָלט, אז מע זאָל אויכ בּא זיי אויסכאָווענ אָט די וווּנדערבּארע זעבּראָ:דנ, אָבּער פאלצפיינ האָט קײנעמ פונ זיי ניט געגעבּנ זייַנע ווילדע זעבּרעס, אונ בּלויז בּא אימ האָט מענ אויסגעכאָוועט זעבּראָ:דנ.

שווערע הארמאטנ

I

— זיידעניו, אסאכ האָט מענ אויסגעכאָוועט זעבּראָ:דנ בּא פאלצפיינענ?

— עס האָט שוינ געהאלטנ בּא דרייַסיק שטיק.

— ווי אזוי־זשע איז עס דרייַסיק? אונ פארוואָס־זשע איז איצט בּלויז פינפ געבּליבּנ?

— וואָסערע פינפ? אָטאָ די, וואָס מיר האָבּנ איצט? אָבּער דאָס זייַנענ גאָר נייַע. די האָבּנ מיר אליינ אויסגעכאָוועט. אונ יענע זייַנענ אלע אומגעקומענ, אינ יאמ זייַנענ זיי, נעבּעכ, אלע דערטרונקענ געוואָרנ, אלע בּיז איינעמ. וואָס פאר א יאט איז מיט זיי אומגעקומענ! מייַנער א פליימעניק, טראָכימקע. אכ, איז דאָס געווענ א בּרענענדיקער יאט. קנאָבּל מיט פעפער. יענע וואָכ איז זייַנ מוטער צו אונדז געקומענ. איז ווענ מיר האָבּנ זיכ דערמאָנט וועגנ דעמ אלצ, האָבּ איכ זיכ א גאנצע וואָכ קיינ אָרט ניט געקאָנט געפינענ...

די כעוורע האָבּנ געוואַרט, עפּשער וועט ער אליינ דערציילנ, אונ דערנאָכ האָט דער אינדיאנער אימ געבּעטנ:

— זיידעניו, דערציייל אונדז וועגנ דעמ.

— דערציילנ, זאָגסטו? עס גלוסט זיכ ניט צו דערמאנענ דאָס אלצ. נאָר זאָל זיינ, הערט:

דאָס איז עמעס, אז אסקאניע איז באַרימט געוואָרנ מיט אירע זעבראָידנ. צוליב זיי פלעגנ צו אונדז קומענ צו פאָרנ פריצימ פונ דער גאנצער וועלט. ווי נאָר עפּעס וואָס—טייקעפ א באפעל: אלצ אויסוואשנ, אויסריייניקנ, די פערד צוגרייטנ און אליינ זיכ אָנטאָנ יאָנטעוודיקער. הייסט עס, אז געסט וועלנ זיינ.

אונ ווירקל'עכ, שפּעטער אביסל טוסט א קוק, מע גייט. אונדזער פּאָרעצ בלאָזט זיכ פונ גייווע, אונ זייַנע זיינענ אימ מעקאנע. האָבנ זיי עס אימ געבעטנ צו פארקויפנ זיי כאָטש איינ זעבראָיד! איכ האָב אליינ געהערט, ווי איינער האָט אימ פאָרגעלייגט פופצנ טויזנט רובל גאָלד.

אָבער ניינ, אונדזערער האָט ניט פארקויפט. ער האָט אלצ געהאָפט: צו באקומענ א „זי". וויַל זיי, די זעבראָידנ, האָבנ א שלעכטע געוויינהייט—עס ווערנ בא זיי געבוירנ בלויז זעבראָידנ־„ערנ". אליינ זיינענ זיי זייער שיינע, נו, אָבער קיינ קינדער גיבנ זיי ניט.

האָט אונדזער פּאָרעצ אלצ געהאָפט: דער אלטער געלערנטער וועט אימ אויסכאָווענ א „זי", אונ פונ דער „זי" אונ פונ די „ערנ" וועלנ געבוירנ ווערנ נייַע זעבראָידנ, אונ פונ זיי נאָכ נייַע, אונ אזוי וועלנ זיי זיכ צעפרוכפערנ אינ די טויזנטער, ווי די שאָפ. אָבער ער האָט זיכ צו גאָרניט ניט דערשלאָגנ, קיינ איינ „זי" איז ניט געבוירנ געוואָרנ.

יאָ, איז אָט. ארבעטנ מיר אזוי אינעמ פערד־שטאל. קומט איינמאָל צו גיינ צו מיר טראָכימקע, דער פלימעניק מייַנער. אונ דעמאָלט איז ער נאָכ גאָר א קליינס געווענ,—אָט א קאפּעטשקע גרעסער פונ אייכ.

— פעטער,—זאָגט ער,—בעט דעמ פּאָרעצ, ער זאָל מיכ הייסנ נעמענ אינ פערד־שטאל, כ'וויל ארבעטנ איניינעמ מיט דיר.

— אָט האָסטו דיר—זאָג איכ.—וואָס האָסטו דאָרט ניט געזענ?

— איכ וועל זיכ אויסלערנענ די נייַע פערד ארומרייַטנ, די זעבראָידנ, איכ האָב זיי זייער ליב.

איכ האָב אזש אויסגעגלאָצט אפ אימ א פּאָר אויגנ. איר ווייסט, וואָס עס איז ארומרײַטנ זעבראָיִדנ? דאָס הייסט—ניט זשאלעווענ דאָס לעבנ. פערד זײַנענ זיי ווילדע, א קויעכ האָבנ זיי א שרעקלעכנ און פאר מענטשנ האָבנ זיי מוירע, ווי פאר פײַער. ווענ אפ א זעבראָיִד זעצט זיכ ארופ א מענטש, איז נישטאָ אזא זאכ, פאר וועלכער ער זאָל זיכ אָפּשטעלנ. באגעגנט ער א גרוב—שפּרינגט ער אריבער איבער דער גרוב, א פּלויט א הויכנ—פליט ער איבערנ פּלויט, אבי נאָר ער זאָל אראָפּוואַרפנ דעמ מענטשנ. בלויז צוויי פונ אונדז פלעגנ זיכ זעצנ אפ זיי צומ ערשטנ מאָל. עס איז געווענ נאָכ א דריטער, נאָר ער איז, נעבעכ, דערהארגעט געוואָרנ. טאקע א זעבראָיִד האָט אימ אוועקגעלייגט.

איכ האָב, פארשטייט זיכ, דורכגעטריבנ טראָכימקעס, האָב אימ געזאָגט, ער זאָל אפילע ניט צוגייִנ נאָענט צומ פערד־שטאל. איכ גיב א קוק אינ א וואָכ ארומ, איכ זע, מײַנער גייט ווידעראמאָל.

— פעטער,—שרײַט ער צו מיר נאָכ פונדערווײַטנס, און אליינ לאכט ער.—אָט איז א פּאפּירל צו דיר פונעמ פּאָרעצ. איכ האָב אימ אליינ אײַנגעבעטנ. ער האָט געהייסנ, מע זאָל מיכ נעמענ אינ פערד־שטאל.

איכ האָב אימ גענומענ פארנ טשוב און האָב אימ אָנגעפּאטשט, ווי עס באדארפ צו זייִנ: ס'איז דאָכ א ראכמאָנעס אפנ יאטל, ער וועט דאָכ אומקומענ, אינ פאר גאָרניט. און ער, א רועכ אזא, זאָל כאָטש א טרער לאָזנ. ער דרייט זיכ צונויפ פונ ווייטיק, און די אויגנ זײַנענ טרוקנ.

— נו, ווי איר ווילט,—זאָגט ער—שלאָגט, פעטער. אָבער דעמ פּאָרעצס ווילנ מוזט איר אויספילנ. איר ווייסט, וואָס איר וועט דערפאר האָבנ?

אָט וואָס פאר א ביטער יאטל דאָס איז געווענ! נו, וואָס זשע טוט מענ, כ'האָב אימ געמוזט נעמענ.

איז וואָס זשע מיינט איר? ער האָט זיכ זײַנס דערשלאָגנ, דער וואָרעמ. ער האָט זיכ אזוי צוגעבונדנ צו דידאָזיקע פערד—מיט גוואלד פלעגט מענ אימ ניט קאָנענ אָפּרײַסנ. טאָג און נאכט איז ער גרייט געווענ פונעמ זאָטל ניט אראָפּצוקריכנ. טאקע אפ אנעמעס האָט ער זיי ליב געהאט מער פונ אלצ אפ דער וועלט.

פריִער פלעגט ער פאָרנ אױפ די היימישע. אזוי האָט עס געדויערט אנ ערעכ א יאָר. נאָכדעמ פלעגט מענ אימ געבנ שוואכ־ארומגעריטענע׳ איינגעשפּארטע, שרעקעוודיקע—ער האָט פאר קיינעמ פונ זיי ניט מוירע געהאט. א פארשייטער באָכער. אמאָל פלעגט טרעפנ, ווענ ער איז אראָפּ־ געפאלנ, פלעגט זיכ שטארק צעקלאפּנ. אמאָל פלעגט ער זיכ אזא זעצ כאַנ, אז דו מיינסט, ער האָט דעמ לעצטנ אָטעמ ארויסגעלאָזט. לויפסטו צו אימ צו:

— נו, וואָס, טראָכימקע, האָסט געכאפּט דעמ עמעסנ זעצ?

— ניינ, איכ פיל אפילע קיינ ווייטיק ניט.

אונ אליינ קוימ־קוימ וואָס ער הייבט זיכ אופּ אונ גייט אוועק, היננ־ קענדיק אפ ביידע פיס.

II

אנ ערעכ אינ א דריי יאָר ארומ איז ער שוינ געזעסנ אפנ פערד ווי א צוגעקלעפּטער,—ניט אָפּצורייסנ. אָט ווי ער האָט זיכ צו די פערד צוגעווינט. אָבער צו די זעבראָידנ, באזונדערס צו די ערשטע, האָבנ מיר אימ דאָכ ניט צוגעלאָזט. ער האָט זיכ געריסנ, האָט זיכ געבעטנ.

— ניינ—זאָגנ מיר—וועגנ דעמ פארגעס, וואָרפ עס בעסער ארויס פונ קאָפּ. דיר איז אלציינס: דו וועסט ברעכנ דעמ קאָפּ, אונ פארטיק. אונ ווי אזוי וועלנ מיר זיכ ווייזנ פאר די אויגנ דיינ פאָטער אונ מוטער?

איז ווי אפּצעלאָכעס דארפ זיכ טרעפנ אזא פאל: עס זיינענ געקומענ צו פאָרנ צומ פאָרעצ געסט. זיינענ זיי זיכ דאָרטנ געזעסנ, האָבנ גע־ טרונקענ טיי אונ פארביסנ מיט זיסע פירעשקעס. אונ איינע א טעכטערל טוט א זאָג:

— איכ וויל זענ, ווי אזוי איר רייט־ארומ זעבראָידנ.

דער פאָרעצ, פארשטייט זיכ, האָט אונדז באלד באפוילנ: צוגרייטנ „מאָטיליאָקנ״, אינדערפרי וועלנ מיר אימ ארומרייטנ. אונ דערדאָזיקער פערד, דארפ איכ אייכ זאָגנ, האָט בלויז געהאט א נאָמענ „מאָטיליאָק״

אינדערעמעסן איז עס געווען ערגער פון א מעשוגענעם הונט. מיט איין וואָרט—א ווילדע כאַיע. ווען ניט די געסט, וואָלט מען אים אין מעשעכ פון א גאנצן כוידעש באדארפט צוגרייטן. און דאָ האָבן מיר אים אינ־גאנצן פינפ טעג געלאָזט לויפן איבער א קרײַז. צוויי מאָל האָט מען אָנגעטאָן אפ אים דעם זאָטל, אָן א רײַטער—אָט דאָס איז די גאנצע צוגרייטונג.

אינדערפרי איז געקומען דער פּאָרעץ מיט די געסט, און עס האָט זיכ אָנגעהויבן די פּאָרשטעלונג. „מאָטיליאָקן" האָט מען אינגאנצן גע־בונדן. א מענטשן צען האָבן אים צוגעהאלטן, און צוויי האָבן אָנגעטאָן אפ אים דעם זאָטל און דאָס צוימל. דאָס פערדל האָט געכריפּעט, האָט געשטשירעט די ציין. דאָס פריצישע טעכטערל האָט אזש געקוויטשעט פאר שרעק, און אליין האָט זי זיכ פונדעסטוועגן געפרייט, וואָס זי וועט אזא שפּיל זען.

אָבער ניט לאנג איז איר אויסגעקומען צו פרייען זיכ. די בעסטע רײַטערס אונדזערע האָט ניט געגליקט אָט דעם טאָג. איינער האָט זיכ בלויז ארופגעזעצט אפ „מאָטיליאָקן"—האָט ער אים גלײַכ א שלײַדער געטאָן אז ער האָט א פלי געטאָן ווי א קאָרעק. ער וויל זיכ אופהייבן—דער פוס איז אויסגעלענקט, ער קען זיכ ניט אופהייבן.

דער פּאָרעץ האָט זיכ אָנגעכמורעט, האָט געהייסן דעם צווייטן זיכ זעצן. דער האָט זיכ שוין געהאט געהאלטן, אָבער דערנאָכ איז ער איין מאָל נאָכן אנדערן ארויסגעפלויגן, און מער האָט ער ניט געקאָנט: ער איז אזוי אויכ קוים א גאנצער אוועקגעגאנגען.

אונדזער פּאָרעץ איז פארשעמט: ער האָט ערשט אָנגעהויבן מע־כאבעד זיין זײַנע געסט, און שוין—א סאָפ. ער האָט זיכ צעהיצט און שרײַט:

— ווער זעצט זיכ אפן „מאָטיליאָק", דעם גיב איכ גלייכ צען רובל.

אָבער ווי? יעדערן איז זיין לעבן טײַער. ווער וועט עס זיכ אוועקזעצן?

און דאָס פריצטעלע האָט פארדרייט דאָס געזל.

— איכ האָב געמיינט—זאָגט זי—ס'איז אינטערעסאנט, אונ דאָס איז גאָרניט אינטערעסאנט.

דער פּאָרעצ האָט אזש מיט די ציינ א קריצ געטאָנ פאר בייזקייט, האָט זיכ אָפּגעקערעוועט אונ שוינ געוואָלט אוועקגיינ. פּלוצימ, מע ווייסט ניט פונוואנענ,—טראָכימקע... כוצפּעדיק אזוי גייט ער צו צומ פּאָרעצ אונ זאָגט:

— גיט אהערצו צענ, איכ וועל באלד פּאָרנ.

איכ האָב אימ שיר ניט געכאפּט פארנ טשוּב פּאַר אלעמענ אינ די אויגנ.

— דו ביסט פונ זינענ אראָפּ, דו שעד איינער! אָט גיי איכ ברענגענ די מאמע. הערט אימ ניט, וואָס ער רעדט, פּאָרעצ. איר זעט דאָכ—א קליינער יאט, ער פארשטייט גאָרניט.

אונ טראָכימקע, ווידער צומ פּאָרעצ:

— ניינ, איכ קאָנ. איכ פּאָר בעסער פונ זיי אלע. אָט וועט איר זענ. אויב ב'וועל כאָטש איינ מאָל אראָפּפאלנ, וועל איכ קיינמאָל צומ פערד־שטאל ניט צוגיינ. אומיסטנ גיבנ זיי מיר ניט די זעבראָידנ, ווייל זיי זיינענ מיר מעקאנע.

דער פּאָרעצ איז, געוויינטלעכ, צופרידנ. אימ ארט עפּעס? דאָס יינגל וועט דערהארגעט ווערנ, וועט זיינ וויניקער מיט א יאטל, מער גאָרניט. ער האָט ווידעראמאָל געהייסנ ארויספירנ „מאָטיליאָקנ", אונ האָט געהייסנ קורצער מאכנ די סטרעמעניעס, ס'זאָל זיינ טראָכימקענ צו דער מאָס. מיר האָבנ צוגעהאלטנ דאָס פערד. טראָכימקע האָט זיכ אוועקגעזעצט, האָט גענומענ די לייצעס אינ די הענט אונ האָט בלויז באוויזנ אויסצושרייענ:

— לאָזט!..

אוי, קינדערלעכ מיינע, אסאכ שטיפערס האָב איכ געזענ צווישנ אייכ, נאָר אזא מאזיק איז מיר ניט אויסגעקומענ צו באגעגענענ. אפילע ווענ ער פאלט ארייג איצט צו מיר אינ די הענט, וואָלט איכ אימ אָנגעריסנ א פּאָר אויערנ, אז ער וואָלט קיינמאָל ניט פארגעסנ.

וואָס מיט אימ האָט אָט דער „מאָטיליאָק” אָפּגעטאָנ! פריִער האָט ער זיכ אלצ געוואָרפנ אפ איינ אָרט: טוט א שפרונג אונטער אונ ווארפט זיכ אָנ א זייט, א שפרונג אונטער אונ אָנ א זייט. אָט בייגט ער אויס דעמ רוקנ, אָט ציט ער זיכ אויס גלייכ ווי א ווירע. דערנאָכ האָט ער זיכ געוואָרפנ שפרינגענ איבער א קרייז, ווי אינ צירק. דערנאָכ, ווי ער טוט זיכ עס א הייב אופ אפ די הינטערשטע פיס! אונ דאָס פריצטעלע—זי וויינט אונ לאכט אונ קוויטשעט—אלצ אינאיינעמ. איכ האָב אזש די אויגנ פארזשמורעט: א סאָפ—טראכט איכ—צו אונדזער יאטל, אומגעקומענ אונדזער טראָכימקע.

אונ דאָ, איכ הער, עס האָט אָנגעהויבנ טופענ. איכ האָב געעפנט די אויגנ, איכ זע—ווייט אינעמ סטעפ טראָגט זיכ א שטארקער שטויב אונ אינעמ שטויב האָט זיכ דורכגעטראָגנ טראָכימקעס קאָפ, זיכ דורכגעטראָגנ אונ פארשווונדנ געוואָרנ.

האָבנ מיר אָנגעהויבנ ווארטנ. לאנג ווארטנ מיר, אנ ערעכ א האלבע שאָ. קיינעמ זעט מענ ניט. ווענד איכ זיכ צומ פאָרעצ:

— דערלויבט מיר, פאָרעצ, גייג א קוק טאָנ. דער באָכער איז דאָכ געוויס דערהארגעט געוואָרנ.

— ווארט צו, ניט דיינ זאכ.

— וואָס הייסט—זאָג איכ—ניט מיינ זאכ? ער איז דאָכ אנ אייגענער פלימעניק מיינער.

דער פאָרעצ האָט בלויז א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, ווי אייבער רעדמ—טשעפע זיכ אָפ, דו קריכסט מיר איצט ניט אינ קאָפ.

מיר האָבנ געווארט נאָכ ביז א שאָ—ניטא, ניט טראָכימקע, ניט „מאָטיליאָק”. דאָס פריצטעלע האָט שוינ ווידער פארזשרייט דאָס בעזל, ס'איז איר לאנגווייליק געוואָרנ. דעמאָלט האָב איכ זיכ געלאָזט שטילערהייט הינטערנ פערד־שטאל. איכ האָב געוואָלט פונדאָרטנ אװעקגיינ אינ סטעפ, זוכנ דעמ יאט. פלוצימ איכ הער—סע טופעט ווידער הינטער אונדז, פונ דער צווייטער זייט. איכ קוק זיכ אומ אונ גלויב נישט די אויגנ מייגע: טאקע זיי. „מאָטיליאָק”—אינגאנצנ אינ שוימ, עס קאפעט אזש

פון אים, טראָכימקע—א גרויער, ווי די וואנט. צי ער איז מיט שטויב אזוי באדעקט, צי ער איז א שטארק מידער.

זיינע צוגעשפרונגענע צו אונדז—סטאָפּ מאשינא! „מאָטיליאָק" האָט זיך אָפּגעשטעלט. די זייטן האָבן זיך בא אים געהויבן, און געאָטעמט האָט ער ווי א לאָקאָמאָטיוו. טראָכימקע איז אראָפּגעקראָכן פון אים, האָט אונדז איבערגעגעבן די לייצעס און איז אוועק.

— ווארט צו!—האָט אויסגעשריִען דער פאָרעצ—נא דיר.

ער האָט לאנג געזוכט אינעם בייטעלע און האָט געפונען א האלבן רובל.

— אָס האָסטו. דאָס איז דיר א באלוינונג. און אכוץ דעם באשטים איך דיך אלס ארומרייטער פון די זעבראָידן. דו וועסט באקומען פינף רובל א כוידעש.

אָט א כיטרער! מיטאמאָל פון צוויי זייטן אָפּגעגנארט דעם יאט: אי מיט דער באלוינונג, אי מיטן געהאלט. צו יענער צייט האָט שוין די מיל־כאָמע געדויערט דאָס דריטע יאָר. געלט איז ביליק געוואָרן. די אנדערע ארומרייטערס האָבן צו צוואנציק און צו דרייסיק רובל א כוידעש באקו־מען, און טראָכימקען האָט ער באשטימט פינף רובל פאר אזא שווערער און קאטאָרזשנער ארבעט.

III

פון יענער צייט אָן האָט זיך טראָכימקע אינגאנצן אָפּגעריסן פון מענטשן, און וואָס האָט ער אזעלכעס געפונען אין די פערד, דער רועכ ווייסט אים. אנדערע יאטלעך אין זיינע יאָרן טראכטן בלויז, ווי אזוי צו אנטלויפן אפ דער גאס און שפילן זיך מיט כאווייריִם, און דער האָט אנשטאָט כאווייריִם בלויז געוווּסט זעבראָידן. שטענדיק האָט ער זיך ארום זיי געדרייט. בלויז געשלאָפן איז ער ניט אינעם שטאל.

דערפאר פלעגן זיי אים טאקע אונטערשיידן פון אלע. דאָס דארף מען אנערקענען. עס פלעג טרעפן, ווען ער גייט אריין אינעם פערד־שטאל, איז לאָזן זיי זיך אלע צו דער טיר, די אויערן הייבן זיי אוף, מיט

די אויגן קוקן זיי קאַמע אַפּ זיינע שריט און בילן ווי זעבּרעס. און ער פלעגט שטענדיק עפּעס [illegible] יעדער פון זיי: דעם—א סקאָרינקע ברויט, דעם—א שטיקל [illegible], וואָס ער האָט צוגעלאַטכנט, א דריטן—א שטיקל קאַווענ.

האָבּנ זיי אים ליב געהאַט. אָט „מאָטיליאָק", אשטייגער—ער איז דאָך א בּראַנד אַפּ אים, בּיזנ סאָפּ געבּליבנ א כאַיע,—קיינעם האָט ער באָענט ניט צוגעלאָזט. ער האָט שטענדיק געזען, ווי א קלאַפּ צו טאָנ עמעצנ מיט די טלאָען, אָדער מיט די ציינ א ריס געבּנ. און טראָכימקע פלעגט זיך מיט אים באַגיינ ווי מיט א שטילער קו: אי אונטערנ בּויך קריכט ער ארונטער, אי די טלאָענ רייניקט ער אים, אי דעם רוקנ רייבּט ער אים מיט א בּארשט, און ווענ ער זעצט זיך אַפּ אים ארופ רייטנדיק, גייט ער גלייך, מאַמעש ווי אַפּ א סטרונע; צו זיינ אָטעמ, צו טראָכימקעס, הערט ער זיך צו—אָט וואָס פאר א פארשטאַנדיקער ער איז געוואָרנ.

IV

דאָ איז אינגיכנ געקימענ די רעוואָליוציע. דער פּאָרעצ אונדזערער איז אנטלאָפנ. פריער האָט ער געלאָזט בּאַ אונדז די מוטער, די אלטע פאַלצפיינ, אָבער דערנאָך איז זי אויך אָפּגעפאָרנ. האָבּנ מיר אָנגעהויבּנ אליינ באלעבּאטעווענ אינ אסקאַניא־נאָווא.

די ערשטע צייט האָט זיך עפּעס אלץ ניט געגלויבּט. „ווי קאָנ עס זיינ?—טראַכטנ מיר—שטענדיק זיינענ מיר בּאַמ פּאָרעצ געווענ ווי בּע־היימעס, און פּלוצימ—בּאַלעבּאטים. עס קאָנ ניט זיינ, ער זאָל זיך אזוי לייכט שיידנ מיט זיינ גוטס". און דאָ זיינענ נאָכ פארשיידענע פריי־[illegible]ע קנעכט געבּליבּנ צווישנ אונדז. זיי האָבּנ אלץ געשעפּטשעט:

— ווארט, ווארט! ער וועט אייך געבּנ, דער פּאָרעצ, ווענ ער וועט זיך [illegible]. ער וועט אייך ווייזנ, ווי באַלעבּאטעווענ.

און ווירקלעכ—די פּריצימ האָבּנ פארפירט א מילכאָמע קעגנ דער [illegible]. אינ פעוראַל כוידעש, אינ ניינצנטנ יאָר, גיי איך איינ־[illegible] ארײַנ אינעמ זובּראָבּיזאָניק, כ'האָבּ באַדארפט נעמענ היי.

כ׳האָב זיך גאָרוואָס גענומענ פאר דער קליאמקע—אז אינעם הויפ טוט עפעס ניט א פאל מיט א שטארקנ גערויש! מיך האָט עס אינגאנצנ מיט ערד באשאָטנ, און איך בינ פארטויבט געוואָרנ. עס זיינענ געקו־ מענ צו לויפנ צוויי ארבעטער. זיי זעענ: פונ פיר אָקסנ זיינענ בלויז שטיקלעך געבליבנ. רעשט רעווענ פונ שרעק און רייסנ זיך אפ דער וואנט.

שפעטער אביסל איז געקומענ צו רייטנ עפעס א מענטש.

— ננ, באוויירימ—זאָגט ער—איצט האלט זיך. איר וועט קיינ האָניק ניט לעקנ. מיר וועלנ דאָ מילכאָמע האלטנ. אָבער געדענקט זשע: דאָס פארמעגנ איז אונדזערס, עס געהערט דעמ גאנצנ פאָלק. היט עס אָפ, ווי דאָס שווארצאפל פונ אייער אויג. אינ פאל, ווענ די ווייסע וועלנ פאר־ כאפנ אסקאניע, לאָזט זיי ניט ראַבעווענ מירנ אלציינס צוריק קומענ. און אויב צווישנ אייך זיינענ פאראנ אויסוואורפנ, טאָ שלאָגט זיי, ווי זיי האָבנ פארדינט! קיינער פונ אייך וועט דערפאר ניט ליידנ.

אָט אזוי האָט ער עס אָפגעזאָגט און איז זיך אָפגעפאָרנ. מיר האָבנ אימ קיינמאָל מער ניט געזענ. און די רייד זיינע האָבנ זיך ארויסגעוויזנ פאר ריכטיקע. פונ דעמ טאָג אָנ האָט זיך אונדזער אסקאניע אזויווי געפונענ אפ אנ אינדזל. ארומ און ארומ—סטעפ. אינ סטעפ באוועגט זיך פונ איינ אָרט אפנ צווייטנ מיליטער, הארמאטנ שיסנ, עס ציענ זיך שלאכטנ. און מיר זיצנ אוןווארטנ, ווענ וועט מענ פונ אונדז א טעל מאכנ: היינט, צי מאָרגנ?

אנדערהאלבנ יאָר זיינענ מיר אזוי ארויסגעזעסנ, אפילע מער. האָבנ מיר זיך עס אָנגעליטנ פאר אָט דער צייט! פונעמ יישעוו טאָר מענ קיינ פוס ניט ארויסשטעלנ. די פראָדוקטנ זיינענ בא אונדז אויסגעגאנגענ, מיר האָבנ ניט געהאט ניט קיינ האָלצ, ניט קיינ קעראָסינ, און ווי נאָר עס איז אויסגעגאנגענ דאָס הייצונג, האָט זיך אָפגעשטעלט דער מאָטאָר אפנ וואסער־טורעמ.

איר ווייסט דאָך: אסקאניע לעבט מאמעש פונ אָט דעמ טורעמ. די גאנצע וואסער, וואָס מיר האָבנ, באקומענ מיר פונעמ וואסער־טורעמ.

נעמט אים צו—אונ עס וועלנ גלײַכ פארטריקנט ווערנ אלע ביימער, עס וועלנ אויסטריקענענ די סאזשעלקעס, די פייגל וועלנ אוועקפליִענ, אונ די כאיעס וועלנ אומקומענ אָנ וואסער.

ווענ עס טרעפט זיכ אַזא אומגליק באַם פּאָרעצ, וואָלטנ מיר זיכ גאָר ווייניק געקימערט: נעמט עס דער רוח, עס גייט אונדז עפּעס אָנ? פאר זיכ אליינ וואָלטנ מיר שוינ אָנגעטראָגנ פונעמ ברונעמ מיט עמערס אונ—פּארטיק. איצט אָבער האָט עס אונדז געקרענקט: יעדעס קוסטעלע, יעדע כאיעלע—דאָס איז דאָכ אונדזערס, זיי זיינענ דאָכ אונדזערע איי־גענע געוואָרנ, טאָ ווי וועלנ מיר זיי לאָזנ אומקומענ?

האָבנ מיר אָנגעהויבנ פונ אינדערפרי ביז נאכט ארומיאָגנ, זוכנ היי־צונג פארנ וואסער־טורעמ. מיר האָבנ פארגרייט שטרוי, אונטערגעקליבנ יעדער שטעקעלע, האָבנ געבראָרי די פלויטנ באַ אונדזערע הויפנ. ווער עס האָט געהאט פארגרייט געהילצ—ער האָט, לעמאָשל, זיכ געקליבנ בויענ א שטוב אָדער א שטאל—האָט ער אלצ אָפּגעגעבנ פארנ וואסער־טורעמ.

אונדזער טראָכימקע איז פאר יענער צײַט אזש שווארצ געוואָרנ. די באקנ זיינענ אימ אײַנגעפאלנ, די אויגנ זיינענ געוואָרנ גרויסע אונ בייזע, ווי באַ א וואָלפ. ער האָט זיכ מיט אלעמענ איבערגעקריגט איבער זיינע זעבראָידנ. אימ האָט זיכ אלצ געדאכט, אז מע גיט זיי אומיסטנ וויי־ניק עסנ.

ער איניינעמ מיט סעמיאָנ איוואניטשנ — איר געדענקט, אָט דער אלטיטשקער געלערנטער, וואָס האָט אויסגעכאָוועט פרעגאטנ—האָבנ צוגעפּאסט צומ ברונעמ אזא רעדל מיט א זשאָלעב (מולטער). ווענ די פּאָמפּע באַמ וואסער־טורעמ האָט שלעכט געארבעט, פלעגנ זיי אײַנשפּא־נענ פערד אונ א גאנצנ טאָג האָבנ זיי מיט דער הילפ פונעמ צוגעפּאסטנ רעדל געפּאָמפּעט וואסער מיט א דייזשע.

אונ איינמאָל האָבנ זיי נאָכ א שענער שטיקל צוגעטראכט. דאָס איז שוינ געווענ אינ צוואנציקסטנ יאָר. די טוווע איז שוינ באַ אונדז איינ־גאנצנ אויסגעגאנגענ. ניט בלויז פאר די באלעבאָימ, עס האָט שוינ אויכ פאר אונדז ניט געקלעקט. כאפּנ מיר זיכ איינמאָל אינדערפרי—זיי זיינענ

ביידע ניטאָ. אונ עס פעלנ צוויי פערד אונ א בריטשקע. האָבנ מיר גע־וואַרט ביז אָוונט—ניינ, ניטאָ. אפנ צווייטנ טאָג, אפנ דריטנ—דאָסזעל־ביקע, מע זעט זיי ניט, אונ ארומ קומט פאָר א שרעקלעכער שלאכט. אפילע בא אונדז אינ די שטיבער הערט מענ, ווי די הארמאטנ שיסנ.

האָבנ מיר זיי עס געזידלט: אָט צוויי נאראָנימ, דער אלטער אונ דער קליינער, האָבנ זיכ געלאָזט אינ אזא געגנעמ. זיי ווילנ דענ פונדאָרטנ ארויסקריכנ? טראַָכימקעס מוטער איז אָנ אויגנ געבליבנ פונ וויינענ. מיר האָבנ זי געטרייסט, ווי נאָר מיר האָבנ געקאָנט, אָבער, דעמ עמעס זאָגנדיק, האָבנ מיר אליינ אויכ ניט געגלויבט, אז זיי ווילנ זיכ אומקערנ לעבעדיקע.

אָבער פארנאכט אפנ פערטנ טאָג, מיר גיבנ א קוק,—זיי פאָרנ, אונ די בריטשקע איז בא זיי א פולע, א פולע מיט האָבער.

— ווי אזוי האָט עס אייכ אָפגעגליקט?—פרעגנ מיר.

דער אלטיטשקער צעשפרייט די הענט אונ זאָגט:—איר ווייסט, איכ פארשטיי אליינ ניט. פריִער זיינענ מיר ארײַנגעפאלנ עפעס אינ א שי־סעריַי, דערנאָכ האָט מענ אונדז ארעסטירט, מע האָט אונדז געזאָגט, אז מע וועט אונדז שיסנ, אונ דערנאָכ—איכ ווייס ניט פארוואָס—האָט מענ אונדז אָנגעשאָטנ האָבער אונ אָפגעלאָזט. דאָס איז אלצ טראָכימקעס ארבעט. איר פרעגט אימ.

האָבנ מיר אָנגעהויבנ פרעגנ טראָכימקענ, אונ ער, דער וואָרעמ, זאָגט גאָרניט, ער לאכט נאָכ פונ אונדז:

— איר מיינט, כ׳וועל אייכ געבנ? ניינ, ברידער, דאָס האָבנ מיר פאר די זעבראָידנ באקומענ. אונ איר—פאר אײַערע, אצ, פרוווט באקומט אליינ.

V

אינ א פאָר וואָכנ ארומ זיינענ צו אונדז געקומענ די ניטגעבעטענע געסט—דאָס ווײַסע מיליטער. די ווײַסע פלעגנ זיכ נאָכ פריִער ארײַנ־כאפנ צו אונדז, נאָר דעמאָלט האָבנ מיר פונ זיי קיינ גרויסע שאָדנס

ניט געהאט, זיי פלעגן אביסל אָנראבעווען און אוועקגיין. אי דאָס פלעגן זיי זיך סטארען טאָן אלצדינג באנאכט, שטילערהייט.

און איצט האָט זיי, ווייזט אויס, זיך אויפגעהערט צו גליקן אפן שלאכט-פעלד. זיינען ביין געוואָרן, מאמעש ווי כאיעס. ווי באַר זיי זיינען אריינ-געפאָרן, אזוי האָבן זיי זיך גלייך געוואָרפן אלץ צו רויבנירן. אינעם ווייסן הויז האָבן זיי אויסגעקלאפט די שויבן, טירן, דיוואנען, שטולן, גרויסע שפיגלען, שאפעס, אלץ האָבן זיי ארויסגעטראָגן אין פארק און האָבן דאָרט אונטער די ביימער אָנגעצונדן גרויסע פייער-שייטערס.

ביימער האָבן זיי, די באנדיטן, אומיסטן אויסגעקליבן אָדער אלטע-אלטע, הונדערטיאָריקע, אָדער וועלכע ניט איז באזונדערע, ווערטפולע, זעלטענע, וואָס מע האָט געבראכט צו פירן פון ווייטע לענדער. אינ-נעם מיטן מעפל זאָלן, אזויארום, אומקומען אויך דידאָזיקע זעלטענע ביימער. ווען אייניקע פון זיי האָבן ניט געוואָלט ברענען, האָבן די ווייסע באנדיטן זיי אונטערגעהאקט און געוואָרפן אין די שייטערס.

דער גערטנער אונדזערער איז ארומגעלאָפן איבערן פארק. ער האָט געזוכט די אָפיצערלעך. און פאר יעדן נישטיקן אָפיצערל האָט ער זיך געשטעלט אפ די קני, האָט געוויינט און האָט זיך געבעטן, ער זאָל פאר-ווערן די סאָלדאטן צו רויבנירן דעם פארק. ער, דער גערטנער, האָט דאָך יעדעס קוסטעלע אין פארק פארפלאנצט און אויסגעכאָוועט מיט זיינע אייגענע הענט — האָט ער עס דען געקאָנט צוזען?

די אָפיצערלעך האָבן אים יעדעס מאָל צוגעזאָגט אָפצוגעבן א פאר-אָרדענונג און האָבן טאקע דאָ אפן אָרט מיט א געלעכטער געשריען צו די סאָלדאטן:

— אנו, כעוורע, גיט אונטער היץ! איר זעט, אָט א דעם גוטן מענטשן איז עס א שאָד. זאָל — זאָגט ער — בעסער אלץ אומקומען, איידער עס זאָל אָנקומען די באָלשעוויקעס.

אפן פלאץ פארן ווייסן הויף איז בא אונדז געווען א בלומען-גאָרטן. ער איז איצט אויך א גוטער, און דעמאָלט איז ער געווען, מע קאָן זאָגן, א פרייד פארן מענטשן. זומער, ווען די רויזן צעבליִען זיך,

אונ דו פלעגסט א קוק טאָנ אפּנ בלומענ־גאָרטנ, האָט פאר דיר ווי מור־זיק געשפּילט. זיינענ זיי אינ אָט דעמ בלומענ־גאָרטנ גלײַכ מיט די פורנ ארײַנגעפאָרנ. אלע קוסטעס האָבנ זיי צעבראָכנ, מיט די וואָרצלענ ארויס־געריסנ אונ מיט די שווערדנ געהאקט אפּ ברעקלעכ. דער גערטנער, ווענ ער האָט עס דערזענ, איז ער אוועק אהיימ, האָט זיכ אוועקגעלייגט אונ איז פאר צאָרעס אונ פארדראָס קראנק געוואָרנ. —

איבערנ זאָאָפּארק איז ארומגעלאָפנ די אויפעס־אופזעערנ, יוליע איוואנאָוונע. זי האָט געריסנ בא די באנדיטנ פונ די הענט די אויפעס, וואָס זיי האָבנ געקוילעט זיכ אפּ וועטשערע. איר מיינט אוו ידע, זיי האָבנ אויסגעקליבנ, לאָמיר זאָגנ, די פעטערע קאטשקעס, גענדז? אָבער—גאָר! דו גיב זיי די טײַערסטע, די סאמע זעלטענע. אָט די פאזאנעס די קעניג־לעכע אונ גאָלדקאָלירטע, די רויטשנאָבלדיקע קאזארקעס (ווילדע גענדז), ניִלער גענדז—אָט דאָס געפעלט זיי, אָבער א פּאָשעט אָפּ—דאָס איז ניט לויט זייער געשמאק.

איר—האָט געזענ, כעוורע, דעמ אווסטראלישנ שווארצנ שוואנ, וואָס שווימט ארומ בא אונדז אינ דער סאזשעלקע? איר האָט געזענ, וואָס פאר א שיינהײַט דאָס איז? מע קאָנ דאָכ פאר אימ לאָזנ זיכ א האנט אָפּ־שנײַדנ. דערדאָזיקער שוואנ איז איצט א בייזער, אימ איז אומעטיק אָנ א פּאָר, אונ די „זיי" האָבנ די באנדיטנ ארויסגעריסנ בא יוליע איוואַ־באָוונע פונ די הענט אונ האָבנ איר גלײַכ אפּנ אָרט ארויפגעדרייט דעמ קאָפּ.

יוליע איוואנאָוונע האָט זיכ בא זיי געבעטנ, האָט געוויינט, זיכ מאַ־מעש אונטער די שווערדנ זייערע געוואָרפנ. אָבער ס׳האָט דעמ געהאָלפנ? זיי האָבנ זיכ אזוי צעבושעוועט, אז זיי האָבנ די ערד אונטער זיכ ניט געפילט. בלויז פארשיידנקאָלירטע קעפּלעכ האָבנ מיר דערנאָכ געפונענ ביז הונדערט פופציק שטיק.

באנאכט, ווענ די באנדיטנ האָבנ זיכ איינגעשטילט אונ זיינענ אנ־שלאָפנ געוואָרנ, הער איכ—עמעצער קלאפּט שטיל צו מיר. איכ בינ ארויסגעגאנגענ, איכ זע—טראָכימקע מיט סעמיאָנ איוואניטשנ.

— פעטער,—שעפּטשעט טראָכימקע—העלפט אונדז מיט. מיר ווילן אוועקפירן די זעבראָדן וואָס ווײַטער, אינעם אַלטן פערד־שטאַל, וואָס מיר האָבן געוואָלט צעבּרעכן אף הייצונג פארן וואסער־טורעם.

— ווי אזוי זשע—זאָג איך—וועלן מיר זיי אריבערפירן? די באַנדיטן וועלן דאָך אונדז הארגענען, אויב זיי וועלן באַמערקן.

— און מיר וועלן—ארום און ארום. פרעגאטן און מאַטיליאָקן האָבן מיר שוין אָפּגעפירט. די באַנדיטן זיינען אלע שיקער, זיי שלאָפן שטארק.

און סעמיאָן איוואניטש בעט זיך אויך:—איך בעט אייך, העלפט אונדז. דאָס וועט דאָך א פארברעכן זיין, ווען מיר וועלן ניט פארהיטן אזעלכע ווערטפולע באַלעכאַיִם.

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?—מע דארף גיין, און כּוץ אלעמען, זיי־נען דאָך די זעבראָדן מיר אליין אויך טײַער געווען. בין איך אוועק מיט זיי אינעם טארפּאניק. גאנווענענדיק זיך אינדערפינצטער, האָבן מיר אָנגעהויבן אריבערפירן אונדזערע פערדלעך אינעם שטאַל. אָט האָבן מיר געבראכט דרײַ שטיק, מיר האָבן זיי פארצויגן וואָס העכער די מאָרדעס, זיי זאָלן זיך ניט שלאָגן און ניט בילן, און זיינען אוועק נאָך נײַע.

אין מעשעך פון דער נאכט האָבן מיר אלע אריבערגעפירט. צום אָנהויב האָבן מיר שרעקלעך מוירע געהאט. אָבער דערנאָך האָבן מיר דערזוען, אז די באַנדיטן אונדזערע זיינען ווירקלעך שיקער און שלאָפן, ווי געשטאָרבענע. מיר האָבן זיך אף אזוי פיל מיט דרייסטקייט אָנגעגנור־מען, אז מיר האָבן אריבערגעפירט אינעם שטאַל א פור היי און די רעשטלעך פון טראָכימקעס האָבער.

אינדערפרי, ווי נאָר די ווײַסבאנדיטן האָבן זיך אופגעכאפּט פון שלאָף, זיינען זיי אוועק אינעם גרויסן פערד־שטאַל, האָבן זיך אויסגע־קליבן די בעסטע רײַטפערד. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צו אונדז אינעם טארפּאניק. דער אָפיצער, ווי נאָר ער איז ארײַן, האָט טייקעף אָנ־געהויבן צו שרײַען:

— וואָס איז דאָס פאר א מין? פארוואָס זיינען די געשטאלב פוסטע?

איך בין פון שרעק א פארגליווערטער געוואָרן. סעמיאָן איוואניטש האָט שוין געעפנט דאָס מויל. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אים האָט איבערגעריסן טראָכימקע:

— בא אונדז זיינען דאָ געשטאנען ווילדע פערד, אָבער מע האָט זיי צוגענומען. עס זיינען געקומען צו פאָרן אָט אזעלכע... ווי איר, און האָבן זיי אוועקגעפירט.

דער אָפיצער איז שיר ניט אונטערגעשפרונגען:

— ווי וואגסטו צו מיר ווענדן זיך מיט אזעלכע רייד! כ׳וועל דיך ביז טויט פארשמייסן, דו לײַדאק אײנער!

איך מיט סעמיאָן איוואניטשן האָבן אָנגעהויבן בעטן דעם אָפיצער. מיר האָבן אים געזאָגט, אז טראָכימקע איז פון דער נאטור א נארישער, און אז ער פארשטייט ניט, וואָס ער רעדט. דער אָפיצער האָט זיך נאָך אביסל געבלאָזן, דערנאָך האָט ער טראָכימקען א קנאק געטאָן איבערן קאָפּ און איז אוועק.

צו אָוונט צו זיינען די באנדיטן אָפּגעפאָרן פון אונדז. טראָכימקע איז פון פרייד געשפרונגען, ווי א מעשוגענער זעבערלע אף דער לאָנקע.

— א־א, וואָס, וואָס!—האָט ער געשריען צו מיר און צו סעמיאָן איוואניטשן—ווען מיר פירן זיי ניט אריבער, וואָלטן מיר איצט א פּײַג געהאט, ניט קיין זעבראָידן!

VI

עס איז געקומען דער הארבסט. שוין א פּאָר כאדאָשים, ווי קיינער איז צו אונדז ניט געקומען. און דאָ זיינען נאך געגאנגען שטארקע רעגנס. אין סטעפּ איז א בלאָטע ביזן האלדז. [illegible] שליאך איז נאָך ווי ס׳ניט איז, אָבער טאָמער פארקערעוועסטו—איז [illegible]עק, וועסטו בעשומויפן ניט ארויסקריכן.

זיצן מיר בא זיך אינעם יישעוו און פרייען זיך: אין אזעלכע בלאָטעס—טראכטן מיר—וועט זיך קיינער צו אונדז ניט דערשלאָגן. טראָכימקע

האָט שוין אפילו געפּלאַנעוועט צוריק אריבערפירן די זעבראָידן אינעם טארפּאַניק.

און פלוצים — אָט האָסטו דיר. די בלאָטעס האָבן אויך ניט געראַטעוועט. איינמאָל, ווען מיר זיינען נאָך א רעגן ארויסגעגאַנגען אפן דער גאַס, זעען מיר — מיטן וועג צו אונדז רוקט זיך אָן אָטריאַד א געזונטער, פון א מענטשן צוויי הונדערט. א העלפט — רייטנדיק, די צווייטע העלפט — אפן פוס. פונהינטן שלעפּן זיך צוויי גרויסע הארמאטן. א פערד צוועלף זיינען איין זיי איינגעשפּאַנט, און דאָך שלעפּן זיי קוים־קוים.

איך ווייס נאָך ביז איצט ניט, ווער זיינען זיי עס געווען, צי מאַכנאָווצעס, צי מאַראָזאָווצעס, צי אוועלכע ניט איז אנדערע באנדיטן. באַנדעס אזעלכע האָבן מיר דאָ געהאַט אָן א שיר. זיי זיינען אלע ביזן לעצטן שיקערע און באַהאַנגען מיט געווער און פּאַטראָנעס.

דער אַטאַמאַן זייערער איז געפאָרן צעלייגט אפן גאַלאַכישן פאַעטאָן. א קליינינקער, א פעגירע אין ברילן, און די מאָרדעטשקע זיינע — אזא מיעסע, אז עס עקלט אפילו א שפּיי טאָן אין איר. ווי נאָר ער איז אריינגעפאָרן, האָט ער גלייך געהייסן רופן זעקס אונדזערע מענטשן:

— נו, דערציילט: וואָס פאר א רעזערוון האָט איר?

— וואָס פאר א רעזערוון קאָנען מיר האָבן? מיר האָבן גאָרניט. אלץ האָבן שוין צוגענומען אייערע.

— אזוי, איר האָט גאָרניט. נו, גוט. אין צוויי שאָ ארום זאָל מיר זיין צוגעגרייט א מיטעק פאר גאַנצן אָטריאַד. איר הערט? און א גוטער, אניט, וועל איך קיין שפּענדל קיין גאַנצס ניט לאָזן. כ'וועל אלץ מיט דער ערד גלייך מאַכן.

— וואָס רעדט איר, אייער... מיר ווייסן ניט, וויאזוי צו ווענדן זיך צו אייך. פון וואָס־זשע וועלן מיר צוגרייטן, אז מיר האָבן גאָרנישט?

— א, — איר'ט ניט צוגרייטן? נו, גוט. וועלן מיר פון אייך אליין א באָרשטש אָפּקאָכן. און פון די פעטערע וועלן מיר אָנבראָטן קאָטליעטן, פאַרשטאַנען? מיר זיינען א פאָלק א פריילעכס.

פריער האָבן מיר געמיינט, ער טרייבט קאַטאָוועס. אָבער מיר זעען —

ניינ, עס האלט ניט בא קאָטאָווסנ. דאָס פאָנעמ באמ אטאמאנ האָט זיכ איבערגעקרימט, צי פונ געלעכטער, אָדער פונ בייזקייט, נאָר ער האָט זיכ אומגעקערט צו זיינע געהילפנ אונ האָט אָפּגעגעבנ א קאָמאנדע:

— אינ א האלבער שאָ ארומ, אויב זיי וועלנ ניט צוטרעטנ צומ צו־גרייטנ דעמ מיטעק, צעשיסנ צענ מענטשנ אונ אָפּגעבנ זיי די קוכערס, זאָלנ זיי אָפּקאָכנ א גוטנ מיטעק.

— מיר הערנ, באטקאָ!—האָבנ אויסגעשריענ די שיקערע באנדיטנ.

מע קאָנ גאָרניט_מאכנ. האָבנ מיר געמוזט קוילענ א ראסעווע רויט־דייטשישע קו אונ אָפּקאָכנ א מיטעק. זיי האָבנ זיכ אָנגעפרעסנ, נאָכמער אָנגעזויפט זיכ אונ האָבנ זיכ אוועקגעלייגט שלאָפנ. אונ אינדערפרי, ווענ זיי זיינענ אופגעשטאנענ, האָבנ זיי זיכ גענומענ באלעבאטעווענ.

נו, געבאלעבאטעוועט האָבנ זיי, ווי יענע, די ערשטע, אפילע נאָכ בעסער. ארייַנגעכאפּט האָבנ אי די כאיעס, אי די אויפעס, אי די שאָפּ, אי דאָס גרויספּי. וועגנ דעמ וועל איכ אייכ ניט גיינ דערציילנ. נאָר איינ זאכ האָבנ מיר באמערקט: ווויהינ זיי זאָלנ ניט קומענ, אומעטומ האָבנ זיי זיכ געפילט ווי בא זיכ אינדערהיימ, ווי זיי וואָלטנ פונ פריִער וויסנ אי ווו וואָס עס געפינט זיכ, אי ווי אזוי ארויסצובאקומענ עס. צי זיי זיינענ טאקע אזעלכע דורכגעטריבענע געווענ, צי צווישנ אונדז האָבנ זיכ ווירק־לעכ געפונענ אזעלכע אויסוווּרפנ, וואָס האָבנ זיי אלצ דערציילט.

זיינענ זיי געקומענ אויכ צו אונדז, אינעמ טארפאניק. געקומענ אונ פרעגנ:

— אנו, ווייַזט נאָר, ווו געפינענ זיכ דאָ בא אייכ די בארימטע זעבראָידנ?

מיר האָבנ זיכ געפּרוּווט, ווי פריִער.—ניטאָ—זאָגנ מיר—מע האָט זיי אוועקגעפירט. איר זעט דאָכ, די געשטאלנ שטייענ פוסטע.

אונ זיי, די אויסוווּרפנ, לאכנ:

— אונ צומ שטאל צו יענעמ, ווו איר האָט זיי באהאלטנ, איז עפּעס ווייַט? אנו, פירט אונדז נאָר צו אהינ!

סעמיאָנ איוואניטש איז ווייַס געוואָרנ, ווי די וואנט. די ליפּנ האָבנ אימ אָנגעהויבנ ציטערנ.

— הערנ פּירגערז—זאָגט ער.—די פּערדלעכ דידאָזיקע דאַרפ מענ האָבנ פאַר דער וויסנשאַפט. מיר האָבנ שרעקלעכ אַסאַכ מי אָפּגעגעבנ אָפּ אויסכאָוועג זיי. אונ איר דאַרפט זיי ניט. איר נעמט זיכ בעסער אײנעם גרינעם פערד־שטאַל פערד. בײ אונדז זיינענ נאָכ דאָרטנ געבליבנ גוטע פערד.

— אינ דעם גרינעמ, זאָגט איר? אַנו, ווײַזט.

האָבנ מיר זיי אוועקגעפירט אינעם גרינעמ פערד־שטאַל. זיי האָבנ דאָרטנ צוגענומענ די בעסטע פערד, אונ זייערע, די פּעגירעס, האָבנ זיי אוועקגעוואָרפנ.

— נו, אונ איצט פונדעסטוועגנ פירט אונדז אָפּ צומ שטאַל, צו אײַערע געלערנטע זעבראָידנ.

סעמיאָנ איוואַניטש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אונ האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געקאָנט אַרויסריידנ קיינ איינ וואָרט. דערנאָכ האָט ער זיכ אויסגעגלײַכט אונ האָט אַזוי שטיל, ערנסט געזאָגט:

— איכ קאָנ ניט. דאָס איז קעגנ מײַנ געוויסנ. הייסט שוינ בעסער, מע זאָל מיכ דאָ אָפּנ אָרט צעשיסנ.

דאָ איז ווידעראַמאָל אַרויסגעשפּרונגענ טראָכימקע:

— אָט איכ ווייס, ווו זיי שטייענ. קומט, כ׳וועל אייכ ווײַזנ. אַ שטיק דרײַסיק שטייענ זיי דאָרט.

איכ האָב אַזש דאָס מויל צעעפנט. וואָס האָט עס—טראַכט איכ—מיט אים אַזעלכעס געטראָפנ? אָט פלעגט ער מיט די ציינ זיכ אײַנבײַסנ פאַר זיינע זעבראָידנ, אונ דאָ גיט ער זיי אַליינ אָפּ. דער יאַט האָט זיכ, קאָנטיק, שטאַרק דערשראָקנ. ער האָט זיכ אָנגעזונ, ווי זיי ווילדעווענ, אונ האָט מוירע געקראָגנ. דער אַטאַמאַנ האָט אַ פּאַטש געטאָנ טראָכימקענ איבער דער פּלייצע, ווי אַ קליינינקנ:

— אָט אַ מאָלאָדיעצ! מע זעט גלײַכ, אַז ס׳אַ קלוגער יאַט. איכל דיר ווייסט וואָס שענקענ?—אַ באַגנעט אַנ עסטרײַכישנ. אַ שאַרפער, ווי אַ קינזשאַל אַנ עמעסער.

טראָכימקע איז אָפּ אַנ עמעסנ געלאָפנ, ווי אַ קליינ נאַריש קינד.

ער האָט לדערהערט וועגנ דעמ קינזשא אונ האָט זיכ אויסערגעוויינלעכ דערפרייט:

— א דאנק דיר, פעטערל! אָט לאָמיר באלד גייג. ס'איז דאָ נאָענט. כ'וועל דיר אלצ וויַיזנ.

דער אטאמאנ האָט אימ ארומגענומענ, אונ אזוי איז ער מיט אימ אוועק. מיר האָבנ זיַכ אלע געשלעפט פונהינטנ. איינ סעמיאָנ איוואנאָוויטש איז ניט געגאנגענ. ער האָט, קאָנטיק, ווירקלעכ ניט געקאָנט צוזענ, ווי מע וועט צונעמענ די זעבראָידנ, וואָס ער האָט אויסגעכאָוועט. אינ וועג האָט דער אטאמאנ אָנגעהויבנ אויספרעגנ טראָכימקענ:

— ווי, זיי זיינענ היציקע, אָט די זעבראָידנ איַיערע? מע זאָגט, אינ־גאנצנ ווילדע.

— אוי, זיינענ זיי שרעקלעכע, פעטערל! פינפ האָבנ זיי בא אונדז געהארגעט. זיי בייַסנ זיכ, נו, מאמעש ווי הינט.

— א, א! דאָס איז גוט. מיר האָבנ ליב היציקע פערד. פאר א קאָזאק, ברודערל, איז א היציק פערד טיַיערער, איידער די מאמע זיינע מיטנ טאטנ... אונ שיינע זיינענ זיי, יאָ? מע זאָגט, אזעלכע שיינע, ניט אָפצו־רייַסנ זיכ פונ זיי.

— ווער, די זעבראָידנ?—טראָכימקע האָט זיכ אָפגעשטעלט אונ האָט אָנגעהויבנ טרייסלענ זיכ פונ געלעכטער—זיי זיינענ דאָכ... זיי זיינענ דאָכ קליינינקע, ווי מייַז. צי דענ וועט זיכ א קאָזאק זעצנ אפ אזא? מע וועט דאָכ לאכנ!

דער אטאמאנ האָט זיכ אָנגעכמורעט:

— נו, דאָס זאָגסטו שוינ א ליגנ. זע, ברודער, איכ האָב ניט ליב, אז מע זאָגט מיר א ליגנ.

— זאָל זיינ, איכ לייַג. נו, אָט וועט איר באלד זענ.

זיי זיינענ געקומענ אינעמ שטאל. די באנדיטנ האָבנ באטראכט די זעבראָיַדנ אונ האָבנ געהייסנ איינעמ ארויספירנ. טראָכימקע האָט זיי ארויסגעפירט „מאָטיליאָקנ". דער אטאמאנ האָט ווילעריש א מאכ געטאָנ מיט די פלייצעס, איז צוגעגאנגענ אונ האָט אויסגעצייגנ די האנט—ער

האָט, קאָנטיק, געוואַלט א גלעט טאָן דעם זעבראָיד. „מאָטיליאָק״ האָט זיך אויסגעבויגן אין—גיט עס א קנאַק מיט די ציין! ער האָט אים שיר די האַנט ניט אָפּגעביסן. דער אַטאַמאַן,—ווי דער ווינט וואָלט אים אַוועק־געטראָגן אַף א טריט צען. אַפילע די ברילן זיינען בא אים אַראָפּגעפאַלן. ווען מע האָט זיי אים אופגעהויבן, האָט ער א שמייכל געטאָן און אָפּ־געגעבן א קאָמאַנדע צו די זייניקע:

— אַנו, סאַוואָטשוק, נעם אים נאָר אין דער אַרבעט! דו ביסט דאָך עפּעס א מייַסטער אין אַזא זאַך. און איר האַלט צו, ביזוואַנען ער וועט זיך אַוועקזעצן.

צוויי געזונטע באַנדיטן האָבן גענומען „מאָטיליאָקן״ פאַרן צוימל, און דער דריטער האָט זיך געזעצט אַף אים רייַטנדיק, אָן א זאָטל. ער האָט שוין, ווייַזט אויס, אויסגעטרונקען. יענע צוויי האָבן נאָך געהאַלטן דאָס פערד, און ער האָט שוין א פּאָטשע געטאָן מיט דער נאַהייַקע און האָט א קנאַק געטאָן „מאָטיליאָקן״ אין א זייַט. וואָס דאָ איז ווייַטער פאָרגעקומען, האָב איך אַפילע ניט באַוויזן צו באַמערקן ווי עס באַדאַרף צו זייַן. איך האָב נאָר דערזען, אַז אַלע דרייַ באַנדיטן און דאָס פערד זיינען געפלויגן אין פאַרשיידענע זייַטן. דערנאָך האָב איך דערזען, אַז סאַוואָטשוק—דער „מייַסטער״ טאַקע—ליגט בא „מאָטיליאָקן״ אונטער דער באָז און קוויטשעט, ווי א באַזערל.

אַלע באַנדיטן האָבן זיך א וואָרף געטאָן סאַוואָטשוקן צוהילף. „מאָטי־ליאָק״ האָט נאָכאַמאָל אַזא ריס געטאָן סאַוואָטשוקן, אַז יענער האָט זיך איבערגעדרייט, און ער איז אַנטלאָפן אין סטעפּ.

די באַנדיטן האָבן אופגעהויבן זייער כאַווער. ער איז געווען צעמאַ־זיקט און איינגאַנצן אין בלוט. דער אַטאַמאַן האָט געהייסן געבן דעם צעמאַזיקטן בראָנפן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו טראָכימקען:

— און דו, באָכערל, האָסט דאָך מיר טאַקע ריכטיק געזאָגט. פאַ־סקודנע פערדלעך. קיין שום אויסזען, און א מאַראָקע וואָלט מיט זיי געווען...

ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, איז טראָכימקע אָפּגעלאָפן אַביסל,

האָט אָנגעהויבן רופן, פּײַפן, און „מאָטיליאָק" האָט זיך אַליין אומגע־קערט. טראָכימקע האָט אים ארומגעהאַלדזט מיט ביידע הענט און האָט געזאָגט:

— אָט ווער עס האָט ווירקלעך פאַרדינט אַ דאַנק. מאָלאָדיעץ, „מאָ־טיליאָק", אָט אַזוי קומט זיי...

VII

די באַנדיטן האָבן פאַרבראַכט בײַ אונדז נאָך צוויי טעג. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו שיקערן אינעם ווײַסן הויז. מיר האָבן געמיינט, ס׳וועט דערצו קיינמאָל קיין סאָף ניט נעמען. פּלוצים אויפן דריטן טאָג איינדערפרי איז געקומען צו פליען עפּעס אַ רײַטער. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד און גייט גלײַך צום אַטאַמאַן—ווײַזט אויס, מיטיילן וועגן עפּעס.

שפּעטער אַביסל, זעען מיר, ווי זיי שיטן זיך עס אַלע אַרויס פונעם הויז! ווער עס וואַרפט זיך אויף די פערד אָן זאָטלען, ווער אײַנשפּאַנען די פורן, אַנדערע וואַרפן זיך צו די האַרמאַטן. קיין האַלבע שעה האָט ניט געדויערט—אַלץ איז גרייט. דער אַטאַמאַן האָט אונדז פון זיין פּאַע־טאָן דראָענדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער נאַהײַקע און האָט אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע—פאָרן!

די רײַטערס האָבן געלאָזט די פערד מיט גיכע טריט, אָבער ניט אי־בערן וועג, נאָר גלײַך איבן סטעפּ, איבער דער בלאָטע. פון אָנהייב זיינען אויך די פורן געגאַנגען גיך. דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו פאַר־האַלטן און אייניקע פון זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. און די האַרמאַטן, ווי נאָר זיי זיינען אַראָפּ פונעם וועג, זיינען זיי מיט די רעדער טיף־טיף איינגעזונקען. מע האָט געהאָרעוועט, געהאָרעוועט אַרום זיי— און זיי רירן זיך ניט פון אָרט.

איר פאַרשטייט—צוויי טעג פאַר דעם זיינען קיין רעגנס ניט געגאַנגען, און די בלאָטע איז געוואָרן אַ געדיכטע, אַ קלעפּיקע, ווי קיט. און די האַרמאַטן זיינען דאָך שטאָלענע, שווערע־שווערע, וועסטו זיי דען רירן פון אָרט איבער אַזאַ בלאָטע?

דער אטאמאנ האָט פאראָרדנט נעמענ צו די הארמאטנ אלע גוטע פערד, וואָס זיי האָבנ בא אונדז צוגענומענ. אָבער ווענ מע האָט זיי אײַנגעשפּאנט, האָבנ זיי אויכ ניט געקאָנט גאָרניט מאכנ. זיי רײַסנ זיכ, רײַסנ זיכ, אונ די הארמאטנ רירנ זיכ ניט פונ אָרט. די באנדיטנ האָבנ די פערד שטארק געשלאָגנ מיט פיר בײַטשנ יעדערנ, האָבנ געשאָסנ איבער זיי, אָבער עס האָט גאָרניט ניט געהאָלפנ.

דער אטאמאנ האָט זיכ געזידלט, האָט בא זיכ אינעם פּאפּעטאָנ געטופּעט מיט די פּיסלעכ אונ געשריענ אפּ אייניקע:

— צי פארשטייט איר, נאראָנים, אז די באָלשעוויקעס קאָנענ אונדז באלד פּאקנ? צי פארשטייט איר, אז אײַער פעל דראָט א געפאר?

סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער א שפּײַ געטאָנ אונ האָט געהייסנ פאָרנ אָנ די הארמאטנ. נאָכ אביסל, אונ זיי וואָלטנ געגומענ דעם וועג. אָבער דאָ איז פונ איינ באנדיטישער פור ארויסגעקראָכנ א פארשויב. כאָטש ער האָט זיכ געסטארעט אויסבאהאלטנ פונ אונדז די צורע זיינע, אָבער מיר האָבנ דערקענט—דאָס איז איינער פונעם פאָרעצס ליבלינגענ. אמאָל, אינעם פּאָרעצס צײַטנ, האָט ער אונדז פיל צאָרעס פארשאפט. דערנאָכ איז ער פארשוונדנ געוואָרנ, אונ צוויי יאָר האָבנ מיר אימ ניט געזענ אונ ניט געהערט וועגנ אימ. אונ איצט האָט ער זיכ באוויזנ אינ א פּאסיקער קאָמפּאניע.

דער באנדיט איז צוגעגאנגענ צומ אטאמאנ אונ האָט אימ עפּעס שטיל אײַנגערוימט אינ אויער. דער אטאמאנ האָט זיכ צוגעהערט אונ האָט אלץ העכער געהויבנ די ברעמענ. מיר האָבנ געהערט, ווי ער האָט געזאָגט:

— מיר האָבנ זיי דאָכ געזענ... נו, איז וואָס?.. נארישקייטנ. ס'קאָנ ניט זײַנ, זיי זיינענ דאָכ קליינינקע... וואָס רעדסטו, איינע אזא כּוח האָט בײַגעקומענ צוויי ראסעווע פערד? אנו, מירנ א קוק טאָנ...

ער האָט זיכ אומגעקערט צו זיינ געהילפ אונ האָט אָפּגעגעבנ א פארארדענונג. צוואנציק רײַטער האָבנ זיכ טייקעפ געלאָזט צומ אלטנ פערדשטאל. אונ צו אונדז האָט דער אטאמאנ געזאָגט:

— אין צען מינוט ארום זאָ מיר לוזין גרייט דער געשפאַנ פאַר אַלע זעבראַדן. ווען איר ניט צוגרייטנ, וועל איך הייסנ אָנלאָדנ די האַרמאַטנ, און פון אײַער ישעװ װעלנ בלײַבנ אײנע שפּענדלעך.

פאַרשטײט זיך, אַז אין צװ ציק מינוט אַרום איז אַלץ געװען גרייט. די רײַטערס האָבנ צוגעפירט צו אײנ, צו צװײ זעבראַדנ און האָבנ זײ אײַנגעשפּאַנט אין די האַרמאַטנ. טראָכימקע איז געשטאַנענ און האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט. איך אײנער האָב געװוּסט זײנ פאַרביטערט האַרצ. װען ער זאָל געװענ קאָנענ, װאָלט ער געװיס אָט די אַלע באַנדיטנ אױפ שטיקער צעריסנ.

פּלוצים האָט ער דערזען, אַז מע פירט זײנ „מאָטיליאַק". א מענטשנ צען האָבנ זיך אָנגעטשעפּעט און שלעפּנ אים. ער בריקעװעט מיט די פיס, און זײ שנײַדנ אים מיט די נאַהײַקעס. טראָכימקע האָט זיך צו זײ א װאָרפ געטאָנ און האָט אױסגעשריענ:

— לאָזט, איך װעל אים אַלײנ אײַנשפּאַנענ. מיך װעט ער הערנ.

און װירקלעך, ער האָט אײַנגעשפּאַנט „מאָטיליאַקנ" און „פּרעגאַטנ" אין אײנ פּאָר. און מיט די רעשט האָבנ זיך די באַנדיטנ אַלײנ ספּראַװעט. װען אַלץ איז געװען גרייט, האָבנ די אָנטרײַבערס בלויז קוים־קוים א טרײַב געטאָנ די זעבראַדנ, אַפּ א פּראָבע. די זעבראַדנ האָבנ זיך א ריס געטאָנ, און די האַרמאַטנ האָבנ אװעקגעכליופּעט איבער דער בלאָטע, װי פּאַשעטע פורנ.

אָט דאָ האָט טראָכימקע דעמ קאָפּ פאַרלוירנ. ער איז צוגעלאָפנ צום אַטאַמאַנ און האָט זיך אָנגעהויבנ צו בעטנ:

— פּעטערל, דערלויבט מיר פאָרנ מיט די זעבראַדנ. אַלצײַנס װעלנ זײ אײך ניט הערנ, און צו מיר זײנענ זײ צוגעװױנט. איך װײס, װיאַזױ זײ האָדעװענ, װי אַזױ אַרומגײנ אַרום זײ, באַשטימט מיך צו זײ אַלס א קאָניוך.

איך, אַז כ'האָב עס דערהערט...

דאָ האָט זיכ דער זײדע פעדאָרטשענקאָ אָפּגעשטעלט אונ האָט א צײַט געשוויגנ. דערנאָכ האָט ער ניט גערנ אונ קורצ פארענדיקט:

— אָבער ער האָט מיכ ניט געהערט, איז טאקע אוועקגעפאָרנ. איז אוועקגעפאָרנ, אונ אפדערנאכט איז צו אונדז ארײַנגעטראָטנ דעמ כאווער בודיאָניס קאוואלעריע, אונ אלע אונדזערע מאטערנישנ האָבנ זיכ געענדיקט.



ס'איז געבוירנ געוואָרנ א נײַער פרעגאט, נאָכ א בעסערער פונ יענעמ, פונעמ ערשטנ

— אונ דערנאָכ וואָס?—האָבנ געפרעגט די כעוורע.

— דערנאָכ מער גאָרניט. דאָס איז אינגאנצנ.

— אונ וואָס איז געוואָרנ מיט טראָכימקענ?

דער זיידע האָט פארקנייטשט דאָס פּאָנעמ אונ האָט א ניטצופרידע־נער אָנגעהויבנ בורטשענ אפ די קינדער:

— א, ס'ארא כעוורע איר זייט. טשעפּעט זיכ אָפּ! אלצ דערציילל זיי אונ דערקלער. נו, ער איז אָפּגעפּאָרנ מיט אָט די באנדיטנ. דערנאָכ האָט ער פארטראכט אוועקפירנ פונ זיי די זעבראָ:דנ צו אונדז אינ אסקאניא נאָווא. זיי האָבנ אימ צוויי מאָל געכאפּט. דערנאָכ האָט זיי די רויטע ארמיי צוגעדריקט צומ סאמע ברעג, האָבנ זיי ניט געהאט וווהינ אהינצו־טאָנ זיכ אונ זיי האָבנ באשלאָסנ:

איידער די פערד זאָלנ ארייַנפאלנ צו די באָלשעוויקעס אינ די הענט, זאָלנ זיי בעסער אומקומענ.

— וואָס־זשע ווייַטער?

— איז אָט. זיי האָבנ געהייסנ טראָכימקענ ארופזעצנ זיכ אפ „מאָטי־ליאָקנ" אונ טרייַבנ אלע זעבראָ:דנ אינ יאמ—ארייַנ, קלוימערשט, באָדנ זיי. אונ אליינ האָבנ זיי אָנגעשטעלט די ביקסנ... אָט, פאלמע האָט עפּעס א קרעכצ געטאָנ. כ'וועל גיינ א קוק טאָנ.

דער זיידע איז אנטלאָפנ אונ האָט א לאנגע צייַט פארבראכט אינ פאלמעס געשטאל. ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט, האָט זיינ פּאָנעמ גע־שייַנט פונ פרייד.

— ווואריעלע,—האָט ער נאָכ פונדערווייַטנס אויסגעשריַענ—לויפ צומ ··זנ אונ זאָג אימ, אז עס איז געבוירנ געוואָרנ א נייַער פרעגאט, נאָכ א ·עסערער פונ יענעמ, פונעמ ערשטנ.

— א ראָזעווער, איאָ?—האָט געפרעגט וואריעלע, ווארפנדיק זיכ לויפנ,—מיט שווארצע סטענגעס?

אונ ניט דערווארטנדיק זיכ אפ קיינ ענטפער, האָט זי זיכ מיט אלע קויכעס געלאָזט לויפנ צומ טאטנ.

די אפריקאנער אפּ אוקראַינע

ווי געפעלט עס אײַך? אַט זעט: צוויי פינגער אפּ דער גרויסער נאקעטער זויל. לאַנגע, מער פונ א מעטער די לענג, נאקעטע פיס. א קײַלעכיקער אַנגעגאָסענער קערפּער, אונ איבער אים—ווידער אפּ א מעטער די לענג—א דאַרער לאַנגער האלדז. אונ ערשט דאָרט, אפּ דער הייך פונ העכער צוויי מעטער—א קאָפּ מיט גרויסע באקנביינער, מיט אויסגעגלאָצטע אויגנ.

ער דרייט זיך פאמעלעך אויס אונ פינטלט מיט די אויגנ. אפנ שטערנ, ווו אלע האָבנ געוויינלעכ קנייטשנ, סטאָרטשענ בא אים פיר האָר, אונ דאָס קאָפּ־שײַטל (דער מיט קאָפּ), ווו עס דארפנ וואקסנ האָר, איז בא אים, פארקערט, א הוילס, א פליכעוואטס.

ער איז א הויכער, אנ ערנסטער אונ שווײַגנדיקער. איר מיינט, א קעמל, א יאָ? ניינ. א פויגל איז עס. אנ עמעסער פויגל, מיט פעדערנ, מיט א שנאָבל אונ מיט אנ עק. הייסנ הייסט ער—דער אפריקאנישער שטרויס.

דער פויגל שפּאנט היג אונ צוריק איבערנ געשטאל, פארלייגט די פליגל אפנ רוקנ, אונ טראכט וועגנ עפּעס, ווי אנ אלטער פּראָפעסער טראכט אונ פינטלט מיט די רויטע וויִעס. דער געשטאל איז די גרייס פונ א ראכוועסדיקנ צימער, אָבער אונדזער פויגל איז אינ אים ענג.

רעכטס אונ לינקס זיינענ פאראנ נאָך געשטאלנ. אינ זיי שפּאצירנ אויך ארומ גאנצע טעג פארטראכטע פּראָפעסאָרנ.

— אויספּייגערנ זאָלט איר אלע—ורטשעט אפּ זיי דער אלטער אר־

בעטער סאָראָטשקאָ.—פון גאנצפרי ביז נאכט הוידעט עס אייך, ווי עפּעס אפּ א דאמפּער. גיט א קוק, ווי זיי האלטן עס אין איין ארומגיין. עס גלוסט זיך מאמעש ברעכן.

יעדן טאָג טייַנעט אזוי סאָראָטשקאָ צו די שטרויסן. זיי רוקן ארויס זייערע קעפּ דורך די שטאַכעטן פונעם געשטאל, שווייַגן און פינטלען מיט די אויגן, ווי זיי זאָלן פילן, אַ סאָראָטשקאָ איז גערעכט.

— נו, וואָס האָט איר אויסגעגלאָצט די אויגן? די קינדער אייַערע וועלן זיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. א קיש אפּ די ערטער! לייגט זיך אוועק אָן א זייַט און ליגט!

סאָראָטשקאָ שמועסט מיט די שטרויסן זייער שטרענג. פונדערזייַט קאָן מען מיינען, אז ער קאָן זיי ניט אריבערטראָגן. אָבער דאָס איז ניט אזוי. יעדן שטרויס האָט ער געניאנטשעט און אויסגעכאָוועט. ער האָט זיי שטארק ליב, זאָרגט וועגן זיי שטענדיק און אפילו באנאכט זעט ער זיי אין כאָלעם.

היינטיקן ווינטער האָט סאָראָטשקאָ באזונדערע גרויסע זאָרגן גע־האט מיט זיי. די שטרויס־אייער האָט מען אוועקגעלייגט אינעם אינקור־באטער סאָפּ זומער. אין פינפונפערציק טעג ארום האָבן זיך פון זיי אויס־געפּיקט פיר שטרויסעלעך־שפּעטלינגען. זיי האָבן נאָך ניט באוויזן אונ־טערוואקסן, און עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פרעסט.

סאָראָטשקאָ האָט זיי פארביטן די שטרויסעכע. אָבער ער האָט דאָך ניט קיין ברייטע ווארעמע פליגל, און ער האָט דאָך אויך ניט געקאָנט, ווי די שטרויסעכע, אזוי איועקזעצן זיך אפּ דער ערד, ער זאָל מיט זיין ווארעמען קערפּער מיטאמאָל פארדעקן דאָס גאנצע געזינדל.

די פיר לאנגפיסיקע דערפרוירענע שטרויסלעך האָבן זיך געטוליעט צו אים און האָבן געציטערט. ער האָט זיי צוגעדעקט מיט זיין פוטער, האָט זיי געוואָרעמט די נאקעטע פיס און געהאלטן אין איין לויפן צום טעכניקער סטראוס איוואניטש און פאָדערן, מע זאָל דעם שטרויס־שטאל בעסער באהייצן. און סטראוס איוואניטש איז געלאָפן צו פאוועל פעדאָטיטשן.

קיין הייצונג האָט דאָס יאָר ניט געקלעקט. עס איז אויסגעקומען אַזוי צו טיילן די הייצונג, עס זאָל קלעקן פאַר אַלעמען. פּאַוועל פעדאָ־טיטש האָט זיך שטאַרק געקראַצט אין דער פּאָטיליצע, אָבער האַלץ איז אין דער פּאָטיליצע אויך, ווייזט אויס, געווען ניט זייער קיין סאַך.

די שטרויסלעך האָבן ניט אויפגעהערט צו פרירן.

סאָראָטשקאָ און סטראַוס איוואַניטש האָבן זיי איבערגעפירט אין אַ זוניקן צימער און האָבן זיך ווייטער פאַרטראַכט. און וויבאַלד זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן איינער און דערזעלביקער זאַך, מעגט איר שוין זיין זיכער, זיי וועלן שוין צוטראַכטן עפּעס גוטס.

יאַסלעס פאַר שטרויסעלעך

סאָראָטשקאָ איז אַריינגעגאַנגען צו די שטרויסלעך. אַפן דיל האָט זיך געוואַלגערט דער אונטערבעט פון שטרוי. עס איז געשטאַנען אַ קאָ־רעטע מיט ריינער וואַסער און אַ צווייטע קאָרעטע אַ ליידיקע.

אינעם ווינקל פונעם צימער איז געהאַנגען דאָס, וואָס עס האָבן צו־געטראַכט סאָראָטשקאָ און סטראַוס איוואַניטש. דאָס איז געווען אַ גרוי־סער עטערניטענער קאָלפּעק, אַזאַ, וואָס מע אָרדנט צומאָל איין איבער פּליטעס, קעדיי אַרויסציִען דעם טשאַד.

דער קאָלפּעק איז געהאַנגען אַן ערך אַף דריי פערטל מעטער פון דער ערד, און צו אים איז געווען צוגעגייט אַ קליידל פון ווילעק. דער פלאַץ אונטערן קאָלפּעק איז אויך געווען צוגעדעקט מיט ווילעק. פון אונטער דעם קליידל האָבן אַרויסגעקוקט די הוילע פיאַטקעס פון די שטרויסלעך, די קורצינקע עקלעך, און עס האָט זיך געהערט, ווי די שטרויסלעך מאַכן שלעפּערדיק: טרל... טררררל...

די שטרויסלעך זיינען גאַנצע טעג געזעסן אונטער זייער קליידל און האָבן אַליין, מיט זייערע אייגענע הייסע קערפּערס, אַזוי שטאַרק אָנגעוואַרעמט די לופט אונטערן קאָלפּעק, אַז דאָרט איז געווען הייס, ווי אין אַ באָד.

סאָראָטשקאָ איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. אַף איין שטרויסל, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן קאָלפּעק, האָט ער אָנגעצויגן דעם עק פונעם קליידל און, ווי שטענדיק, האָט ער א בורטשע געטאָן אַף די שטרויסלעך. צו די דערוואַקסענע שטרויסן האָט ער געהאַט א טײַנע, וואָס זיי גייען א גאַנצן טאָג אַרום, און מיט די קליינע איז ער געווען ניט צופרידן פאַר עפּעס אַנדערש:

— אַנו, איר! וואָס זיצט איר א גאַנצן טאָג? שפּאַצירן דאַרף מען. איר זעט, וואָס פאַר א פריילעכע די זון איז. פרילינג קומט אָן, און איר זיצט אַלץ אונטערן קליידל, עפּעס ווי ראַכיטיקער. אָט וועלן מיר צונעמען בײַ אײַך דעם קאָלפּעק, וועט איר דעמאָלט וויסן.

סאָראָטשקאָ האָט איבערגעטרייסלט אַפן דיל די שטרוי און האָט אונטערגעהודזשעט אונטער דער נאָז. די שטרויסלעך האָבן געשוויגן, ווי זיי זאָלן זיך שעמען, וואָס זיי פּירן זיך שלעכט אוף. זיי האָבן זיך שטילערהייט געדרייט און ביגבייווע אַרויסגעקוקט פון אונטערן קליידל.

עס איז געווען מיטעק־צײַט. סאָראָטשקאָ האָט פון די געשטאַלן צוגענומען די ליידיקע קאָרעטעס, האָט זיי פאַנאַנדערגעשטעלט אַפן טיש אין קאַמער און האָט אָנגעהויבן אויסצוּוואַשן שפּײַז.

פאַר די דערוואַקסענע שטרויסן איז געווען באַשטימט צעדריבלטע קערנער, געהאַקט הײַ און שטיקלעך גאָרטנוואַרג. פאַר די קליינע האָט מען נאָך צוגעגעבן צעמאָלטע ביינער און געהאַקט פלייש.

ווען סאָראָטשקאָ האָט אָנגעפולט אַלע קאָרעטעס, האָט ער די פאַרגרייטע מאַטאָנעס פאַנאַנדערגעטראָגן איבער די געשטאַלן. און די גרעסטע קאָרעטע האָט ער וואָרטשנדיק אוועקגעטראָגן צו זיינע „קליינע".

די שטרויסלעך האָבן, קאָנטיק, די גאַנצע צײַט נאָכגעפּאָרשט נאָך אים. ווי נאָר ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס עסן אַפן דיל, האָבן זיי זיך גלייך א ריר געטאָן און זיינען אַרויסגעקראָכן פון אונטערן קאָלפּעק.

די פּיס זיינען בײַ זיי איינגעשלאָפן געוואָרן פון זיצן אָן באַוועגונג. זיי האָבן זיי אויסגעצויגן, און די פּיס־געלענקן האָבן געקנאַקט. דערנאָך זיינען זיי צוגעגאַנגען און האָבן אָנגעהויבן אין אײַלעניש צו שלינגען

פון דער קאָרעטע. פון אײַלעניש און זשעדנעקייט האָבן זיי זיך געוואָרגן און האָבן פון צײַט צו צײַט די מײַלער צעעפנט. אַף זייערע נאַקעטע העלדזער האָט זיך אַמאָל אַף דער רעכטער זייט, אַמאָל אַף דער לינקער אויפגעבלאָזן אַ פּוכיר. דאָס האָט זיך דאָס עסן אַראָפּגעלאָזט דורכן שפּײַז־קאַנאַל אינעם מאָגן אַרײַן.

ווען די שטרויסלעך האָבן אָפּגעגעסן און זיך אָנגעטרונקען, האָט זיי סאָראָטשקאָ געצווונגען אַביסל דורכלויפן זיך. „גרעמדושקעס" האָט ער אויסגעשמירט דעם קראַנקן פינגער מיט אַ זאַלב. אין יעם מאָמענט האָט אים דאָס צווייטע שטרויסל אַ פּיק געטאָן פונהינטן. סאָראָטשקאָ האָט זיך אַ בייזער אויסגעגלייכט און האָט פּלוצים אַ שמייכל געטאָן. עטוואָס הינקענדיק איז צו אים צוגעגאַנגען „מאַליש"—דאָס קלענסטע פון אַלע שטרויסלעך. „מאַליש" האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף סאָראָטשקען און האָט אָנגעהויבן אויספּיקן דאָס קנעפּל פונעם פּעלצל.

סאָראָטשקאָ האָט זיך ניט געקענט מער בייזערן. ער האָט אַ גלעט געטאָן דאָס שטרויסל אינעם רוקן, אינעם האַלדז, וואָס איז באַדעקט מיט שיטערן פּוך, און דאָס פליכעוואַטע קעפּל מיט די קײַלעכיקע נאַרישע אויגן.

די שטרויסן האָבן אָנגעהויבן הודזשען

סאָף מאַרט איז אין סטעפּ צעגאַנגען דער שניי. די איבערפלי־פייגל—די קאַטשקעס, גענדז, מעוועס—האָבן זיך מענגעסווײַז אָנגעהויבן צונויפפליען קיין אַסקאַניע. אַף די הויכע בערגלעך האָבן זיך געצויגן צו דער זון די גראָזן, די טולפּאַנעס. די גרײַקן און די טורעם־פאַלקן („סאָקאָל") האָבן מיט אַ געשריי פאַרכאַפּט פרעמדע נעסטן. דער שטאַר אינעם פערד־שטאַל האָט געסווישטשעט, געמיאַווקעט און געהירזשעט, ווי אַ לאָשיקל. אַלע, וואָס האָבן געהערט דאָסדאָזיקע הירזשען, האָבן געלאַכט און האָבן דערפילט דעם אָנקומענדיקן פרילינג.

און די שטרויסן אינעם שטרויס־שטאַל האָבן אָנגעהויבן צו הודזשען. זיי זײַנען שוין מער ניט אומגעגאַנגען איבער די געשטאַלן פאַר־

טראַכטע, ווי אַלטע פּראָפעסאָרן. איצט האָבן זיי זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי טיגערס. זיי קערן זיך שטורמיש אויס און קלאַפּן מיט די פליגל.

די נאַקעטע העלדזער און פיס, אַזעלכע בלאָווע און טרויעריקע אום ווינטער, האָבן איצטערט זיך געלויכטן ווי פײַער. העל־רויטע פון אומגעדולד האָבן די פייגל אויסגעצויגן, לאַנג און הויך געהודזשעט, ווי א ביק זאָל מרוקען אין א ליידיקער רוישיקער פאַס.

— זיי הודזשען—פּלעגן זאָגן די אַרבעטער.

— די שטרויסן האָבן אָנגעהויבן הודזשען—האָבן זיך געטרייט די מענטשן אינעם אַנטילאָפּניק.

— זיי הודזשען, זיי הודזשען—האָט מען געשמייכלט אינעם זאָאָפּאַרק.—פרילינג איז געקומען. מע דאַרף צוגרייטן און אָפּרייניקן די הויפלעך.

סאָראָטשקאָ מיט זיין געהילפן האָבן גאַנצע טעג געאַרבעט אין די הויפלעך. די מענטשן האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער אומרויִקייט און אומגעדולד פון די שטרויסן. זיי האָבן ניט גענומען קיין אַרויסגאַנגטעג, האָבן געאַרבעט אָן אָפּרו.

— אָט וועלן מיר אַרויסלאָזן די שטרויסן אין סטעפּ, דעמאָלט וועלן מיר שוין אויך אָפּרוען—האָבן זיי געזאָגט דעם טעכניקער סטראַוס איוואַניטשן.

איינמאָל אָבער האָט סאָראָטשקאָ אַפּ א גאַנצן טאָג אוועקגעוואָרפן די הויפלעך. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די געשטאַלן און האָט דערזען, אַז גערמאַנקע, די בעסטע שטרויסעכע, איז עפּעס אומעטיק געוואָרן. אַפּ יעדן טריט האָט זי איינגעבויגן די פיס און האָט זיך געלייגט אַפּן דיל מיטן בויך.

סאָראָטשקאָ איז אוועקגעגאַנגען צום דאָקטער, צו פּאַוועל פּעדאָטיטשן, און צום טעכניקער. דער דאָקטער איז אינדערהיים ניט געווען, און פּאַוועל פּעדאָטיטש האָט ניט געהאַט קיין צײַט, ער האָט זיך בלויז באַגרענעצט מיט אַן אייצע, ער האָט געזאָגט: „פּרוווט אַליין". האָט ער באַדאַרפט אַליין מיט סטראַוס איוואַניטשן היילן גערמאַנקען.

זיי האָבן געבראַכט אַנדערהאַלבן צענדליק הינער־אייער, האָבן אין יעדן פון זיי דורכגעשטעקט א לעכעלע און האָבן אָנגעהויבן ארויס־לאָזן פון זיי דאָס ווייַסל און דאָס געלעכל, אַזוי, אַז עס זאָלן בלייַבן הוילע שאָלעכץ.

— אווגוסט איוואַניטש! און טאָמער פּייגערט זי דערפון?—האָט גע־פרעגט סאָראָטשקאָ, ארויסבלאָזנדיק דאָס צענטע היי.

— וויבאַלד פּאוועל פּעדאָטיטש האָט געזאָגט, דאַרף מען פּרוּוון. און גאַראַנטירן, פאַרשטייט זיך, קאָן מען ניט. ביז אונדז האָט זיך דאָך קיי־נער ניט פאַרנומען מיט דער זאַך. דעריבער באַשטייט טאַקע אונדזער אויפ־גאַבע, אַז מיר זאָלן זיך אַלייַן אויסלערנען, און אַנדערע וויַיזן. און ווען מיר זאָלן האָבן א גרייטן האַנט־בוך וועגן דעם, וויאַזוי צו היילן און האָדעווען שטרויסן, דעמאָלט וואָלט דאָך געווען די גרינגסטע זאַך אויס־צוכאָווען זיי.

סאָראָטשקאָ האָט זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צום דייַטשס רייד און האָט אונטערגעבאָמקעט. און ווען אווגוסט איוואַניטש איז אַנט־שוויגן געוואָרן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן מוירע צו האָבן, פּונקט ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט דעם שמועס.

— און טאָמער פּייגערט ... דאָך? וואָס וועלן מיר דאַן טאָן?

— נו, וועלן מיר דעמאָלט ריידן וועגן דעם. און איצט—גיב נאָר אָן, פּרייַנט מייַנער, ריצנייל אין די ליידיקע שאָלעכצן.

זיי האָבן אָנגעגאָסן דעם ריצנייל און האָבן אוועקגעטראָגן די אייער געראַמאַנקעס. דער שטאַרקער בויך־ווייטיק האָט ניט געשטילט די געוויינ־לעכע זשעדנעקייט פון דער שטרויסעכע. ווי שטענדיק, איז זי גרייט גע־ווען אייַנצושלינגען אַלץ, וואָס קומט איר אונטערן שנאָבל, זאָל עס זיין א לעבעדיק הינדעלע, זאָל עס זיין א טויטער אייַזערנער שרויפשטיק.

זי האָט מיט זשעדנעקייט אייַנגעשלונגען דאָס איי. אַפן נאַקעטן האַלדז האָט זיך גלייַך אויפגעבלאָזן און איז אַראָפּגעקראָכן אַפּ אונטן א געשוויר—דאָס איי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דורכן שפּייַז־קאַנאַל.

ווען דאָס איי איז דערגאַנגען ביז דער וואָליע, האָט עס סטראַוס אי־

וואניטש פארהאלטנ מיט דער האנט אונ האָט עס צעקוועטשט—דער ריצנייל האָט זיכ אראָפּגעגאָסנ אינ מאָגנ אריַינ.

אָט אזוי, איינס נאָכנ אנדערנ, האָט גערמאנקע איַינגענומענ אלע פּיפּצנ אייער. ווענ עס איז שוינ גאָרניט געבליבנ, האָט זי א קוק געטאָנ צו סטראוס איוואניטשנ אינ קעשעניע, האָט נא אימ ארויסגעשלעפּט דאָס אלטע ביַיטעלע אונ האָט עס שוינ אויכ איַינגענומענ.

— א מיעסער באלכיַי דו ביסט,—האָט געזאָגט דער אופגערעגטער דיַיטש.—מע היילט דיכ, מע סטארעט זיכ, אונ דו כוליגאנעוועסט. דאָרט איז דאָכ געווענ צוויי רובל געלט. ווער וועט זיי מיר איצט אומקערנ?

אינ צוויי טעג ארומ האָט גערמאנקע ארומגעשפּאצירט איבערנ געשטאל א געזונטע, ווי זי זאָל גאָרניט געווענ זיַינ קראנק. וויַיזט אויס, דער ריצנייל אונ דאָס ביַיטעלע האָבנ גלענצנדיק געווירקט. סטראוס איוואניטש האָט פארצייכנט בא זיכ אינ ביכעלע: „א דערוואקסענעמ שטרויס דארפ מענ געבנ ריצנייל מיטאמאָל א גאנצע פלאש”.

ווענ גערמאנקע האָט זיכ פאריכט, זיינענ שוינ די הויפּלעכ געווענ פּארטיק. סאָראָטשקאָ אונ סטראוס איוואניטש האָבנ זיכ געזעגנ מיט פּאפּארטיק... ווען פעדאָטיטשנ אונ האָבנ זיכ צוגויפגערעדט אפ מאָרגנ ארויסלאָזנ די שטרויסנ אינ סטעפּ.

ריזנ־קאָטליעטנ פונעמ שטרויסל „מאליש”

דער פרימאָרגנ איז געווענ א זעלטנ שיינער, אזויווי מע וואָלט אימ ספּעציעל באשטעלט: א קלאָרער, מיט א בלויענ הימל, מיט א ליַיכט ווינטעלע.

די יונגע שטרויסלעכ האָבנ שוינ פונלאנג פארגעסנ וועגנ זייער קליידל פונ ווילעק. זיי האָבנ זיכ ארויסגערוקט פונעמ פענצטער, האָבנ געקוקט אפ סאָראָטשקענ אפנ הויפ, האָבנ געקוקט אפנ בלויענ הימל, אפ די בושעלנ אונ אפ די ברעג־שוואלבנ („סטריזש”), וואָס אפנ דאכ, האָבנ ארויסגעגעבנ פריידיקע טרעלנ אונ האָבנ פונ ציַיט צו ציַיט אונטערגעשפּרונגענ אפ א האלבנ מעטער אינדערהייכ.

פאוועל פעדאָטיטש האָט געבראַכט צו פירן אינעם שטרויס־שטאל דעם רעכענונגפֿירערס טאָכטער, לענעו.

— אָט דאָס איז, אווגוסט איוואַניטש, לענע. זי וועט אייך העלפֿן אָפּ־צוזוועגן די שטרויס־אייער. צווישן אונדזערע שילער קאָנען מיר זיך צו־קלייַבן אויסגעצייכנטע געהילפֿן. איר מיט סאָראָטשקען קוקט זיך צו צו איר אַרבעט, און זי וועט זיך בא אייך לערנען.

לענע האָט זיך געסטאַרעט מאַכן אַזאַ פּאָנעם, ווי זי וואָלט שוין זייַן אַסאַך עלטער פון צען יאָר, אָבער דאָס פּאָנעם איז זיך אַזוי צעשוווּמען, אַז זי האָט נאָך אויסגעזען ייִנגער פון אַכט יאָר.

די ערשטע האָט מען אָנגעהויבן אַרויסלאָזן די שטרויסלעך. דאָס לאַנגע פרייַע הויפל האָט מען פאַר זיי באַשאָטן מיט זאַמד, אַלץ איז גע־וועגן פאַרויס צוגעגרייט און צוגעפּאַסט. אָבער די מענטשן זייַנען דאָך, קאָנטיק, געווען אויפגערעגט. דער שטרויס איז א נארישער, שטיפערי־שער פויגל, מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן פריִער, וואָס מיט אים וועט זיך טרעפֿן.

פאוועל פעדאָטיטש האָט אליין באַטראַכט דאָס הויפל, די שוועל אי־בעם שטרויס־שטאל און האָט געהייסן שטילערהייט עפענען די טירן.

ווען דער ווינט און די זון האָבן זיך אַרייַנגעריסן אינעם צימער אַרייַן, האָבן זיך די שטרויסלעך אין ערשטן מאָמענט אַזויווי דערשראָקן אַביסל, זיי האָבן זיך צונויפגעפּרעסט אין א קופּע און, שטייענדיק אף איין אָרט, האָבן זיי אויסגעצויגן פאָרויס די העלדזער, ווי זיי וואָלטן פרווון: אַנו, וואָספערע איז זי, די זון? די מענטשן האָבן פאָרזיכטיק א טרייַב געטאָן די שטרויסן צום אַרויסגאַנג.

„מאַלישׁ" האָט דער ערשטער אַריבערגעשפאַנט די שוועל. ער טרעט זייער ניט זיכער אפן געלן זאַמד—געמאַכט א טריט, א צווייטן, א דריטן. אָט איז ער שוין אינמיטן הויפל. ניטאָ מער די ענגע און האַרטע ווענט. אָנשטאָט דעם שמוציקן דאַך הענגט איבער אים דער הויכער בלויער הימל. אַרום און אַרום—פרישע, לייַכטע לופט, עס שפּאַרט פון איר אין די לונגען און עס דרייט זיך דער קאָפּ. און דעריקער—די זון, אוי, וויפל

הייסע בלענדנדיקע זונ עס האָט זיכ מיטאמאָל אויסגעגאָסנ אפנ קליי־ נינקנ שטרויסל!

אָט איז עס טאקע פארשיקערט געוואָרנ. אָט זעט—פלוציס, מיר ניט, דיר ניט, גיט עס זיכ א ריס און לויפט, לויפט אָנ אנ אָטעמ. די פיס זיינענ בא דעמ נאָכ שוואכע, פונעמ זיצנ א פארשלאָסנס. זיי גליטשנ זיכ, בויגנ זיכ ארונטער, און דאָס שטרויסל טראָגט זיכ. א לאנגפיסיקס, א שטורמישס, לויפט עס אלצ שטארקער און שטארקער.

די מענטשנ האָבנ זיכ דערשראָקנ. זיי לאָזנ זיכ לענגויס דער נעצ, ווילנ עס פארהאלטנ, אָבער צי קענ דענ עמעצער דעריאָגנ א שטרויס, וואָס טראָגט זיכ מיטנ גאנצנ אימפעט?

אנטקעגנ שטייענ די אייזערנע גראטעס, נאָר דאָס מעשוגענע שטרויסל זעט זיי ניט. און אפילע עס זאָל זיי יאָ דערזענ,—אלציינס, איצט וואָלט עס זיכ שוינ ניט קאָנענ אָפשטעלנ.

און אזוי האָט עס זיכ, דאָס אומגליקלעכע, נארישע שטרויסל, מיט דער גאנצער קראפט א קלאפ געטאָנ אָנ די גראטעס.

ווענ די מענטשנ זיינענ צוגעלאָפנ, האָט עס שוינ געהאלטנ איינ־ גאנצנ באמ אויסגיינ. די ברוסט איז בא דעמ איינגאנצנ צעקלאפט געווענ, ביידע פיס איבערגעבראָכנ. עס האָט זיכ שוינ אפילע ניט גערירט. בלויז דער קאָפ אפנ דינינקנ האלדז האָט זיכ נאָכ אויסגעבויגנ און האָט זיכ באוועגט איבער דער ערד, ווי עס וואָלט וועלנ צומ לעצטנ מאָל צו־ טוליענ זיכ צו איר, א גלעט געבנ זי, אָט די פריילעכע פריילינגדיקע ערד.

לענע האָט אפגיכ, קיינער זאָל ניט זענ, אויסגעווישט די טרערנ. אווגוסט איוואניטש האָט ווי אנ עמעסער שטרויס זיכ געפאטשט מיט די לאנגע הענט איבער די זייטנ. סאָראָטשקאָ האָט זיכ אָנגעכמורעט, ווי עמע־ צער וואָלט שולדיק געווענ אינעמ טויט פונ זיינ ליבלינג. פאוועל פעדאָ־ ריטש איז געקומענ צו זיכ פריער פונ אלע אנדערע.

— נו, פריינט,—האָט ער געזאָגט,—לאָמיר זיכ נעמענ צו דער ארבעט. דאָרטנ וואַרטנ נאָכ דריי שטרויסנ. די דערוואקסענע דארפ מענ אויכ ארויסלאָזנ. וואָס וויטער, ווארפנ זיי זיכ אלצ מער איבער די געשטאלנ,

אלצ וווילדער אונ ווילדער. סאָראָטשקאָ, גיי נאָר רופ בערנאַצקינ. „מאַלישנ" טראָגט אָפּ אינעמ פּאלמעס־צימער, זאָל מענ אימ דאָרטנ אויסמעסטנ. דעמ דאָקטער יאָסיפּ קאַספּעראָוויטשנ זאָגט, ער זאָל עס באַטראַכטנ אונ צונויפשטעלנ אנ אַקט. אונ דערנאָכ... דערנאָכ גיט אָפּ דאָס שטרויסל אינ קיכ אַריינ; זאָגט, אַז דער קוכער זאָל פונ דעמ מאכנ א פּריקאַסע... ליאָנ אונ קאָטליעטנ.

נאָכנ אומגליק־מיט „מאַלישנ" האָבנ די מענטשנ נאָכ פּאָרזיכטיקער אונ זאָרגזאַמער ארויסגעלאָזט די איבעריקע שטרויסלעכ. זיי האָבנ זיי ארומגענומענ פאַרנ האַלדז, האָבנ זיי ארויסגעפירט אפּנ הויפּל, האָבנ זיי באַגלייט ביז די גראַטעס אונ ערשט דאָרטנ האָבנ זיי זיי אָפּגעלאָזט.

איצט האָבנ די שטרויסלעכ ניט געהאַט קיינ אָרט אפּ צעיאָגנ זיכ, אונ זיי האָבנ ניט געקאָנט זיכ לאָזנ לויפנ אזוי גיכ, אַז זיי זאָלנ זיכ אפּ טויט צעקלאַפּנ אָנ די גראַטעס. כוצדעמ האָבנ די מענטשנ, אפּ יעדנ פאַל, צוגעשטויסנ אַלע דריי שטרויסלעכ מיט די קעפּ צומ אייזערנעמ דראָט, אזוי, אַז זיי זאָלנ גוט וויסנ, מיט וואָס דאָס שמעקט.

די שטרויסלעכ האָבנ פּונקט אזוי־ווי „מאַליש" אַרייַנגעאָטעמט אינ זיכ די פּרילינגדיקע לופט אונ איינגעזאַפּט הייסע זונ. דערנאָכ האָבנ זיי זיכ אָנגעהויבנ יאָגנ פונ איינ עק הויפּל צומ אנדערנ.

ווענ זיי זיינענ זיכ אָנגעלאָפנ אונ האָבנ זיכ אָנגעשפּילט אינ דער נייַער פרייַער דירע, האָבנ זיי זיכ אוועקגעלייגט אפּנ ווארעמענ זאַמד, האָבנ זיכ אייַנגעגראָבנ אינ אימ מיט די פיס אונ האָבנ זיכ גענומענ רייניקנ די פּעדערנ.

— נו, די יונגע האָבנ זיכ אייַנגעאָרדנט—האָט געזאָגט פּאַוועל פּעדאָטיטש.—האָדעווועט זיי הייַנט בעסער אָנ. זיי זיינענ אסאַכ געלאָפנ, האָבנ אסאַכ געאָטעמט מיט פרישער לופט, דאַרפנ זיי אויכ מער עסנ. אונ איצט לאָמיר ארויסלאָזנ די דערוואַקסענע.

עס איז שוינ געווענ עלפ אזייגער. די זונ האָט געבריט, ווי ווּמער. איינע נאָכ דער אנדערער האָבנ זיכ געעפנט די אויסערלעכע טירנ פונ די געשטאַלנ. די אָנגעבלאָזענע רויטע שטרויסנ האָבנ בייז געהודזשעט,

ווי זיי וואָלטן זיך זידלען דערפאר, וואָס מע פארהאלט זיי, אונ זיינען ארויסגעגאנגען אינ די באזונדערע הויפלעך.

דאָ, אונטערנ הימל אונ זונ, האָבנ זיי זיך נאָך מער צעפלאמט אונ האָבנ נאָך מיט מער אומגעדולד אָנגעהויבנ ארומפאָכען זיך מיט די פליגל.

די שטרויסנ־„ערנ" אינ זייערע גלאנצנדיקע שווארצע אָנצוגנ מיט די ווייסע שפּיצנ פונוגטנ האָבנ זיך גיך באוועגט איבער די הויפלעך. זיי האָבנ געמאכט גוואלדיק גרויסע מעטערדיקע טריט אונ האָבנ זיך אזוי מיטאמאָל ארויסגעדרייט, אז מענטשנ האָבנ זיך יעדעס מאָל געוווּנדערט,— פארוואָס פאלנ זיי ניט?

אונ די שטרויסעכעס אינ זייערע באשיידענע גרויע קליידעלעך זיינענ גיך געלאָפנ, האָבנ זיך פונ צייט צו צייט נידעריק אראָפּגעלאָזט צו דער ערד אונ האָבנ אויך געפאָכעט מיט די גרויע ארבל.

נאָר, ווענ זיי האָבנ דורך דער נעצ געקוקט אפ די ארויסגעפראנטע־ווע שטרויסנ, פלעגנ זיי פארגליווערט ווערנ אפנ אָרט, האָבנ זיך שטארק ארויסגעצויגנ פאָרויס אונ האָבנ זיך אפילע פונ אנטציקונג גע־שטעלט אפ די שפּיצ פינגער.

— זעט, זעט—האָבנ, דוכט זיך, געזאָגט זייערע ארויסגעגלאָצטע אויגנ.—זעט נאָר ס׳ארא שיינהייט. ניינ, דאָס זיינענ ניט קיינ שטרויסנ. א לעבעדיקער נעפעש קאָנ ניט זיינ אזוי ארויסגעפוצט אונ פרעכטיק. דאָס זיינענ פרעכטיקע בלומענ פונ אונדזער ווונדערבארנ היימלאנד—פונ סאָמאלי.

ווענ די שטרויסנ זיינענ זיך גענוג אָנגעלאָפנ איבער די הויפלעך, אונ די מענטשנ האָבנ זיך איבערצייגט, אז קיינער פונ זיי הינקט ניט אונ פילט זיך ניט שלעכט, האָט מענ זיי געגעבנ עסנ. זיי האָבנ אינ איילעניש געשלונגענ די שפּייז פונ די קאָרעטעס, האָבנ זיי צעוואָרפנ אינ די זייטנ, אונ אליינ האָבנ זיי אלצ געקוקט איינער אפנ אנדערנ דורך דער נעצ.

— איצט וואָלט מענ זיי שוינ געקאָנט אָפּלאָזנ גלייך אינ סטעפּ— האָט געזאָגט פאוועל פעדאָטיטש.—אָבער מיר האָט זיך עפּעס פאר־וואָלט עסנ.

אין דעמ מאָמענט האָט אָנגעהויבנ רעווענ דער הודאָק צומ מיטעק.

— זאָלנ זיי דאָ דערווײַל אביסל ארומגיינ, אונ מיר וועלנ גיינ אָפּ־עסנ מיטעק. אגעוו, דארפ באַ אונדז הײַנט זיינ ניט קיינ שלעכטער מיטעק.

אינ דער גאָרקינ איז שוינ געווענ א גרויסער אוילעמ. באַמ ארײַנגאנג, אפ דער טיר, איז געהאנגענ דאָס מיטעק־קארטל. אפנ קארטל איז געווענ אָנגעשריבנ:

בוליאָנ פונ א יונגנ שטרויס	25 קאָפּ.
זופּ מיט פארפל פינ א יונגנ שטרויס	30 „
קאָטליעטנ פונ שטרויס־[illegible]יש מיט קארטאָפל	40 „
שטרויס געבראָטענער	50 „
ראגו פונ דרויב פינ א יונגנ שטרויס	60 „

די טוערס פונעמ אינסטיטוט, וועלכ[illegible] זיינענ ארומגעלאָפנ איבערנ יישעוו צוליב פארשיידענע איניאָנימ, האָבנ נאָכ פריער באוויזנ איבערצולייענענ דאָס מיטעק־צעטל אונ צו דערציילנ יענע, וועלכע האָבנ עס אליינ ניט געלייענט. ווי נאָר עס האָט אפ דער עלעקטראָסטאנציע א הודזשע געטאָנ די טרויב, האָבנ זיכ אלע אָנגעהויבנ אײַלנ צו דער גאָרקיכ. אינ פופצנ מינוט איז שוינ דאָרט ניט געבליבנ קיינ איינ פרײַ טישל.

פאוועל פעדאָטיטשנ האָט מענ באגעגנט מיט צופרידענע אויסגעשרייענ:

— נו, איז עס א שטרויסל. א גלענצנדיקער געריכט!

— פאוועל פעדאָטיטש, אנו, פארזוכט. מיר איז אָנגעקומענ דער פּיק.—די פינגער וועט איר ארומלעקנ.

אפ די טישנ זיינענ געשטאנענ טעלערס מיט זופּ, מיט געבראָטענס אונ קאָטליעטנ. דער קוכער האָט ניט געקארגט אונ האָט די קאָטליעטנ געמאכט די גרייס פונ א דאָלאָניע. זיי האָבנ זיכ גערויטלט צווישנ דעמ געלנ קארטאָפל אונ האָבנ געשמאק געגלאנצט פונעמ פעטס.

ווענ עס האָבנ זיכ באפרײַט ערטער, אונ די בלינקע אָפיציאנטקע האָט

צוגעטראָגנ פילע טעלער איכ פאר אונדזערע שטרויסלערס, איז אפילע דער פארכמורעטער סאָראָטשקאָ פריילעכער געוואָרנ. ער האָט פארגעסנ וועגנ זיינ ליבלינג „מאלישנ". פאר אימ איז פּאָשעט געשטאנענ „דרויב פונ א יונגנ שטרויס", וואָס האָט אזוי גוט געשמעקט. האָט ער זיכ באַוואָפנט מיט א גאָפּל אונ האָט זיכ גענומענ פלייסיק צו דער ארבעט.

— העריט!—האָט פלוצימ אויסגעשריגנ איינער אנ אָנגעשטעלטער.— איר האָט דאָכ אונדז אָפּגענארט. איכ פארשטיי ניט. עס איז דאָכ בלויז געווענ איינ שטרויסל, ווי אזוי־זשע האָט איר באוויזנ אָנצוהאָדעווענ אזא מענגע מענטשנ?

— גאָר פּאָשעט,—האָט געענטפערט פּאוועל פעדאָטיטש.—„מאליש" האָט געוויגנ דריי פוד.

אלע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ וווּנדערנ:

— דריי פוד א זעקסכאדאָשימדיק הינדל, וואָס מע האָט ניט ספּעציעל געהאָדעוועט!—עס קומט אויס, אז שטרויסנ, קאָנ מענ זאָגנ, לוינט בעסער אויסצוכאָוועוו, איידער כאזיירימ.

מעשוגענע טענצערס

איבערגעכאפּט ווי עס דארפ צו זיינ מיט יונגע שמרויס־פלייש, האָט פּאוועל פעדאָטיטש איניינעמ מיט זיינע כאוויירימ זיכ געלאָזט צו די דערוואקסענע שטרויסנ.

די שטרויסנ זיינענ אויסערגעוויינלעכ אופגערעגט געווענ. זיי האָבנ זיכ געוואָרפנ איבער די הויפלעכ אינ אלע זייטנ, האָבנ זיכ מיט אימפּעט אויסגעדרייט, זיכ געהוידעט, געפּאָכעט מיט די פליגל.

ווענ מע האָט געקוקט אפ זיי, האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז די גאנצע ערד הוידעט זיכ אונטער די פיס, ווי דער דעק פונ א דאמפער.

פּאוועל פעדאָטיטש מיט לענע האָבנ זיכ באהאלטנ הינטער דער פּאָרטקע, אונ דער דייטש מיט סאָראָטשקענ האָבנ אָנגעהויבנ ארויסטרייבנ די שטרויסנ פונ די הויפלעכ.

דֵי ערשטע אײז
ארויסגעלאָפּג
גערמאנקע

די ערשטע איז ארויסגעלאָפן גערמאנקע. מיט איר ביז די קליבעס נאקעטע פיס האָט זי זיך אָפּגעשטויסן פון דער ערד, אופגעהויבן ביידע פליגל, ווי א טענצערן דאָס קליידעלע, און האָט זיך שוועבנדיק געלאָזט לויפן אין סטעפּ.

נאָך איר איז אָפּגעלאָפן „די הויכע". ווי נאָר זי איז צוגעלאָפן צו גערמאנקען, האָבן זיי נאָך מער אופגעהויבן די פליגל און האָבן אָנגעהויבן מיט אימפּעט צו וואלסירן.

— זיי טאנצן, זיי טאנצן.—האָט פון איר באהעלטעניש געשריגן לענע.

— שטילער דו, זיי וועלן אנטלויפן—האָט איר שטילערהייט געזאָגט פּאַוועל פעדאָטיטש.—אז דו וועסט שרייען, וועלן זיי דערהערן און וועלן אנטלויפן פון אונדז. דעמאָלט וועלן מיר גאָרניט זען.

— ניין, איר טוט נאָר א קוק, גיט א קוק, פּאַוועל פעדאָטיטש, אזוי ווי זיי וואָלטן הערן מוזיק. אוי, ווי פלינק זיי טאנצן. מאמעש ווי אין טעאטער. אפילע איך וועל אזוי ניט קאָנען.

אינעם סטעפּ, ווו עס בליט דער טולפּאן,
דאָרטן דרייען זיך פויגלען צוויי גרויסע,
אָט—פאָרויס, אָט—צוריק־צו א שפּאן,
אזוי טאנצן זיי פריילעכע, הייסע —
אין די קערפּערס שפּילט זוניקער גלי,
פליגל פאָכען אין ווינטיקן דרויסן.
ווי אין זאמדיקן קאנט סאָמאלי,
האָבן שיקער צעטאנצט זיך די שטרויסן.

גערמאנקע און „די הויכע" האָבן פלייסיק געשטעלט פיס, האָבן זיך געוואָרפן פון איין זייט אין דער אנדערער, האָבן זיך געדרייט מיט אזא אימפּעט, אז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז אָט־אָט גליטשט זיך ארויס פון אונטער זיי די ערד.

זיי האָבן אפילע ניט באמערקט, אז פון די הויפלעך זיינען ארויסגעלאָפן „דער רויטער", סאמום, און די יונגע „ערבן" און „זיען".

די „ערנ״ האָבנ אנדערש געטאנצט, איידער די „זיבנ״, זיי האָבנ זיכ ווייניקער גע רייט. זיי האָבנ מער אונטערגעשפּרונגענ, האָבנ געקלאַפּט מיט די פיס, האָבנ זיכ געטראָגנ פּאָרויס. דערנאָכ האָבנ זיי צעלאָזט די פליגל אנטקעגנ דעמ ווינט און זיכ גערוקט אפ צוריק. שטורמיש און היציק האָבנ זיי געטאנצט דעמ האָפּאַק, און אנ ערעכ ערשט אינ א שאָ ארומ האָבנ זיי דערזענ איינער דעמ אנדערנ.

סאַמוּם און „דער רויטער״ האָבנ גלייכ אופגעהערט טאנצנ. זיי האָבנ זיכ ביידע אָנגעגאָסנ מיט סינע און בייזקייט. די העלדזער און די פיס האָבנ זיכ מיט בלוט אָנגעגאָסנ און זיינענ שטארק רויט געוואָרנ. זיי האָבנ זיכ אויסגעצויגנ גלייכ ווי א סטרונע און האָבנ זיכ אוועקגעשטעלט איינער אנטקעגנ אנדערנ, ווי שטיינערנע.

יעדערער פונ זיי האָט געוואָלט פונדערהייכ א קוק טאָנ אפ זיינ פיינט. דעריבער האָבנ זיי זיכ אויסגעצויגנ אלצ העכער און העכער, ביז־וואנענ די קערפּערס זייערע, וואָס זיינענ ענלעכ געוואָרנ אפ שיפּעלעכ, האָבנ זיכ ניט אוועקגעשטעלט איינגאנצנ גלייכ, קימאַט אינ איינ ליניע מיט די פיס און מיטנ האַלדז. די קעפּ האָבנ זיכ פאריסנ צומ הימל, פונ די האלב־אָפענע מיילער האָבנ ארויסגעסטאָרטשעט די צונגענ, וואָס זיינענ געווענ אָנגעשטרענגט ווי אייזנ.

אָט זיינענ זיי זיכ צונויפגעגאנגענ נעענטער און גענומענ דראָענדיק צו צישנ. די פליגל באַ ביידע אָט הייבנ זיי זיכ אופ, אָט לאָזנ זיי זיכ אראָפּ און פּאטשנ איבער די גלאטע זייטנ: איינס, צוויי! לינקס, רעכטס! פּלוצימ האָבנ זיי זיכ א וואָרפ געטאָנ, האָבנ זיכ צונויפגעשטויסנ מיט די הארטע ברוסטנ, האָבנ אזויארומ געמאכט א קרייז,—און אָט שטייענ זיי שוינ ווידער און צישנ איינער אפנ אנדערנ.

דער שלאכט איז אינ פולנ ברענ. די שטרויסנ האָבנ געלאָזט אינ גאנג די פיס. דער גרויסער נאקעטער, געזונטער פוס גיט זיכ א וואָרפ פאָרויס און מיט א שרעקלעכער קראפט קלאפּט ער אינ דער ברוסט דעמ בלוטיקנ פיינט. אָט דאָס הייסט פייגעלעכ! פונ איינעמ אזא קלאפּ וואָלט אָני־דערגעפאלנ א קעמל, און זיי גיבנ זיכ אפילע ניט קיינ וואקל.

עס איז אויסגעקומען די מענטשן אריינמישן זיך און צעטיילן די שטרויסן־טשערעדע. „דעם רויטן" האט מען אפגעטריבן צו יענער פארטיע, ווו עס האט זיך געפונען גערמאנקע, און סאמומען האט מען אוועקגע־טריבן צו „דער הויכער".

פארלוירן דעם פיינט, האבן זיך די שטרויסן אנגעהויבן פוצן פאר זייערע „זיגן". די העלדזער זייערע זיינען אינגאנצן אופגעשוואלן גע־ווארן פונעם בלוט. זיי האבן נאך העכער געהודזשעט, נאך וואנדערבא־רער געדרייט מיט די קעפ, נאך פארביסענער געפאטשט מיט די פליגל. זייערע לופט־זעקעלעך, אנגעבלאזענע ביזן העכסטן גראד, האבן דערביי געפויקט, ווי באראבאנען.

בום! בום!—האט זיך די גאנצע צייט געהערט אין סטעפ. דאס האבן די שטרויסן געטאנצט ארום די שטרויסעכעס זייער פרילינגדיקן טאנץ און האבן געקלאפט אין די באראבאנען.

וויאזוי „די הויכע" האט געפונען א נייע שפייז

סאמום האט מיט די בארוועסע פיס צונויפגעשארט א קופע זאמד. ער האט זיך אוועקגעזעצט, האט זיך צוגעמאסטן. ער איז אויסגעזעסן א גריבל און האט אפ אלע זייטן געווען פון דאסדאזיקע נעסטל פאר דער שטרויסעכע. זי האט זיך אוועקגעזעצט, האט זיך אויך צוגעמאסטן.

און אט האט אפ דער זון אנגעהויבן בלישטשען א גרויס איי. אין א טאג ארום האט זיך באוויזן א צווייטס, דערנאך א דריטס, א פערטס— און אזוי איז עס אוועק.

ווען די שטרויסן זאלן לעבן אפ דער פריי, וואלט זיך בא דער שטרויסעכע אין נעסט אין צוואנציק טעג ארום, שפעטסטנס אין א כוי־דעש ארום, אנגעקליבן א צענדליק אייער, און זי וואלט זיך אוועקגעזעצט וואַרעמען זיי.

אבער „די הויכע" האט געלעבט צווישן מענטשן, און די זאך איז בא איר גאר אנדערש צוגעגאנגען. עס איז שוין אוועק א גאנצער כוידעש.

עס איז שוינ לאנג ציַיט אוועקצוזעצנ זיכ אפ די אייער. ביידע שטרויסנ פלעגנ צוגיינ צו זייער זאמד־קופּע אונ האָבנ לאנג, לאנג געקוקט אינ דער נעסט. זיי האָבנ, עמעס, ניט געקאָנט ציילנ, נאָר דאָכ האָבנ זיי באַמערקט, אז אייער איז עפּעס פאראנ ווייניק.

אבנ זאמד זיינענ געלעגנ בלויז צוויי אייער. זעצנ זיכ אפ צוויי אייער? „די הויכע" האָט פּאָשעט געפּילט אנ עקל צו אזא זאכ. זי האָט זיכ געסטאַרעט מיט אלע קויכעס, האָט נאָכ צוגעלייגט אונ נאָכ, אונ אייער איז אלצ געוועג בלויז צוויי. רעשט זייבענ ערגעצ פארשווונדנ געוואָרנ.

באטאָג, ווענ די שטרויסנ האָבנ זיכ געפּאשעטשוויַיט פונ דער נעסט, איז פונ צווישנ די קוסטעס ארויסגעקראָכנ א מיידעלע מיט צוויי גראָבינקע צעפּלעכ—לענע. זי פלעגט זאָרגזאמ ארויסנעמענ פונ דער נעסט דאָס פרישע איי אונ אוועקטראָגנ עס אינעמ שטרויס־שטאל.

סאָראָטשקאָ האָט געמאכט א צייכנ אפ דער גראָבער שאָלעכצ אונ האָט דאָס איי ארופגעלייגט אפ דער וואָג. יעדעס מאָל פלעגט די וואָג וויַיזנ אנ ערעכ איינס אונ דאָסזעלבע: צוויי קילאָ.

איינ איי איז געווענ אָנ א שפּראָצל. די שטרויסלערס האָבנ באשלאָסנ מאכנ פונ אימ א פּיַינקוכנ מיט מילכ. האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דערופ דארפ מענ האָבנ צוויי גרויסע סקאָווראָדעס. אונ קעדיי אופּצועסנ אזא גרויסנ פּיַינקוכנ, איז אויסגעקומענ איַינצולאָדנ צענ מענטשנ.

סאָראָטשקאָ מיט לענענ האָבנ אָנגעקליבנ עלפ אייער, פונקט אזוי־פיל, וויפל עס האָט געקאָנט אריַינ־נעמענ דער ביַיער קליינינקער אינקובאטער. סטראוס איוואניטש האָט מער ניט געהייסנ צונעמענ די אייער בא „דער הויכער".

אונ אינ דריַי וואָכנ ארומ האָט די שטרויסעכע זייער א צופרידענע אויסגעפליקט פונעמ בויכ א העלפט

די שטרויסעכע האָט זיכ ארופגעזעצט אפ דער נעסט

פעדערנ, זיי זאָלנ ניט שטערנ צו ווארעמענ די אייער. זי האָט זיכ ארופּ־געזעצט אפ דער נעסט אונ די הויכע פּיס האָט זי אויסגעצויגנ אפ צוריק.

— אָט אזוי—האָט געזאָגט אווגוסט איוואניטש—וועט אינ סטעפּ ווא־רעמענ די אייער די הויכע שטרויסעכע, אונ אינעם שטרויס־שטאל וועט די אייער ווארעמענ די הויכע טעכניק. מירנ זענ, וואָס וועט זיכ דערפונ באקומענ. מיַינע ליבכענ—האָט ער זיכ געווענדט צו לענענ.—אָט לערנ זיכ, וויאזוי מע לאָדט אָנ אנ אינקובאטער.

אינעם אינקובאטער האָט איבער די טריַיבלעכ געפּליסט גליַיכמעסיק הייסע לופט. עלפ קאָלאָסאל גרויסע אייער זייַנענ זיכ פייַנ געלעגנ אפנ ברעטל. פונ ביידע זיַיטנ קאמער זייַנענ געווענ טערמאָמעטערס. זיי האָבנ געוויזנ, אפ וויפל די אייער איז ווארעמ אונ אפ וויפל די לופט איז א טרוקענע.

אינעם צימער זייַנענ געשטאנענ נאָכ פינפ אינקובאטערס. דאָרטנ האָבנ זיכ געווארעמט שוואנענ־אייער, פאזאנענ־אייער, געגנדזענע אונ פארשיידענע אנדערע.

— אווגוסט איוואניטש—האָט לענע געפרעגט.—אונ די שטרויס־אייער דארפנ האָבנ דיזעלביקע ווארעמקייט, ווי די פּאווישע, צי מער?

סטראוס איוואניטש האָט מיט שטאָלצ א קוק געטאָנ אפ זייַנ שילערנ:

— מיַינע ליבכענ, דו האָסט מיר פארגעבנ א וויכטיקע פראגע. אָ, דו וועסט אויסוואקסנ א בארימטע שטרויסלערנ! נעמ אָט יענצ שאכטעלע מיט די טערמאָמעטערס. מירנ גייענ אויסמעסטנ די טעמפעראטור אינ דער נעסט אונטערנ בויכ בא דער שטרויסעכע.

ווענ זיי זייַנענ געקומענ אינ סטעפּ, איז „די הויכע" געלעגנ אפ איר אָרט. די לאנגע פיס אירע האָבנ וויַיט ארויסגעשטאָרטשעט אפ הינטנ. זי האָט געצישט אונ געקנאקט מיט די קינבאקנ אפ אלעמענ, ווער עס איז נאָענט צוגעגאנגענ.

סטראוס איוואניטש האָט איר מיט א פּאָר ווערטער געגעבנ צו פאר־שטיינ. צוליב וואָס ער מיט לענענ ווילנ ארונטערוקנ אונטער איר זעקס

קלייניקע טערמאָמעטערס. „די הויכע" האָט אופגעהערט צו צישנ, האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּנ אונ א פּינטל געטאָנ מיט די אויגנ.

— זי וועט זיכ ניט באַליידיקנ, וואָס מע טשעפּעט איר נעסט?—האָט לענע שטיל געפרעגט.—זי קענ זיכ נאָכ אופהייבנ אונ אינגאנצנ אוועקגייג. מיר האָבנ דאָכ ניט מער קיינ פרייַע אינקובאטער. וועלנ דעמאָלט פארפאלנ גייג די אייער!

— ווי קאָנ עס זיַינ? צי דענ וועלנ די שטרויסנ אוועקוואַרפנ זייער נעסט? דאָס זיינענ דאָכ אזוינע קלוגע פייגל. זעסט... אנ אלטער נאר! דעמ טערמאָמעטער האָב איכ אוועקגעשטעלט, אונ דעמ זייגער האָב איכ פארגעסנ דאָרט אפנ טיש. לענכענ, דו זע, אז זי זאָל ניט אופשטיינ, אונ איכ וועל א לויפ טאָנ נאָכנ זייגער.

פּאָכענדיק מיט די לאנגע הענט, האָט זיכ דער דייַטש געלאָזט לויפנ אינעמ אינקובאטער־צימער. אינ פינפ מינוט ארומ האָט ער שוינ געכאפּט דעמ זייגער אונ איז געלאָפנ צוריק. דאָ איז אימ אנטקעגנ געלאָפנ א פארסאפּעטע לענע:

— גיכער, גיכער. זי האָט זיי אייַנגעשלונגענ, אלע זעקס טערמאָמעטערס.

— עס קאָנ ניט זיינ! דאָנערוועטער! אָ, ס'א נארישער נעפּעש!

— זי האָט זיי ארויסגעשלעפּט פונ אונטער זיכ אונ האָט זיי געשלונגענ. איכ האָב זיי געוואָלט צונעמענ, אָבער אז זי הייבט עס אָנ צו צישנ! האָב איכ זיכ דערשראָקנ... אווגוסט איוואַניטש, זי וועט איצט פייגערנ?

דער דייַטש האָט זיכ געכאפּט פאר די האָר:

— וואָס וועט איצט טראכטנ וועגנ מיר די דירעקציע, פּאוועל פעדאָדיטש? איכ בינ מעכויעוו טייקעפּ געבנ צוּווּיסנ וועגנ דעמ.

— אווגוסט איוואַניטש, איר דערציילט ניט. איר געדענקט, סאָראָטשקאָ האָט געוויגנ קאָטרענ, האָט זי אייַנגעשלונגענ א געוויכטל. אָבער דאָס געוויכטל איז דערנאָכ ארויס, אונ קאָטרענ האָט עס גאָרניט געשאדט. לאָמיר צוּוואַרטנ אביסל, עפּשער וועלנ די טערמאָמעטערס אויכ ניט ברענגענ קיינ שאָדנ.

עס איז געווענ אנ ארויסגאנג־טאָג. אָבער דער אומגליקלעכער דייַטש

האָט ניט געוווּסט פון קיין רו. יעדע האַלבע שאָ איז ער געלאָפן אין סטעפּ און האָט געקוקט אַף דער נעסט. לענע איז אויך געלאָפן מיט אים. זי האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם טעכניקערס אויסגעדאַרט פּאָנעם, אין זײַנע לאַנגע הענט, וואָס האָבן אים אַף אַ האַלבן מעטער אַרויסגעשטאָרטשעט פון די אַרבל, און האָט זיך געשראָקן.

— נו, וואָס, זי איז קראַנק געוואָרן? זי פּייגערט, „די הויכע”?

אַפּדערנאַכט, ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָט זיך די שטרויסעכע אויפגעהויבן, האָט אויסגעצויגן אַפּצוויק איין פוס, דערנאָך דעם צווייטן, האָט זיך אַביסל אַרומגעדרייט אַרום דער נעסט און איז אַוועקגעגאַנגען צופּן גראָז.

לענע האָט מיט אירע אויגן אַליין געזען, וויאַזוי קלוג די שטרויסן האָבן עס צוגעטראַכט: אַ גאַנצן טאָג איז אַף דער נעסט געזעסן „די הויכע”, וואָס איז גרוי געווען ווי דער זאַמד, און צו אָוונט־צו האָט זיך אַוועק־געזעצט סאַמום, דער שוואַרצער ווי די נאַכט.

דער דײַטש האָט געקוקט, ווי עס פּאַשעט זיך די שטרויסעכע, און האָט מיט וווּנדער געשמאַמלט:

— מאָדנע! זי איז, ווײַזט אויס, דערווײַל אינגאַנצן געזונט. זאָל שוין זײַן, איך וועל דערווײַל ביז מאָרגן שווײַגן וועגן דעם.

נאָר אויך מאָרגן און איבערמאָרגן האָט „די הויכע” אויסגעצייכנט געגעסן, געשפּאַצירט און איז זיך איר דזשורסטווע אָפּגעזעסן אַף דער נעסט. סטראַוס איוואַניטש האָט זיך אינגאַנצן באַרויִקט. ער האָט אָנגע־הויבן לאַכן, שפּאַסן, האָט אײַנגיכן צוגעטראַכט, וויאַזוי זאָל ער פונדעסט־וועגן אויסמעסטן די טעמפּעראַטור אין דער נעסט, און „די הויכע” זאָל ניט אויפעסן די טערמאָמעטערס.

ער מיט לענען האָבן צוגעבונדן צו די טערמאָמעטערס לאַנגע שניר־לעך. אַזוי האָבן זיי געהאַלטן די שנירלעך אין די הענט און די טעמפּע־ראַטור פון דער נעסט האָבן זיי אויסגעמאָסטן. דער בויך בײַ דער שטרוי־סעכע האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער אַ הייסער. ער האָט אָנגעוואַרעמט די נעסט ביז פערציק גראַד.

א כוואט איז אונדזער פאָטער!

טאָג אונ נאכט זיינענ די שטרויסנ געזעסנ אפ דער נעסט. טאָג אונ נאכט האָט געפליסט הייסע לופט איבער די טרײַבלעכ פונעם אינקובאטער. די שטרויסעכע אינ דער נעסט האָט איבערגעקײַקלט די אייער מיטנ שנאָבל. דער דײַטש האָט איבערגעקײַקלט די אייער אינעמ אינקובאטער מיט זיינע לאנגע פלינקע פינגער.

אינ א כוידעש ארומ האָבנ זיכ די אייער אליינ אָנגעהויבנ דרייענ אפנ טיש; דאָס האָבנ זיכ אינ זיי געוואָרפנ קליינע שטרויסלעכ. נאָכ איינ א טעג צענ ארומ, ווענ סטראוס איוואניטש האָט איינמאָל אָנגעהויבנ זינגענ דאָס דײַטשישע לידל:

אלעס ניי
מאכט דער מיי...,

האָבנ עס די שטרויסלעכ אינ די אייער דערהערט אונ האָבנ־אונטערגעזונגענ מיט זייערע דינינקע קעלעכלעכ: פי—פי—פי. דער טעכניקער האָט אָנגעהויבנ אָפט צו נעכטיקנ אינעמ אינקובאטער־צימער. באטאָג איז ער אוואדע ניט געווענ אינדערהיימ. זיינ פרוי האָט זיכ באפרײַנדעט מיט פאָוועל פעדאָטיטשעס פרוי, אונ אינאיינעמ האָבנ זיי געזידלט זייערע מענער, אָנרופנדיק זיי „האלב־מעשוגע".

לענע האָט שוינ געהאט אינ שול צוויי „ניטבאפרידיקט". די לערער האָבנ בעשומויפנ ניט געקאָנט באנעמענ, אז אינ סטעפ אונ אינ אינקובאטער דארפנ זיכ אָט־אָט באווײַזנ נײַע שטרויסלעכ.

אונ דאָ האָט זיכ נאָכ געטראָפנ א געשיכטע מיט דיקאָטשקענ. איבער אימ איז שיר־שיר די גאנצע זאכ צונישט געוואָרנ.

דער שטעכל־כאזער („דיקאָאבראז") האָט געוווינט מיט זיינ פרוי אונ מיטנ קליינינקנ דיק אינ א ווינקל ...יזבנ דער נעצ. יעדנ טאָג פלעגט ער גיינ אפנ גאָרטנ גאנויענענ מערנ. דער וועג זיינער איז געלעגנ פונקט לעבנ דעם שטרויס [illegible].

איז אָט, איינמאָל אין אַן אָוונט איז ער געגאַנגען און האָט זיך פֿלו־
צים אָנגעשטויסן אויפֿן שטרויס, וואָס איז געזעסן אויף דער נעסט. סאַמום
האָט דראָענדיק אָנגעהויבן צו צישן. דיק איז, פֿון זיין זייט, געוואָרן קריגע־
ריש געשטימט ... ער האָט אויפֿגעשטעלט זיינע ש[illegible] ...ען און שפּאַרט
גלייך אויף דער נע[illegible] ...ים אים געוו[illegible] ..., האָט ער זיך
שיר ניט צעשטאָכן דאָ[illegible] ...מיט אַ נאָדל.

דיק איז צערייצט געוואָרן ניט אויף קאַטאָוועס. ער האָט זיך אויסגע־
דרייט צום שטרויס מיטן רוקן און האָט אָנגעהויבן אַריינצושטעכן איין
א[illegible] די נאָדלען. אים איז געווען גרינג צו פֿירן דעם שלאַכט: ער האָט
געקאָנט אָנפֿאַלן, וויאַזוי ער האָט געוואָלט. און סאַמום האָט שטאַרק
מוירע געהאַט פֿאַר די אייער. ער האָט זיי צוגעדעקט מיט זיין קערפּער
און האָט זיך בלויז געסטאַרעט צו שרעקן דעם צערייצטן דיק מיטן קנאַקן
און מיטן צישן.

עס זיינען אָנגעקומען מענטשן. סאַמום איז געווען איינגאַנ[illegible] עמאַ־
זיקט, דער זאַמד אין נעסט איז געווען רויט און נאַס פֿון בלוט. דעם
שטעכל־כאַזער האָט מען גוט אָנגעשמיסן מיט אַ בעזעם און צו סאַמומען
איז אויסגעקומען אַרויסצורופֿן דעם דאָקטער יאָסיף קאַספּעראָוויטשן, ער
זאָל אים אַרומבינדן די ווונדן.

— אָט אַ נאַר—האָט זיך געוווּנדערט לענע.—פּאַרוואָס־זשע איז ער
ניט אויפֿגעשטאַנען און האָט ניט געצאָלט דיקן ווי עס דאַרף צו זיין?

— ניין, ער איז ניט קיין נאַר [illegible] ...ענטפֿערט דער טעכניקער.—
אומזיסט זידלסטו אים. דאָס באַווייזט בלויז, וואָס פֿאַר אַ גוטער פֿאָטער
ער איז. די שטרויסן פֿאַרלאָזן קיינמאָל ניט זייער נעסט בעת אַ געפֿאַר,
זיי פֿאַרטיידיקן די נעסט, ביזוואַנען זיי שטאַרבן אַליין. אָט פֿאַראַיאָרן
האָבן מיר געהאַט אַזאַ פֿאַל: ניט ווייט פֿון דער נעסט האָט דורכגעריסן
די חאַטקע. דאָס איז געווען אין אָוונט, עס איז שוין געזעסן דער „ער".
די וואַסער האָט אַ פֿלייץ געטאָן גלייך אויף דער נעסט און אָנגעהויבן זי
צו פֿאַרטרינקען. דער שטרויס האָט אַפֿילו ניט געטראַכט אַוועקצוגיין.
די וואַסער איז אַלץ מער און מער צוגעקומען. עס איז געווען קאַלט,

און דער שטרויס האָט אָנגעהויבן צו פּרירן. אָבער ער האָט זיך דאָך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט בלויז געציטערט און געקנאַקט, ווי היינט אַף דיקן.—ער האָט געוואָלט אָנשרעקן די וואַסער. דאָרט, וווּ עס איז געווען די נעסט, איז צו אינדערפרי־צו געוואָרן אַ גאַנצער יאַם. פון דער וואַסער האָט ארויסגעסטאַרטשעט בלויז דעם שטרויס קאָפּ און אַ טייל פון זיין האַלדז, וואָס איז בלאָוו געוואָרן פון קעלט. דער שטרויס איז נאָך אַלץ געזעסן אַף זיינע אייער און האָט זיי צוגעדעקט מיט זיין קערפּער. אָט זעסט, לענכען, ס'אַרא ווילע יאַטן זיי זיינע [illegible] דו זאָגסט—אַ נאַר.

דער דייטש האָט זיך צעלאַכט און האָט צוג[illegible]ן:

— פאַרוואָס, מיינסטו, זענען זיי אויס אַזעלכע צופרידענע מיט [illegible] און שטאָל[illegible]ע, אָט די שטרויסן?—ווייל פון קינדווייז אָן זיינען זיי געוווינט צו שטאָלצירן מיט זייער פאָטער. זיי קוקן אַף אַלע כאַיעס פונויבן אַראָפּ און טראַכטן בא זיך: אונדזער פאָטער איז אַ כוואַט. געוויס האָט איר קיינער ניט אַזעלכן.

די מישפּאָכע וואַקסט

די לעצטע טעג האָט זיך סאַמום איינגעאָרדנט אָן אַ זייט בא דער נעסט. איינעם מיט „דער הויכער" האָבן זיי געקייקלט די אייער און האָבן זיי אופמערקזאַם דערלערנט. צו יענער צייט האָבן זיך אַף די אייער באַוויזן עפּעס טונקעלע פלעקן...

די שאָלעכץ בא די שטרויס־אייער איז אייער אַ גראָבע. דאָס קליינינקע שוואַכע שטרויסעלע וואָלט בעשומויפן ניט געקאָנט צעקלאַפּן די שאָלעכץ און אַרויסכאַפּן זיך אַף דער ליכטיקער שיין. אָבער די גאַנצע צייט, ווען עס וואַקסט אינעם איי, טיילט זיך בא דעם אויס פונעם שנ[illegible]בעלע אַזאַ גיפּטיקע פליסיקייט. די דאָזיקע פליסיקייט עסט ביסלעכווייז פאַנאַנדער די שאָלעכץ,



א שוואַלבשיס... א הינערשס... א שטרויסיש...

אזוי, אז צום מאָמענט פונעם געבוירנ־ווערנ בלייבט דעמ שטרויסל בלויז א שאָקל טאָז מיטנ קאָפּ, אז דאָס שנעבעלע זאָל זיכ לייכט ארויסרוקנ אפּ־דרויסנ.

איינמאָל האָבנ די שטרויסנ לאַנג באטראכט די אייער און האָבנ פלור־צימ באמערקט, אז איינ שנעבעלע האָט זיכ ארויסגערוקט. זיי האָבנ זיכ אופגערעגט, האָבנ אָנגעבויגנ איבערנ איי זייערע קעפּ. ווי זיי וואָלטנ זיכ וועגנ עפּעס בארעטנ.

אונ אינעמ איי האָט זיכ דאָס שטרויסל אָנגעבלאָזנ און האָט געקלאפּט אינ דער שאָלעכצ מיטנ קעפּל.

ווענ עס האָבנ זיכ אפּג זעלביקנ אויפנ אָנגעהויבנ צו באוועגנ די שטרויסלעכ אינעמ אינקובאטער, האָט זיכ לענע דערשראָקנ. זי האָט מוירע געהאט, אז זיי וועלנ צעקוועטשנ אָנ דער הארטער שאָלעכצ זייערע שוואכע קעפּלעכ.

— ניינ, זיי זיינענ כיטרע. ווארט, אָט וועלנ זיי געבוירנ ווערנ, וועל איכ דיר וויַזנ, וואָס פאר א זאכ בא זיי איז צוגעפּאסט—האָט צו איר געזאָגט סאָראָטשקאָ.

איינ שטרויסעלע האָט א קלאַפּ געטאָנ, האָט זיכ א דריי געטאָנ, אונ פלוצימ—קראק! דאָס איי איז צעפאלנ, אונ דאָס שטרויסעלע איז ארויס־געפאלנ מיטנ רוקנ אפּ אויסנ. ס'איז נאָכ געווענ א הייס, א נאקעטס אונ א נאס. ס'האָט אינגאנצנ ניט געקאָנט גיינ אונ ס'האָט זיכ בלויז געקייַקלט אפּ זיינ גרויסנ בויכ, וואָס איז אָנגעבלאָזנ ווי א גומענ זעקל. אינ דעמ־דאָזיקנ זעקל געפינט זיכ א גרויסער שפּייַז־רעזערוו, וואָס באשטייט פונ א דערנערונג־רייַכ געלעכל, אזוי, אז די ערשטע זעקס טעג קאָנ מענ דעמ שטרויסל אינגאנצנ ניט געבנ קיינ שפּייַז. עס ציט שפּייַז פונעמ זעקל.

דעמ שטרויסלס קלייניקע צונויפגעדרייטע פּיסלעכ האָבנ זיכ גע־שלעפּט בא די זייַטנ פונעמ זעקל. נאָר מאָדנער פונ אלצ איז געווענ זייַנ קאָפּ. באמ שטרויסל אפּנ שייַטל איז געווענ אָנגעטאָנ א גרויס ווייכ קי־שעלע. דאָס איז א ספּעציעלער מאָזאָל, קעדיי די הארטע שאָלעכצ זאָל אימ ניט צעקוועטשנ זייַנ ווייכ קעפּל.

נאָרוואָס אַרויס פונעמ איי, זײַנענ די שטרויסל עך, דעמ עמעס זאָגנדיק, ניט זייער קיינ שיינע.

אָבער סאמומ האָט גאָרניט געטראכט וועגנ דעמ. ער האָט מיט אנטציקונג באטראכט זיינ ערשטלינג אונ האָט אימ גלייך פּאָרזיכטיק צוגעשארט מיטנ קאָפּ בײַ זיך. זיינע ווייכע זײַדענע פעדערנ אפ דער ברוסטבא אימ האָבנ זיך צעשפרייט. ער האָט צוגעדריקט זיינ מיעס אויפעלע צומ קערפּער אונ האָט עס צוגעדעקט מיטנ ווארעמענ פוכיקנ קאָלדרעלע.

אָט אזוי זיינענ אינ סטעפּ א גאנצנ טאָג געשטאנענ מיט זייערע אָנגעבויגענע שנאָבלענ די גרויסע שטרויסנ אונ האָבנ געקוקט אפ די קליינע אויפעלעכ, וואָס האלטנ אינ געבוירנ ווערנ.

אינעמ אינקובאטער־צימער איז מענ אויכ א גאנצנ טאָג געווענ אופגערעגט. צוויי פארזאָרגטע פּענעמער—סאָראָטשקאָ אונ דער לאנגער טעכניקער—האָבנ באטראכט די אויפעלעכ. סטראוס איוואניטש האָט, פּונקט ווי סאמומ, צוגעדריקט די שטרויסלעכ צו דער ברוסט, נאָר אָנשטאָט זײַדענעמ פרעכטיקנ פוכ האָט ער געהאט בלויז א פארשמאָלצט אלט פּידזשאקל.

אינעמ אינקובאטער־צימער איז געווענ ווארעמ. די שטרויסלעכ זיינענ גיכ אָפּגעטריקנט געוואָרנ אונ האָבנ זיכ באדעקט מיט ארויסשטאָרצנדיקע שטעכלעכ, פונ וועלכע עס בילדנ זיכ שפּעטער אויס פעדערנ.

סאָראָטשקאָ האָט זיכ פארנומענ מיט צוגרייטנ א ספּעציעלנ גלעזערנעמ קאסטנ מיט דאמפּ־באהייצונג. סטראוס איוואניטש האָט אָפּגעוויגנ די נײַגעבוירענע אפ א וואָג.

דאָס ערשטע שטרויסל האָט געוווויגנ אנדערהאלבנ קילאָ. לענענ האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז דאָס איז אויסערגעוויינלעכ אסאכ. זי האָט אימ אראָפּגענומענ פונ דער וואָג אונ האָט מיט שטאָלצ געזאָגט:

— אָט ס׳ארא יאט!

אונ קיינער זאָל ניט זענ, האָט זי אימ א קוש געטאָנ אינעמ ווארעמענ רוקנדל.

די ערשטע שפּאַצירן

ווען עס האָבן זיך אויסגעפּיקט אַלע שטרויסלעך, זיינען צו דער זאַמד־קופּע אין סטעפּ געקומען צו גיין סאַראַטשקאַ און לענע. די פּענעמער זייערע זיינען געווען פריילעכע און ביטרע, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן שטאַרק אָפּנאַרן די שטרויסן. לענע האָט געהאַלטן אין די הענט א סלוי מיט צעפּירטער טאָושע, און סאַראַטשקאַ—אַ גרויסן בויגן ווייס פּאַפּיר, אַ באַשריבענעם מיט גרויסע אויסיעס, און בוצדעם האָט ער נאָך געהאַט אַ גרויסע פּאַפּקע.

סאַראַטשקאַ האָט צוגעטראָגן־דעם בויגן פּאַפּיר דעם שטרויס צו דער נאָז און האָט געזאָגט:

— אָט, זעסט, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן. וואָס וועסטו דערויף זאָגן?

סאַמומ האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאַפּיר, האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן און האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגעבויגן צו די אייפּעלעך. לענע האָט באַשלאָסן, אַז דאָס דאַרפן זיי טאַקע, און האָט אָנגעהויבן פּליעסקען מיט די הענט:

— ער איז מאַסקים, מאַסקים! זעסט, ער שאָקלט מיטן קאָפּ.

דעמאָלט האָט סאַראַטשקאַ אַוועקגעלייגט לעבן דער נעסט די פּאַפּקע, און אויף דער פּאַפּקע—דעם בויגן פּאַפּיר. דערנאָך האָט ער גענומען סאַמומס רעכטן פוס, האָט אים אויפגעהויבן מיט דער לאַפּע אַרויף, ביז וואַנען לענע האָט די לאַפּע געדיכט אָנגעשמירט מיט דער פּליסיקער טאָושע. דערנאָך האָבן זיי האַרט צוגעדריקט די לאַפּע צום ווייסן בויגן, אַזוי, אַז אויף אים האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט דעם שטרויס צוויי גרויסע פינגער.

דאָסזעלביקע האָט מען געטאָן מיט „דער הויכער”. די שטרויסן האָבן זיך געוווּנדערט און אויף יעדן פאַל האָבן זיי בייז געצישעט,־צודעקנדיק זייערע קינדערלעך. און די מענטשן זיינען געווען פולקום צופרידן. ווען די אָפּשטעמפּלונגען האָבן אויסגעטריקנט, האָבן זיי פּאַמעלעך צונויפגעלייגט דעם בויגן אינפּירן, אַריינגעלייגט אים אין דער פּאַפּקע, און די פּאַפּקע פאַרבונדן.

— נו,—האָט סאָראָטשקאָ זיך געווענדט צו די שטרויסן, צום פאָטער און צו דער מוטער—איצט זאָלט איר זיך אופירן ווי עס דארף צו זיין. דאָס איז, ברידערלעך, א זאך אן ערנסטע, און אז איר וועט דורכפאלן, וועט איר אייערע אויפעלעך ניט זען, ווי אייערע אויערן.

ווען די מענטשן זיינען אוועקגעגאנגען, האָבן סאמום און „די הויכע" לאנג, לאנג נאָכגעקוקט נאָך זיי, פינטלענדיק מיט די רויטע וויעס. עפשער האָבן זיי זיך געפרווט צו פאנעמען, וואָס איז דאָס פאר א כיטרע זאך, וואָס די מענטשן האָבן צוגעטראכט? אָבער עס האָט זיך

דאָס קליינע קעלבל-זעבו האָט זיך אָפגעשטעלט, קעדיי א קוק צו טאָן אף די שטיפערישע שטרויסלעך

גאָרניט באַקומענ דערפונ. די זאַכ איז אַזוי טאַקע געבליבנ אומפאַרשטענדלעכ פאַר זיי.

עס זיינענ אַוועק צוויי וואָכנ. די שטרויסנ האָבנ ענדלעכ אַרויסגעפירט זייער פרייַלעכע פאַמיליע אינ סטעפ אַרייַנ. די שטרויסלעכ זיינענ זיכ צעלאָפנ אינ אַלע זייַטנ, ווי קליינע אויטאָמאָבילעלעכ, האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ אַלע זייַטנ, זיינענ מיט אַזאַ פרייד געשפרונגענ, אַז זיי האָבנ יעדעס מאָל געטאָנ אַ פאַל אָפנ רוקנ מיט די פיס אַרויפ.

מיט אויפגעשטעלטע פעדערנ, אָנגעבלאָזענע, ווי זיי וואָלטנ שרעקנ זייערע פייַנט, האָבנ סאַמום אונ „די הויכע" געשפּאַנט אינ ביידע זייַטנ פונ זייער געזינדל.

דאָס קליינע קעלבל—זעבו וואַריע האָט זיכ אָפּגעשטעלט, קעדיי אַ קוק צו טאָנ אָפּ די שטיפערישע שטרויסלעכ, אָבער—הימל אונ ערד, עפּנט זיכ! סאַמום טוט עס זיכ אַ יאָג, ווי אַ ווילדער. ער האָט אַ וואָרפ געטאָנ זיינ גרויסנ פוס אונ האָט אַזאַ קנאַק געטאָנ וואַריענ אינ דער זייַט, אַז דאָס אומגליקלעכע קעלבל האָט זיכ געלאָזט אַנטלויפנ אונ האָט בייזנ שטוב געגרעוועט: ממו, ממו.

די שטרויס־פאַמיליע איז דורכגעגאַנגענ איבערנ גאַנצנ פאַרטרייבהויפ צום בערגל, אָפנ זאַמד. דאָרטנ האָבנ זיי זיכ אייַנגעגראָבנ אינ זאַמד, זיכ געשפּילט, האָבנ געצופּט גראָז. אַהינצו פלעגט זיי סאַראָטשקאָ ברענגענ אַ קאָרעטע מיט צוגאָב־פיטער אונ מיט וואַסער. אונ פאַר די שטרויסלעכ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ גליקלעכ לעבנ.

די ערשטע טעג פלעגנ די אַנטילאָפּעס אונ לאַמעס אָפט קומענ צו גיינ אַ קוק צוטאָנ אָפּ זייערע שפּילערייַענ. נאָר סאַמום אונ „די הויכע" פלעגנ גלייכ אַרויסלויפנ פאָרויס, אונ יענע האָבנ גוט אַרייַנגעכאַפּט. נאָכדעמ, ווי זיי האָבנ אַזוי צוויי־דרייַ מאָל זייערס באַקומענ, האָבנ די באַלעכאַימ מוירע געהאַט אפילע צוגיינ נאָענט צו די שטרויסלעכ.

בלויז דער מיעסער־סייַגאַק האָט זיכ ניט אונטערגעגעבנ. ער לויפט אַלצ צו צום שטרויס־געזינדל, אונ ווי נאָר עס באַווייַזנ זיכ די עלטערנ, טראָגט ער זיכ טייקעפ אָפּ. סאַמומענ האָט עס דערעסנ. ער האָט זיכ גע־

לאָזט לויפנ נאָכנ סײַגאק, האָט אימ אזוי לאנג געיאָגט און געשלאָגנ, ביזוואנענ דער סײַגאק האָט זיכ אָנגעשטויסנ, אז ס׳איז גלייכער צו בא־ האלטנ זיכ אינ דער פוסטער שטאל.

בא די שטרויסלעכ האָבנ אָנגעהויבנ אונטערוואקסנ די פליגעלעכ און די עקנ. זיי האָבנ געשטיפט, געכוליגאנעוועט און האָבנ שוינ אָנ־ געהויבנ פרווונ צו טאנצנ, ווי דערוואקסענע, האָבנ זיכ געשטעלט איינס קעגנ אנדערנ אינ פארשיידענע זעלטענע פאָזעס.

פאר די שטרויסלעכ האָט זיכ אָנגעהויבנ א גליקלעכ לעבנ



אויסגעוואַקסנ

עס איז געווענ סאָפ האַרבסטיקער אָקטיאַבער. דער סטעפּ האָט זיכ צעבליט און האָט שוינ געהאַלטנ באַם אָפּבליִענ דאָס צווייטע מאָל. די שטרויסלעכ זיינענ שוינ געווענ העכער פונ א מענטשנ. סאַמום האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט זיי קריגנ און האָט זיי אָפּט געיאָגט.

„די הויכע" האָט אויכ אָנגעהויבנ צו באַציִענ זיכ קאַלטבלוטיק צו די קינדער. אָבער די קינדער האָט עס ניט געאַרט. זיי זיינענ אויסגע־וואַקסנ, און בא באַלעכאַיִמ, אַז זיי ווערנ עלטער, ענדיקט זיכ בא זיי די ליבע צו די עלטערנ.

אײנגיכנ האָט „די הויכע" אינגאַנצנ פאַרלאָזט די שטרויסלעכ. זי האָט געהאַט א נײַע נעסט, ווו זי האָט געלייגט דרײַ אייער. אָבער פונ דידאָ־זיקע אייער איז גאָרניט אַרויסגעקומענ. די מענטשנ האָבנ ניט געוואָלט, אַז צו ווינטער צו זאָלנ געבוירנ ווערנ פייגל־שפּעטלינגענ. זיי האָבנ צו־גענומענ אַלע אייער און האָבנ פונ זיי געמאַכט א פײַנקוכנ.

סאַמום און „דער הויכער" קינדער האָבנ אָנגעהויבנ באַמערקבאַר צו ווערנ ווילד. זיי פלעגנ אַפּ א לאַנגער צײַט פאַרשווינדנ אינ סטעפּ, זיינענ זעלטנ צוגעגאַנגענ נאָענט צו די געבײַדעס, און פונ מענטשנ פלעגנ זיי אַנטלויפנ, ווי פונ פײַער.

אווגוסט איוואַניטש און סאָראָטשקאָ פלעגנ זיכ אָפּטמאָל פאַרטראַכטנ, אַז אײנגיכנ וועט מענ זיי דאַרפנ כאַפּנ און איבערפירנ אַפּ ווינטער אינ די געשטאַלנ. דאָס האָט זיי ביידע באַאומרויִקט, ווײַל זיי האָבנ געוווּסט, אַז די ווילדגעוואָרענע בויאַנעס וועלנ פאַרשאַפנ ניט ווייניק דײַגעס און אופּרעגונג.

דערפאַר אָבער האָבנ זיי נאָכמער שטאָלצירט מיט די שטרויסלעכ, וואָס זיינענ געבוירנ געוואָרנ אינעמ אינקובאַטער. בא סאַמומענ און בא „דער הויכער" האָבנ זיכ פונ עלפ אייער אויסגעפּיקט בלויז נײַנ שטרויס־לעכ. צוויי זיינענ דערשטיקט געוואָרנ. און בא די מענטשנ אינעמ אינקו־באַטער האָבנ זיכ אויסגעפּיקט אַלע אייער.

אָנגעטאָנ אינ א וויַסנ כאלאט, האָט סאָראָטשקאָ יעדנ טאָג ארויסגעפירט צוזאמענ מיט לענענ זייערע „קינדער״ אפ דער לאָנקע. די שטרויסלעך האָבנ זיך געפאשעט, פלעגנ זיך איַנגראָבנ אינעמ זאמד אונ האָבנ זיך געשפילט פונקט ווי יענע, וואָס זיינענ געוואקסנ אינעמ סטעפ.

אָבער זיי זיינענ געווענ אינגאנצנ אנדערע. די האָבנ ליב געהאט לענענ אונ סאָראָטשקענ. זיי לויפנ צו, ווענ מע רופט זיי, עסנ בא די מענטשנ פונ די הענט אונ דערלויבנ די מענטשנ צו גלעטנ זיי, אָפוועגנ אונ היילנ זיי.

די שטרויסלעך זיַנענ אלע געוואָרנ פיר כאדאָש׳ם



אינ סטעפּ איז איינמאָל קראנק געוואָר׳נ דער בעסטער יונגער שטרויס.

יאָסיפ קאספּעריטש — דער אלטער „באַלכאַישער״ דאָקטער — איז צו יענער צײַט אָפּגעפאָרנ קיינ לענינגראד, אונ זײַנ אָרט האָט צײַטווײַליק פאַרנומענ א נײַער דאָקטער. דערדאָזיקער נײַער דאָקטער האָט קיינמאָל ניט געהיילט קיינ ווילדע באלעכאַימ אונ פונ אלצ פלעגט ער זיכ אופרעגנ.

ווענ עס איז קראנק געוואָרנ דער יונגער שטרויס, איז סאָראָטשקאָ געלאָפנ צומ אופגערעגטנ דאָקטער. דער דאָקטער האָט אָנגעטאָנ אפנ האַלדז דאָס טרײַבל אפ אויסהערנ דעמ כוילע, האָט גענומענ א גאנצע זשמעניע בינטנ אונ פּריפּארקעס אונ איז אוועקגעגאנגענ אינײנעמ מיט סאָראָטשקענ.

— אנו, וווהינ־זשע פירסטו מיכ, פריינט מײַנער? ווו איז דער כוילע?

— אינ סטעפּ.

— איז וואָס, דארפ איכ גיינ נאָכ אימ אינ סטעפּ?

— זיי זיינענ דאָכ ווילדע בא אונדז, אלייג צו אייכ אפ אַנ אופנעמ וועלנ זיי בעשומויפנ ניט קומענ.

— שלעכט, גאָר שלעכט. איכ קאָנ היילנ בלויז אינ פאסיקע באַדינגונגענ. אונ דאָ...

אינ סטעפּ איז געשטאנענ א וואכ־טורעמ. סאָראָטשקאָ איז צוגעגאנגענ צומ וואכ־טורעמ אונ האָט אײַנגעלאָדנ דעמ דאָקטער ארופצוגיינ.

— אָט, איר זעט, אָט דאָרט גייענ זיי אומ — האָט ער אָנגעוויזנ אפ עפּעט קלייבינקע הינדעלעכ. — ווי מיינט איר, דאָקטער, וואָס איז זיי?

— איר מיר[illegible]ט קאטאָוועס, צי וואָס? — האָט אָנגעהויבנ שרײַענ דער דאָקטער. [illegible]אנענ ווייס איכ, אפ וואָס פאר א קראנקהייט עס לײַדט אָט יענצ שו[illegible]נטעלע, צענ קילאָמעטער פונדאנענ?

— טאָ גיט א קוק מיטנ בינאָקל, וועט עס זײַנ לעבנ אייכ, ווי אפ דער דאלאָניע. אונ צוגיינ נעענטער צו אימ וועט זיכ אלציינס ניט אײַנגעבנ. זיי וועלנ ניט צולאָזנ...

אָט ס׳ארא ניט באקוועמע זיי זיינענ, דידאָזיקע סטעפּישע שטרויסנ,

גאנצע טעג האָבנ זיי זיכ ארומגעשלעפּט, ווו איר ווילט, אונ פונ אלעמענ אנטלאָפנ.

גאָר עפּעס אנדערש איז לענעס אוטיק. ער האָט אליינ אופגעהויבנ דעמ פוס, מע זאָל אימ היילנ, ווענ אימ האָט אָנגעהויבנ וויי טאָנ א פינגער. ער זוכט אָפּט מיטנ שנאָבל צווישנ די האָר אפ סאָראָטשקעס קאָפּ, שטעלט זיכ אפ די שפּיצ פינגער אונ קוקט ארײַנ דעמ דײַטש אינ דער זײַט־קעשענע פונעמ פידזשאקל. אונ לענענ באגלייט ער יעדנ טאָג ביז איר ווויִנונג, וואָס ער האָט אזוי גוט געקאָנט, אז אינדערפרי פלעגט ער דער ערשטער אָנקלאפּנ לענענ אינ פענצטער.

אינעמ יִשעוו זײַנענ געקומענ צו פאָרנ אסאכ מענטשנ. אלע זאָאָפּארקנ האָט זיכ פארוואָלט קויפנ אוקראַיִנישע אפריקאנער. שוינ עטלעכע דוירעס אוקראַיִנישע שטרויסנ האָבנ אינגאנצנ ניט געוווּסט פונ די אפריקאנישע היצנ. איצט וואָלט אפילע אוועלכער ניט איז קרימ, צי אשכאבאד זיי אויסגעוויזנ זיכ פאר צו הייסע. יעדנפאלס, האָבנ די זאָאָפּארקנ ניט געהאט וואָס מוירע צו האָבנ, אז די שטרויסנ וועלנ בא זיי אומקומענ פונ קעלט.

שטרויסלעכ האָבנ אײַנגעקויפט סײַ אונדזערע זאָאָפּארקנ, סײַ אויסלענדישע. פאר יעדנ שטרויסל, וואָס מע האָט אָפּגעשיקט קיינ אויסלאנד, פלעגט דער אינסטיטוט באקומענ טויזנט־רובל גאָלד.

די פאָרשטייערס פונ די אויסלענדישע פירמעס זײַנענ געגאנגענ מיט פּאוועל פעדאָטיטשנ אינ סטעפּ, אונ יעדערער מערקט אָנ פאר זיכ שטרויסלעכ. דערנאָכ זײַנענ זיי פונ סטעפּ אוועקגעגאנגענ אפ דער לאָנקע, ווו לענע האָט שפּאצירט מיט אירע שטרויסלעכ. זיכ צוגעקוקט צו די היימישע שטרויסלעכ, הייבנ זיי אָנ אלע איבּיינעמ זיכ צו בעטנ בא פּאוועל פעדאָטיטשנ, ער זאָל זיי פארקויפנ טאקע אָטאָ די שטרויסלעכ.

— נו, פארקויפט אונדז כאָטש דעמ קלענסטנ, כאָטש אָט יענעמ, — בעטנ זיי זיכ אונ ווײַזנ מיט די פינגער אפ אוטיקנ.

פונ שרעק, אז פּאוועל פעדאָטיטש וועט מאסקימ זײַנ, האָט לענע ברייט צעעפנט די אויגנ. אונ אוטיק? — ער האָט גאָרניט פארשטאנענ אונ האָט ניט אופגעהערט ארומצוּרײַסנ בא יעדערנ די שליאפּעס, האָט יעדערנ געריסנ

פאר די קנעפ און האָט מיט פארגעניגנ געשלונגענ די מאטאָנעס, וואָס ער האָט אינ א גרויסער צאָל ארײַנגעכאפּט פונ די געסט.

איינמאָל, נאָכדעמ ווי איינער א פּאָרשטייער פונ בערלינ האָט זיכ לאנג געבעטנ, האָט פּאווועל פּעדאָטיטש אימ געזאָגט אזוי זיכ, אינ א שפּאס:

— נו, גוט, איכ בינ מאסקימ צו פארקויפנ אײַכ אוטיקנ. אָבער ער וועט דאָכ קאָסטנ אינ צוויי מאָל טײַערער.

אינ צענ מינוט ארומ האָבנ צוויי אופּגערעגטע מענטשנ, א גרויסער און א קלײנינקער, זיכ געײַלט פונעמ זאָאָפּארק אינ צוויי פארשיידענע ריכ־טונגענ: איינער—אפ דער פּאָטשט, דער צווייטער—אינ שול. דער גרויסער מענטש האָט אפ דער פּאָטשט אָפּגעשיקט א בליצ־טעלעגראמע קיינ בערלינ, זײַנ באלעבאָס: „מע לייגט פאָר היימישע שטרויסנ צוויי מאָל טײַערער. טעלעגראפירט אײַער הסכּמה". דער קלײנינקער מענטש האָט אינ שול פארזאמלט די קלײנינקע מענטשנ און האָט אנ אופּגעבראכטער דערציילט זיי די מײַסע מיט אוטיקנ.

אנ ענטפער פונעמ באלעבאָס, פונ בערלינ, האָט זיכ באקומענ ערשט שפּעט אינאָוונט. דער ענטפער איז געווענ א קורצער: „גייט טייקעפ אײַנ, איר אלטע שליאפּע איינע". פונ די קלײנינקע מענטשנ איז דער ענטפער געקומענ אסאכ פריער—אינ א האלבער שאָ ארומ. געקומענ צו לויפנ מיטנ ענטפער איז לענע, און דאָרט איז אזוי געזאָגט געוואָרנ:

— מיר, יונגע נאטוראליסטנ, בעטנ — ניט פארקויפנ אוטיקנ. ער איז דער קליגסטער און א היימישער, און פונ אימ קאָנענ געבוירנ ווערנ עמעסע היימישע שטרויסלעכ. זאָל ער בעסער בלײַבנ בא אונדז, און זיי פארקויפט די ווילדע.

פּאווועל פּעדאָטיטש האָט איבערגעלייענט און האָט זיכ צעלאכט:

— ס'א מאָדנע דו ביסט, לענע. איכ האָב דאָכ געטריבנ קאָטאָוועס. פארשטייט זיכ, מירנ אוטיקנ ניט פארקויפנ. פונדעסטוועגנ וווּנדער איכ זיכ פונ דיר: ווענ איכ זאָל אויסבאָוועננ אזא שטרויסל, וואָלט איכ, פארקערט, שטאָלצירט מיט דעמ, וואָס מע שאצט אימ צוויי מאָל טײַערער, איידער אלע אנדערע.

זאָלנ לעבנ די זיגערס!

דער טעפליער האָט אָנגעוואלגערט א גאנצנ בארג סטרוזשקעס: ער האָט באדארפט מאכנ צוועלפ קאסטנס־שטײַגנ פאר די פארקויפטע שטרויסלעכ.

די „ווילדע“ שטרויסלעכ האָט מענ מיט גרויס מי פארטריבנ אינ הויפ ארײַנ, אינ שטרויס־שטאל. זיי האָבנ זיכ געשראָקנ, האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ אלע זײַטנ, אונ איינער האָט אפילע אָנגעהויבנ הינקענ, אונ ער האָט זיכ קוימ דערקליבנ צומ הויפל. דאָרטנ איז ער בא דער וואנט אנידערגעפאלנ אונ איז געלעגנ, ווי א קלאָץ.

אָבער, ווענ מע האָט אימ געוואָלט באטראכטנ, האָט ער־ווידער אָנגעהויבנ ווילד צו ווארפנ זיכ אונ צו צאפלענ. דרײַ מענטשנ—סטראוס איוואניטש, דער דאָקטער אונ סאָראָטשקאָ—האָבנ זיכ שטארק אָנגעמאטערט, ביזוואנענ זיי האָבנ אימ ארופגעלייגט א בינט אפנ פוס.

נאָכ דעמ האָט מענ די שטרויסלעכ די גאנצע צײַט בעסער געהאָדעוועט אונ מע האָט זיכ מיט אלע קויכעס געסטארעט, זיי זאָלנ כאָטש אביסל רויִקער אונ היימישער ווערנ: אינ א פאָר טעג ארומ האָט מענ זיי דאָכ געדארפט אײַנפאקעווענ אינ די שטײַגנ אונ אָפשיקנ.

פארנ אָפשיקנ זיי האָט מענ אלע שטרויסלעכ נאָכאמאָל איבערגעוויגנ. לענע האָט צוגעגרייט אסאכ הילצערנע רעדעלעכ מיט לעכעלעכ. אווגוסט איוואניטש האָט פינקטלעכ פארשריבנ אפ זיי די וואָג אונ דעמ נאָמענ פונ יעדנ שטרויסל. לענע האָט דורכגעצויגנ אינ די לעכעלעכ שנירלעכ אונ האָט די רעדעלעכ אופגעהאנגענ די שטרויסלעכ אפ די העלדזער.

אפ מאָרגנ איז געווענ אנ ארויסגאנג־טאָג. אָבער צומ שטרויס־שטאל זײַנענ געקומענ סאָראָטשקאָ אונ סטראוס איוואניטש, אונ אפילע דער דאָקטער. לענע איז געלאָפנ מיט אײַנלאדונגענ צו די צוויי לאבאָראנטקעס, צו די ארבעטער אפנ פייגל־הויפ, אינעמ טארפאניק אונ אהיימ צו סאשקאָענ. זי האָט צו אלעמענ געשמייכלט אונ געזאָגט:

— קומט צו גיינ, אומבאדינגט קומט צו גיינ!

ווענ זי איז געלאָפנ רופנ פאוועל פעדאָטיטשנ, האָבנ זיכ אפנ עק גאס באוויזנ מאטווייקעס אונ דעמ אינדיאנערס העמדלעכ. לענע האָט זיכ דער פרייט אונ האָט אָנגעהויבנ שרייַענ:

— מאטווייקע, אינדייקע, קומט צו גיינ צומ שטרויס־שטאל, ס׳וועט דאָרט זייַנ אינטערעסאנט!

פארנ שטרויס־שטאל האָט מענ אײַנגעאָרדנט א באנק: צוויי ליידיקע פעסער אונ א ברעט איבער זיי. די געסט האָבנ זיכ אויסגעזעצט אפ דער באנק, אונ דער דארער, ניטגעגאָלטער דייַטש איז ארויסגעטראָטנ פאָרויס. ער האָט צעוויקלט א גרויסנ בויגנ ווייַס פאפיר, ער האָט אלעמענ געוויזנ די שווארצע אָפּשטעמפּלונגענ פונ צוויי פאָר גרויסע שטרויס־פינגער.

— אָט, איר זעט?—האָט ער געפרעגט—דאָס האָבנ זיכ אונטערגעשריבנ מיט זייערע אייגענע הענט, כ׳מיינ—מיט זייערע אייגענע פיס,— סאמומ אונ „די הויכע״. אונ אָט זייַנענ אונדזערע אונטערשריפטנ—מייַנע, סאָראָטשקעס אונ לענעס. איצט גיט א קוק אהער, אָט דאָ פונויבנ.

די געסט האָבנ א קוק געטאָנ. דאָרט איז געשטאנענ אָנגעשריבנ:

אָ פּ מ א כ

דערדאָזיקער אָפּמאכ איז געשלאָסנ צווישנ די שטרויסנ סאמומ אונ „די הויכע״—פונ איינ זייַט, מיט די טוערס פונעמ שטרויס־שטאל—אווגוסט שולצע, אָסטאפּ סאָראָטשקאָ אונ לענע סאפּאָזשניקאָווע—פונ דער צווייטער זייַט.

ביידע צדדימ פארפליכטנ זיכ פאר דער צייַט פונעמ געוועט אויסצוכאָווענ זייערע שטרויסלעכ געזונטע, פארהארטעוועטע אונ געהאָרכזאמע. מיר פארפליכטנ זיכ צו דערשלאָגנ, אז אונדזערע שטרויסלעכ זאָלנ ברענגענ דער מעלוכע א וואָס גרעסערע האכנאָסע אונ וואָס מער וויסנשאפטלעכע נוצנ.

אונדזער געוועט...

ווייַטער זייַנענ נאָכאנאנד גאנצע אכט שורעס ביזנ סאָפּ געווענ פארשמירט מיט א גרויסנ פלעק: דאָס האָט „די הויכע״, ווענ זי האָט זיכ אונטערגעשריבנ, א שמיר געטאָנ מיטנ פינגער צו הויכ. אָבער די געסט האָבנ אזוי אויכ אלצ פארשטאנענ.

— כאוויירים—האָט געזאָגט דער דײַטש—אַלע ווילדע שטרויסלעך און א טייל פון אונדזערע היימישע שטרויסלעך פאָרן הײַנט אָפּ. מיר האָבן אייך דעריבער הײַנט אײַנגעלאַדן, אז ביזוואַנען זיי זײַנען נאָך דאָ, זאָלט איר נאָכאַמאָל א קוק טאָן אויף זיי און איר זאָלט זאָגן, צי האָבן מיר זיי גוט דערצויגן און צי האָבן מיר אויסגעפילט אונדזערע פאַרפליכטונגען? עמעס, סאַמום, כ'האָב ריכטיק געזאָגט?

סאַמום איז געשטאַנען באַנאַנד לעבן סאָראָטשקען. ער האָט א קוק געטאָן אויפן דײַטש ערנסט און שטרענג.

— אָט גיט א קוק אויף דעמדאָזיקן געזינדל „ווילדע"—האָט פאָרגעזעצט דער טעכניקער—זיי זײַנען אַלע גאַנץ גוט אויסגעוואַקסן, זײַנען אַלע געזונט, נאָר איינ... האָט אויסגעלענקט א פוס, ווײַל ער איז ניט גענוג דערצויגן. באַטראַכט זיי גוט, ווײַל איר וועט זיי באַלד דאַרפן פאַרגלײַכן מיט אונדזערע.

די געסט האָבן געלאַכט, האָבן באַטראַכט די שטרויסלעך און האָבן געפונען, אז זיי זײַנען גאַנץ פײַנע. דערנאָך האָט זיך געעפנט די טיר, און פאַר דער באַנק איז דורכגעגאַנגען די שײַנענדיקע לענע. נאָך איר האָבן לײַטיש געשפּאַנט די שטרויסלעך מיט הילצערנע מעדאַלן.

זיי זײַנען אַלע צוגעגאַנגען צו די מענטשן, האָבן געלאָזט, מע זאָל זיי גלעטן און מע זאָל זיי מכבד זײַן. אַווגוסט איוואַניטש האָט אַרײַנגעלייגט דעם צונויפגעוויקלטן אָפּמאַך אין דער קעשענע פונעם פּידזשאַק. זייער פאַרגאַפט האָט ער אָנגעהויבן אויסרעכענען די נעמען און די וואָג פון יעדן שטרויסל און צו דערציילן וועגן זייערע קלוגשאַפט און אַנדערע מײַלעס.

— אינעם אָפּמאַך איז פאַראַן א פאַרפליכטונג צו מאַכן זיי פאַר נוצלעכע. אָט האָט איר דעם קלענסטן און דעם עלטסטן, אָטיקן. אויסלאַנד האָט אים אָפּגעשאַצט אין צוויי טויזנט רובל גאָלד, און אויסלאַנד וואָלט שוין קיין אומנוצלעכע ניט גענומען. וואָס אָנבאַלאַנגט דיסציפּלין—זעט איר דאָך אַליין.

— איר האָט געזיגט!—האָבנ אויסגעשריגנ די געסט—ס'איז אײַער ני־צאָכנ. הורא פאר די שטרויסלערס! הורא!

סטראוס איוואניטש האָט געמאכט פּונקט אזא ערנסט פּאָנעמ, ווי סא־מומ, אונ האָט זיכ פּײַערלעכ געגריסט, נויגנדיק זיכ אפּ אלע פיר זײַטנ.

אונ ווענ ער האָט זיכ צומ לעצטנ מאָל אויסגעגלײַכט, האָט זיכ גע־טראָפּנ א זאכ, וואָס מע האָט פריִער ניט פאָרויסגעזענ: סאמומ האָט פּלו־צימ א פּיק געטאָנ סטראוס איוואניטשנ אינ דער ברוסט, האָט ארויס־געכאפּט דעמ צונויפגעוויקלטנ סאָצאָפּמאכ אונ האָט אימ טײקעפּ אײַנ־געשלונגענ. ווענ די מענטשנ זײַנענ געקומענ צו זיכ, איז סאמומ שוינ ווידעראמאָל געשטאנענ רויִק אונ האָט ערנסט געפּינטלט מיט די אויגנ.

— אכ, כוליגאנ אײנער!—האָט לענע אנ אופגעבראכטע אויסגעשריגנ—וואָס האָסטו געוואָלט מיט דעמ באווײַזנ?

— דאָס איז א קלאָרע זאכ, כאווײרימ: ער האָט פּאָשעט ניט געקאָנט אריבערטראָגנ, וואָס די מענטשנ מישנ זיכ אלצ מער אונ מער אינ די איניאָנימ פונ דער נאטור אונ פאריכטנ אינ איר דאָס, וואָס איז בא איר ניט איבגאנצנ גוט אײַנגעאָרדנט.

דאָס האָט פונ הינטערנ בוימ געזאָגט פּאוועל פּעדאָטיטש. אלע געסט האָבנ זיכ צעלאכט אונ האָבנ אונטערגעכאפּט:

— ניט אריבערגעטראָגנ! ניט אריבערגעטראָגנ! ניט אריבערגעטראָגנ!

שוטקע

ער האָט געשפאנט אינמיטנ וועג. עס איז געווענ זייער הייס, אינ דושנע. אונ ווענ דאָס זאָל געווענ זיינ א מענטש, וואָלט ער געוויס שווער געאָטעמט אונ וואָלט מיט א טיכעלע געפּאָכעט איבערנ פארשוויצטנ פּאָנעמ אונ האלדז. נאָר דאָס איז ניט געווענ קיינ מענטש, אונ ער האָט ניט געשוויצט, ער האָט בלויז ארויסגערוקט דעמ רויטנ נאסנ צונג, אונ טראָפּנדלעכ זיינענ פונ אימ געפאלנ אפנ שטויב.

אנטקעגנ אימ איז ארויסגעלאָפנ דער הויפ־הונט אראָמאט אונ האָט זיכ געוואָרפנ צו באשמעקנ אימ.

פונ ארומשמעקנ, ווייסט איר אוודע, קאָנ זיכ קיינ כאַ״ע ניט אָפּזאָגנ. דאָס איז פונקט אזוי ניט העפלעכ, ווי ניט א דריק טאָנ די האנט, וואָס מע שטרעקט אייכ אויס.

נאָר א דריק טאָנ, ד. ה., ב׳האָב געוואָלט זאָגנ—שמעקנ, קאָנ מענ פארשיידנ. פּאכדאָנימ טוענ עס שטיל, רויק, אראָפּלאָזנדיק דעמ עק; דרייסטע— פרײַ, אומאָפּהענגיק, מיט א פארדרייטנ עק איבערנ רוקנ.

דער הונט, וואָס איז געקומענ פונעמ סטעפּ, האָט מיט זײַנ גאנצנ עק זיכ ארויסגעזאָגט אינ דעמ זינענ, אז ער האלט אראָמאטנ פאר א נישטיקייט, פאר א גאָרניט.

ער האָט זיכ פארהאלטנ אפ גאנצע פינפ מינוט. די גאנצע צײַט האָט ער א קאפריזער אונ א בארויגעזער ארומגעשמעקט אראָמאטנ פונ אלע זײַטנ. איז אראָמאט אָפּגעטראָטנ,—האָט ער געמאכט א טראָט נאָכ אימ נאָכ; האָט זיכ אראָמאט געדרייט,—האָט ער זיכ געדרייט נאָכ אימ נאָכ.

און ערשט דאַנ, ווענ די רינגעלעכ פֿינ אראָמאטס עק האָבנ זיכ אײַנגאנצנ צעוויקלט, אונ דער עק האָט זיכ אָנגעהויבנ שלעפּנ בײַ אימ צווישנ די פֿיס, האָט אימ דער הונט אָפּגעלאָזט אונ איז אוועק ווײַטער.

אינמיטנ יישעוו אפֿ דער הויפּט־גאס איז געווענ די פּאָטשט. דאָס הויכע בילנ האָט געצווּנגענ דעמ פּאָטשט־אָנגעשטעלטנ ארויסצורוקנ זײַנ נאָז אינ די אײַזערנע גראטעס פֿונעמ פֿענצטער.

אינגאנצנ אינ ווײַסע לאנגע גרײַזעלעכ, האָט דער גוואלדיק גרויסער הונט געקוקט אינעמ פֿענצטער פֿונ אונטער זײַנע פּאטלאטע בּרעמענ.

שוטקע פֿונ שאָפּ־שטאל איז געקומענ נאָכ זײַנ בּאלעבּאָס צײַטונג. פּונקט צו דער מינוט קומט ער שטענדיק, פּונקט ווי ער זאָל האָבנ א זייגער אפֿ דער לאפּע.

דער הונט האָט פּאָרזיכטיק גענומענ די צײַטונג צווישנ די ציינ אונ האָט זיכ געלאָזט גיינ צוריק.

אראָמאט האָט די עטלעכע מינוט געווארט אפֿ אימ. ער האָט ווידעראמאָל איבּערגעהאקט שוטקענ דעמ וועג.

איצט איז שוטקעס מאָרדע געווענ פֿארנומענ. אוועקלייגנ דעמ בּאלעבּאָס צײַטונג האָט ער זיכ ניט בּאשלאָסנ. ער האָט זיכ געסטארעט ניט ארויסצורופֿנ קיינ געשלעג. ער איז דורכגעגאנגענ אונ האָט זיכ ניט אָפּגעשטעלט. דער עק זײַנער, א זיגזאגישע ליניע מיט א האלבּרינגעלע בּאמ סאָפּ, האָט קלאָר געזאָגט, אז כאָטש ער האָט טאקע ניט קיינ מוירע, נאָר ער וויל אויכ קיינעמ ניט פֿארטשעפּענ.

ווענ שוטקע איז ארויסגעגאנגענ אינ אָפֿענעמ סטעפּ, האָט ער צונויפֿגעדרייט דעמ עק, ווי א־בּריגנ, אונ האָט זיכ געלאָזט גיכ גיינ צו די פֿינטעלעכ, וואָס מע האָט קוימ געקאָנט זענ—צו די שטאלנ.

רעכטס אונ לינקס איז געלעגנ פֿאָלינ אונ טרוקנ גראָז. דער ווינט האָט צעבּלאָזנ די גרויע פּאטלעס אפֿ שוטקעס קאָפּ. דערדאָזיקער ווינט האָט געשמעקט מיט שאָפּ־טשערעדע.

ווײַט אינ סטעפּ איז געשטאנענ אָנגעשפּארט אפֿנ שטעקנ דער פּאסטעכ—

דער טשאבאן. לעבן דער טשערעדע האָט ארומגעפויזעט א שאָפ־הונט — ער האָט אויסגעשפּירט דעם פוקס נאָרעס.

און די מערינאָסן, פּוכיקע ווי פּעק וואַטע, האָבן מיט צוטרוי געקוקט אפ זייער היטער און זיינען גרייט געווען לויט יעדן ווונק פון זיין עק אויסצופילן אלע זיינע באפעלן.

שוטקע איז געבוירן געוואָרן נעבן שאָף. ער האָט דורכגעלעבט מיט זיי דאָס גאנצע לעבן און איז אלט געוואָרן. און איצט האָט ער שוין געלעבט צוויי יאָר מיט די הינט אינעם הינט־שטאל.

ער האָט שוין מער ניט באדארפט גאנצע טעג ארומלויפן ארום די שאָף, פארטרייבן און ציילן זיי. אים איז שוין ניט אויסגעקומען צו מאַ־טערן זיינע אלטע לאפּעס אינעם אומענדלעכן אריבערגייען פון איין אָרט אפן אנדערן, צו ציטערן פון קעלט בעיס א שלעכטן וועטער און בעיס א שטורעם.

ער האָט זיך געהאט א וואַרעם אָרט אונטערן גאניק פונעם פליגל, און דער איינציקער פליכט זיינער איז געווען: גיין יעדן טאָג אינעם יישעוו נאָכן באלעבאָס צייטונג.

דאָס איז גאָרניט שווער געווען.

שוטקע האָט ווירקלעך צו די עלטערע יאָרן זיך דערשלאָגן צו א גוט און רויק לעבן. נאָר וואָס באטייט עס אלץ פאר אן עמעסן טשאבאן?

ווען שוטקע זאָל קאָנען ווייניקער הערן זיין באלעבאָס, וואָלט ער איצט אוועקגעלייגט אין שטויב די צייטונג און פונעם רויקן, זאטן לעבן וואָלט ער אָפּגעקערעוועט אהין, צו די פּאסטעכער, צו די שעפּעלעך, צום אופרעגנדיקן געפילדער, צו די שטורעמס.

אָבער די צייטונג...

שוטקע האָט א פּערקע געטאָן — הינט קאָנען ניט קרעכצן — און האָט פאָרגעזעצט זיין וועג.

אן אומדערוואַרטער טומל און פארשייטע קוילעס אין דעם פאָלין־פאם ווען האָבן ארויסגערופן שטרענגע קנייטשן אפ שוטקעס שטערן.

וואָס איז דאָס פאר אנ אומאָרדענונג? דאָ איז עס קיינמאָל ניט געווענ. עפּעס א מעשוגענער טאָג הײַנט.

די שטימענ האָבנ געריטשעט, האָבנ זיכ פארכלינעט, האָבנ געבילט. דאָרט אינעמ גראָז האָט זיכ אלצ שטארקער פארקאָכט א קאַשע.

אפנ ראנד פונעמ וועג, בא שוטקעס סאמע אונטער דער נאָז, זײַנענ ארויסגעלאָפנ פיר הינטלעכ מיט געזונטע מאָרדעס.

ווענ זיי האָבנ דערזענ דעמ אָנגעכמורעטנ שוטקעס, איז זייער פרייד גלײַכ צערונענ געוואָרנ, אונ זיי האָבנ זיכ אינ א פארלעגנהייט אויסגע־זעצט איינער לעבנ אנדערנ.

די הינטלעכ האָבנ זיכ אינ פארלעגנהייט אויסגעזעצט איינער לעבנ אנדערנ

שוטקע איז צוגעגאנגען, — א געפּערלעכער, ווי די בײַטש.
ערשטנס, וואָס איז עס פאר א געפילדער און א לויפעריי אין דער צײַט פון ארבעט? ווײַטער — ווער האָט זיי דערלויבט אזוי ווײַט אוועקלויפן פון שטאל אין סטעפּ? און ביקלאל, ווי פירן זיי זיך עס אוף אין דער אָנוועזנהייט פון זייער זיידן?!

די הינטלעך האָבן זיך אוועקגעלייגט אף די רוקנס, האָבן געדריגעט מיט די פיס — האָבן געבעטן אנטשולדיקונג.

שוטקע האָט שטרענג יעדערן פון זיי ארומגעשמעקט. ניט געוווּסט צו וואָס צוטשעפּען זיך. דעם, וואָס ליגט, שלאָגט מען ניט.

אין א מינוט ארום האָבן די הינטלעך ארום שוטקען ארומגעטאנצט און האָבן אים געקושט אין דער מאָרדע. און פּלוצים האָט איינס ווײַס־כעוורעניק א ריס געטאָן מיט די ציין די צײַטונג.

די צײַטונג!! דעם באַלעבאָס צײַטונג!..

שוטקע האָט א רעווע געטאָן מיט דער קראפט פון א דונער. די צײַטונג איז אראָפּגעפאלן אפן גראָז. דאָס נישטיקע הינטל האָט זיך פארכלינעט פון געוויין און האָט מיט דער לאפּע געריבן דעם דורכגעביסענעם אויער.

איצט וועט עס וויסן, וויאזוי מע דארף זיך באגיין מיטן באַלעבאָס זאכן.

שוטקע האָט זיך אומגעקערט צו דער צײַטונג און... איז פארגליווערט געוואָרן.

די צײַטונג איז פארשוווּנדן.

ווײַט, קימאט באַם סאמע גאניק פונעם שטיבל האָבן זיך געטראָגן די דרײַ העל־ווײַסע הינטלעך מיט די געזונטע מאָרדעס. זיי זײַנען געשפּרונגען, האָבן אונטערגעוואָרפן אינדערלופטן און געריסן אף שטיקלעך דאָס, וואָס עס איז געווען דעם באַלעבאָס הייליקע צײַטונג.

דער באַלעבאָס האָט אזש א שמײַס געטאָן שוטקען מיט א ריטל און האָט אים אָפּגעשטויסן מיטן פוס, ווען ער איז צו אים צוגעקראָכן איבער דער ערד.

ער האָט מיט עקל געזאָגט: „אוועק, דו אלטער טויגעניכטס. איכ וועל איצט אליינ פאָרנ יעדנ טאָג נאָכ דער צײַטונג אפנ וועליסאָפּעד״.

— אומזיסט באגייסטו זיכ מיט אימ אזוי, כאָווער באָראָווסקי—האָט זיכ אײַנגעשטעלט פאר שוטקענ דער טשאבאנ, וועלכער איז ארײַנגעגאנגענ אינעמ חינט־שטאל.— איכ קענ גוט אָט דעמ הונט. דאָס איז שוטקע, שעווטשענקעס הונט. אזא איז ניטאָ צווישנ אלע הינט אינ אונדזער הינט־שטאל. איכ געדענק, אונדז טשאבאנעס האָט ער ניט איינמאָל אויסגעלייזט פונ אנ אומגליק. איינמאָל, ווענ ער האָט געראטעוועט די שעפעלעכ בעיס א טרייפע, האָט ער זיכ אזוי אָפּגעבריט, אז א גאנצנ כוידעש פלעגט צו אימ קומענ צו פאָרנ אינ סטעפּ דער וועטערינאר, האָט אימ געשמירט מיט א זאלב אונ אימ איבערגעבונדנ די לאפּעס אונ די מאָרדע.

צי האָט שוטקע געהערט, וואָס עס האָט וועגנ אימ געזאָגט דער גרויער פּאסטעכ?

א־ווינט האָט געבלאָזנ פונ די שאָפּ־שטאלנ.

שוטקע איז ארונטערגעקראָכנ אונטערנ גאניק, האָט אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אפ די לאפּעס. אונ אימ האָט באהערשט אנ אומעט.

* * *

דעמ אטאגאס (אלטער פאסטעכ) שעווטשענקאָ האָט מענ שוינ צו יענער צײַט גערופנ „אנדערהאלבנ זיידעס״. א פול לעבנ האָט שוינ אָפּגעארבעט דער טשאבאנ אונ האָט נאָכ פארכאפּט א העלפט פונ א פרעמד לעבנ. איז אויסגעקומענ אנדערהאלבנ לעבנס—„אנדערהאלבנ זיידעס״.

די יונגע פאסטעכער־טשאבאנעס האָבנ זיכ געוווּנדערט—פונוואנענ נעמט זיכ באמ אלטנ אזא פלינקייט? קיינער קענ אימ ניט דעריאָגנ אינ סטעפּ.

א גרינגפיסיקער פלעגט ער לויפנ נאָכ שוטקענ צו א נײַגעבוירענעמ שעפעלע, פלעגט טראָגנ אפ די פּלייצעס א קראנקע שאָפּ צו די ווײַטע שטאלנ. אונ זינגענדיק פלעגט ער ארומפּאָכענ מיטנ שטעקנ א לאנגנ זומערדיקנ טאָג.

שוסקע איז
נאָך דעמאָלט
געווען גאָר
א יונגער

— אָט, אונדזער זיידע, איז שוינ איינמאָל א זיידע! א ריז—ניט קײנ טשאבאנ. מיט ארמייענ וואָלט ער באדארפט אָנפירנ. און ער פארברענגט גאָר דאָס גאנצע לעבנ אלס טשאבאנ.

אלע האָבנ ליב געהאט דעמ זיידנ שעווטשענקענ, אלע האָבנ זיכ באַ־צויגנ צו אימ מיט גרויס אכטונג. אָבער מער פונ אלע האָט אימ ליב געהאט זײנ איבערגעגעבענער געהילפ אונ פרײנט, דער שאָפ־הונט שוטקע.

שוטקע איז נאָכ דעמאָלט געווענ גאָר א יונגער. דאָס איז געווענ דער גרעסטער שאָפ־הונט אינ גאנצ מעליטאָפאָליער אומגעגנט. אונ ער האָט אזוי איבערגעגעבנ, פלײסיק אונ געניט אָפגעהיט די טשערעדע, אז אינ שעווטשענקעס אָטארע איז קײנמאָל קײנ פארלוסטנ ניט געווענ.

איינמאָל האָט זיכ די אָטארע געפאשעט ווײט פונעמ שטאל, א קילאָ־מעטער פינפ־זעקס פונעמ אויסגוט סיוואש.

שעווטשענקאָ איז געלעגנ אפ דער ערד אונ געקוקט אפנ בלויענ הימל. אונ שוטקע איז געלעגנ אונ האָט געקוקט אפנ באלעבאָס.

ווײט ערגעצ אינעמ דאָרעמ־מײרעוודיק וויגקל פונעמ הימל איז גע־שוומענ א וואָלקנדל.

פלוצימ האָט זיכ שעווטשענקאָ אופגעהויבנ פונ דער ערד אונ אינ אײלעניש, וואָס איז אימ געווענ פרעמד, האָט ער אָנגעהויבנ ארופציִענ אפ זיכ דאָס פעלצל.

שוטקע איז אויכ אופגעשפרונגענ. ער איז ארומגעלאָפנ ארומ דער טשערעדע, האָט צונויפגעטריבנ די שעפעלעכ אינ א קופע, האָט א קוק געטאָנ אפ שעווטשענקענ.

דער באלעבאָס האָט געהייסנ זיכ לאָזנ אהיימ. ער האָט זיכ אזוי געײלט, אז ער האָט יעדנ מאָל פארלאָרנ דעמ שטעקנ. ער האָט מיט זײנ אופרעגונג אויכ אָנגעשטעקט דעמ הונט.

שוטקע האָט מיט קראפט א שטויס געטאָנ פאָרויס דעמ פירער־צאפ מיטנ גלעקעלע אפנ האלדז. דער צאפ האָט זיכ ניט אזוי גיכ גערירט, האָט אימ שוטקע א ריס געטאָנ פאר די הויזנ. דער צאפ האָט זיכ געלאָזט לויפנ, קלינגענדיק מיטנ גלעקל. נאָכנ צאפ האָט זיכ געלאָזט די גאנצע טשערעדע.

זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגיין אפילו א קילאָמעטער, ווי דאָס קליינינקע וואָלקנדל איז זיך צעוואַקסן אין א גוואַלדיקער כמאַרע.

א ביטערער ווינט איז געקומען צו פליען פונעם סיוואַש, האָט געריסן דעם טשאַבאַנס פעלצל און דעם הונטס ווײַסע פּאַטלעס.

די כמאַרע איז געוואַקסן און געוואַקסן און האָט זיך, ווי א רויבפויגל, אראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד.

עס איז פינצטער געוואָרן, מאַמעש ווי באַנאַכט. די שאָף האָבן געציטערט. דער צאַפּ האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט און האָט ניט געוואָלט פירן די טשערעדע. ער האָט געוואַרט אויפן פּאַסטעך. מיט א מענטשן האָט ער ווייניקער מוירע געהאַט.

און אָט האָט די כמאַרע, ווי מיט פליגל, אַרומגעכאַפּט די גאַנצע ערד. דער ווינט האָט א ריס געטאָן הויפנס שטויב און גראָז. עס האָט א בליץ געטאָן, און דער הימל האָט א קנאַק געטאָן פון עק צו עק.

די שאָף האָבן זיך צעשאָטן און האָבן אָנגעהויבן אין אומאָרדענונג צו לויפן. דער טשאַבאַן האָט באַוויזן אַראָפּכאַפּן פונעם צאַפּ דאָס גלעקל, און האָט מיט דער גאַנצער קראַפט געקלונגען.

שוטקע האָט זיך געטראָגן איבערן קרײַז און האָט ווידעראַמאָל צונויפגעטריבן די שאָף אין איין אָרט אַרום דעם טשאַבאַן.

דער ערשטער אָנגריף פונעם שטורעם איז אַדורך. די אָטאַרע איז דערווײַל געבליבן א גאַנצע.

עפשער וועט באַלד א גאָס טאָן א שלאַקסרעגן, און דער שטורעם וועט אזוי גיך דורכגיין, ווי ער איז אָנגעקומען?

שעווטשענקאָ האָט שטאַרק געהאָפט דערויף.

אָבער עס האָט ווידער אויסגעבראָכן א דונער. איינס. צוויי. דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד האָט עס געדונערט.

די שאָף האָבן זיך מער ניט צוגעהערט צום גלעקל. זיי האָבן זיך געטראָגן אָן א שום אָרדענונג. א שרעקלעכער אומגליק האָט געדראָאָט דעם טשאַבאַן. אין אזעלכע נעכט אינמיטן טאָג קומען אום גאַנצע משערעדעס שאָף.

— די אָטארע קומט אום, קומט אום—האָט ניט מיט זיינ קאָל געשריגנ דער אלטער טשאבאנ אונ איז אנידערגעפאלנ מיטנ פּאָנעם צו דער ערד.

איבער שעווטשענקעס האָט זיכ דער שטורעמ דורכגעטראָגנ אָנ א רעגנ. בלויז דער ווינט האָט גערעוועט, אונ א גרינ פייער איז דורכגעלאָפנ איבערנ מענטשנ, וואָס האָט זיכ צוגעטוליעט צו דער ערד.

אונ די שעפּעלעכ זיינענ געלאָפנ איבערנ סטעפּ. שוטקע האָט זיכ געפּרוווט פארשטעלנ זיי דעמ וועג, צונויפקלאפּנ זיי אינ א קופּע, אָפּשטעלנ זיי.

אומזיסט. די שעפּעלעכ האָבנ ניט געהערט דאָס בילנ, האָבנ ניט געפילט דאָס בייסנ זיינס. זיי זיינענ געלאָפנ אלצ ווייטער, גלייכ אינ דער שווארצקייט פונעמ סטעפּ.

אונ שוטקע איז געלאָפנ איניינעמ מיט זיי.

אָט אזוי זיינענ די שאָפּ צוגעלאָפנ צומ ברעג פונעמ יאמ. פאר זיי האָבנ זיכ געפּליעסקעט די געזאלצענע וואסערנ פונעמ סיוואש.

שרעק איז שטארקער פונ אלצ. די שאָפּ האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ וואסער אריינ, האָבנ זיכ געלאָזט שווימענ. די וואסער האָט אָנגעהויבנ פינענ פונ די הונדערט גרויסע שאָפּ. עס האָט א בליצ געטאָנ. די שאָפּ האָבנ געקעמפט מיט די כוואליעס, זיינענ געשווומענ, ניט ווייסנדיק וווהינ.

שוטקע איז געשווומענ איניינעמ מיט די שאָפּ. פאָרויס—דער אומפארמיידלעכער טויט.

גאנצפרי האָבנ שעווטשענקעס געפונענ די כאוויירימ. דער אלטער איז פארנ מעסלעס פונעמ פּאָנעמ אראָפּ, אזויווי נאָכ א קראנקהייט. ער האָט פונ גאָרניט ניט געוואָלט הערנ. אומגעקומענ די שעפּעלעכ, אויכ שוטקע איז אומגעקומענ. ווער קאָנ נאָכ אינ דעמ צווייפלענ?

ער האָט בעשומיפנ ניט געוואָלט זיכ אומקערנ אהיימ. ער האָט באשלאָסנ אויסצוגיינ דעמ גאנצנ סטעפּ—געפינענ די שעפּעלעכ אונ שוטקענ לעבעדיקע אָדער טויטע.

א גאַנצן טאָג איז ער אומגעלאָפֿן איבערן סטעפּ, האָט געררופֿן שוט־קען, האָט געטרייסלט מיטן גלעקל. נאָך אים נאָך האָבן זיך מידע און הונגעריקע געשלעפּט די טשאַבאַנעס.

פֿאַרנאַכט האָט דער ווינט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו בלאָזן פֿונעם אויסגוס. ער האָט געהוילט אַזוי אומעטיק און שרעקלעך, אַז דאָס האַרץ איז פֿאַרגלי־ווערט געוואָרן.

— ס׳איז געהויל עס טראָגט זיך איבערן יאַם! ווי קאָן מען איצט זוכן די שאָף? ס׳איז שוין פֿינצטער. לאָמיר זיך, זיידע, אומקערן.

אָבער דער זיידע האָט זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט.

אָט האָט אַ בלישטשע געטאָן די וואַסער אַפֿן אויבערפֿלאַך פֿונעם אויסגוס. דער זיידע איז געשטאַנען באַם ברעג.

דער אויסגוס איז אײַנגעזונקען אין פֿינצטערניש. אַ טונקעלער שוים אונטן באַם ברעג. אַ שוים פֿון די וואָלקנס אויבן.

עפּעס אַ שרעקלעך קאָל טראָגט זיך איבערן אויסגוס—אוּ—אוּ—אוּ!!

דער אַלטער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פּעלץ, די שטיוול און האָט זיך געלאָזט גלײַך אין וואַסער.

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ, אַלטער? ווילסט זיך טרינקען פֿון צאָרעס? נו, טרינק זיך, אויב אַזוי. מיר זײַנען דיר ניט קיין קאָמפּאַניע.

און דער אַלטער האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. די וואַסער דערגרייכט שוין ביזן האַלדז, און ער לאָזט זיך שווימען. ער שווימט. און אַנטקעגן טראָגט זיך אַלץ דאָס שרעקלעכע אוּ—אוּ—אוּ!!

באַם לעצטן אָפּגלאַנץ פֿון דער אָוונט־שײַן דערזעט דער אַלטער אַ זאַמד־באַנק. אויף דער זאַמד־באַנק האָבן זיך צונויפֿגעפּרעסט אין אַ קופּע די שאָף. און אָן אַ זײַט, האַרט באַם וואַסער, רײַסט זיך אַף אַ קאָל שוט־קע—אוּ—אוּ—אוּ...

דער הונט איז ביזן לעצטן מאָמענט געבליבן טרײַ זײַן באַלעבאָס. ער האָט ניט פֿאַרלאָזט די אָטאַרע אין אַן אומגליק. ער האָט זי דאָ צונויפֿ־געטריבן אַף דער זאַמד־באַנק, האָט זי געהיט און האָט גערופֿן דעם באַלעבאָס.

און דער באַלעבאָס קומט ניט.

פּלוצים האָט זיך פון שוים אַרויס דערהערט: „שוטקע, פריינט מיינער!"

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך בײַ דער שטאַל פאַרזאַמלט די טשאַבאַנעס. זיי האָבן דערציילט איינער דעם אַנדערן וועגן די שוואַרצע נעכט אין מיטן טאָג. און נאָכן פאַרענדיקן די דערינערונגען דרייט זיך יעדערער פון זיי אויס צו דער שוועל און וואַרפט עפּעס אַ ביסן.

אויף דער שוועל איז געלעגן אַ הונט. דאָס איז געווען שוטקע. ער האָט געקוקט אויפן באַלעבאָס. ער האָט געוווּסט, אַז דער באַלעבאָס איז צופרידן, אַז ער שטאָלצירט אַפילו מיט אים, מיט שוטקען.

* * *

איבער די טרעפּ פונעם גאַניק האָבן זיך געלאָזט הערן טריט. דאָס איז געווען ניט שעווטשענקאָ. דאָס איז שוטקעס צווייטער באַלעבאָס. דער, וואָס האָט הײַנט שוטקען געשלאָגן פאַר דער צײַטונג.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אין הויף. אַ פּראַקטיקאַנט פונעם אינסטיטוט האָט געשריגן פונעם הינט־שטאַל. אין זײַן קאָל האָט זיך געפילט אַ פריידפולע אײַלעניש.

— כאַווער באַראָווסקי! קומט נאָר גיכער אַהער! גייט־זשע זעט, דער פּרווו האָט זיך אײַנגעגעבן. בעליאַנקע האָט געבוירן פּיקסלעך. כ׳מיין, ווי רופט מען זיי, פוקס־הינטלעך.

עס האָבן זיך דערהערט אײַלנדיקע טריט פונעם גאַניק.

שוטקע האָט דערנאָך געזען, ווי מענטשן האָבן מיט פרייד אַוועקגעשטעלט בײַם גאַניק אַ קוישל מיט הינטעלעך, וואָס האָבן אַזוי מאָדנע געפּישטשעט. אַן אומרויִקע איז געקומען צו לויפן בעליאַנקע. זי איז געשפּרונגען באַראָווסקין אויף דער ברוסט, האָט זיך געבעטן, ער זאָל ניט טשעפּען אירע קינדער.

זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דער געבורט פון הונט־פּיקסלעך—היברידן פון אַ הונט און אַ פוקס—דאָס איז נאָך אַ זיג, אַ נײַ זײַטל אינעם בוך וועגן דער „באַנײַטער ערד".

איר האָט זיכ געוואָלט, אז די מענטשנ זאָלנ וואָס גיכער אוועקלייגנ אירע הינטלעכ. זי דארפ זיי דאָכ ארומלעקנ, ארומגלעטנ זיי די בייכעלעכ, אָנהאָדעווענ זיי מיט מילכ.

בלויז מענטשנ האָבנ באוויזנ לויט זייער ווילנ צו באזעצנ דעמ אוראלטנ, גרייזגרויענ אוקראינישנ סטעפ מיט ניטגעהערטע אונ ניטגעזעענע נייע באלעכאימ: מיט פערדלעכ אינ פאסנ, מיט שרויפיק־הערנערדיקע קאנענ, מיט ריזנגרויסע ביזאָנענ, מיט שטרויסנ אונ סייגעס.

זיי ווילנ אלצ וויסנ, אויספרווונ, דערלערנענ, אויספרובירנ.

די פארגאנגענהייט איז פאר די מענטשנ א שטאפל איבערנ לייטער, וואָס פירט אינ דער צוקונפט.

דער געבורט פונ די האלב־פוקסנ, האלב־הינט האָט באשטעטיקט, אז דער דרייסטער געדאנק וועגנ שאפנ נייע באלעכאימ—דאָס איז ניט קיינ פוסטע פלוידעריי, ניט קיינ מעשוגאעס אונ פאנטאזיע, נאָר א ווירקלעכע מעגלעכקייט.

דער פראקטיקאנט האָט זיכ געלאָזט לויפנ אינ אינסטיטוט צו דערציילנ דאָס נייס, אונ באראָווסקי האָט זיכ געפאָרקעט באמ קוישל, ארומ די נייע איינוווינער פונ דער ערד.

דער אלטער שוטקע האָט דאָס אלצ ניט געוווסט, ניט פארשטאנענ. ער האָט בלויז געפילט, אז דער באלעבאָס בייזערט זיכ אפ אימ אונ האָט וועגנ אימ פארגעסנ.

שוטקענ איז עפעס געוואָרנ ניט באקוועמ צו ליגנ. ער האָט זיכ א צייט געדרייט, האָט שטיל געהוילט. דערנאָכ, מיט א באהאלטענער האָפענונג צו פארדינענ, מע זאָל אימ מויכל זיינ, איז ער ארויסגעקראָכנ פונ אונטערנ גאניק אונ אנ איינגעהויקערטער האָט ער אָנגעהויבנ קוקנ אפ די מענטשנ, אפנ קוישל.

דער באלעבאָס האָט אימ ניט באמערקט. ער איז געווענ פארנומענ מיטנ אָפוועגנ די נייגעבוירענע.

שווער טרעטנדיק אפ די לאפעס, איז שוטקע ארויס הינטערנ פליגל אינ סטעפ. דאָ האָט געבלאָזנ א ווינט פונ דער זייט פונ די שאָפ־שטאלנ.

אונ אונטערנ געזאנג פונעמ ווינט האָט שוטקע ווידעראַמאָל איַינגעדרימלט.

* * *

מע דארפ שוינ אָפּהיטנ די שאָפּ פונ א רעגנ. אינ איינציקע וואָכנ ארומ טרעט מענ שוינ צו צו שערנ זיי. וועלנ די שאָפּ זיכ אויסווייקנ אונטער א רעגנ, וועט זיכ די וואָל בא זיי צעפּארענ אונ וועט זיכ צונויפקלאפּנ אינ קנוילנ, אינ שטיקער, וועט זי פארלירנ די זיידעווודיקייט, דעמ גלאנצ.

באמ אטאגאס שעווטשענקאָ קומענ די שאָכ צומ שערנ שטענדיק אלע רייניקע, ווי אויסגעקעמטע.

ווער זשע, אויב ניט שעווטשענקאָ, זאָל ניט וויסנ, ווי צו באגיינ זיכ מיט דינוואָליקע שאָפּ?

איינמאָל האָבנ זיכ די פּאסטעכער געלאָזט מיט די שאָפּ אינ סטעפּ. זיי זיינענ נאָרוואָס אָפּגעגאנגענ פונ דער שאָפּ־שטאל. דער זיידע שעווטשענקאָ איז ארויס הינטער דער שטאל אונ האָט אפּ א קאָל אָנגעהויבנ צו הוקענ, רופנ די טשאבאנעס, זיי זאָלנ זיכ אומקערנ.

ניט גערנ האָבנ זיכ אומגעקערט די שעפּעלעכ אהיימ. זומער איז דושנע אינ שטאל, סע פּארעט, ווי אינ א באָד. שווער אָטעמענ די מערינאָסנ אונ די ענגלישע באראנעס—לינקאָלנ, באוואקסענע מיט לאנגער וואַרעמער וואָל. די מיַילער האלטנ זיי אָפנ, מאטערנ זיכ פונ היצ. אלע ריַיסנ זיכ צומ ארויסגאנג, אונטער די פענצטער; ציִענ אויס די קעפּ צו יעדנ שפּעלטל, ווי נאָר עס טוט א בלאָז דאָס שוואכסטע ווינטל.

גוט איז זיי אינ סטעפּ, אפדערפריַי.

אונ דאָ, נאָרוואָס ארויס, האָבנ אָנגעהויבנ פרייער אָפּצואָטעמענ, אונ שוינ,—ווידער צוריק אינ אָטאָ דער באָד.

עס שפּרינגענ שפּילעוודיק די צאפּעס, טרייסלענ מיט די בערד. זיי ווילנ זיכ ניט אומקערנ צוריק, אונ די שעפּעלעכ ליגנ, ווי צוגעקלעפּטע צומ גראָז, ניט אָפּצוריַיסנ זיי.

אונ דער אלטער אטאגאס הוקעט אלצ שטארקער, שריַיט, אונ זיינ „א־א־א״.—„א־א־א״ לאָזט זיכ הערנ איבערנ גאנצנ סטעפּ.

פליסן די שעפעלעך צו דער שטאַל. דער אַלטער נעמט זיי אויף, צע־שטעלט זיי איבער די געשטאַלן און ווייַזט אויפן הימל, ווי איינער רעדט — איר זעט, וואָס פאַר אַ כמאַרע.

ענדלעך האָט זיך פון סטעפּ אומגעקערט די לעצטע טשערעדע — די בעסטע, אָפּגעקליבענע הונדערט שטיק באַראַנעס. — אַלע — „ערנ״־מערי־נאָסן. בײַ יעדערן אויפן קאָפּ — געדרייטע רינגען פון די הערנער. יעדערער וועגט אַריבער צוויי הונדערט קילאָגראַם. בײַ יעדערן אין אויער דורכ־געצויגן אַ שטריקל מיט אַ מעדאַל. „אַסקאַניער עליט־טשערעדע״.

מיט אַזאַ עליטע שטאָלצירט דאָס לאַנד.

די שעפעלעך ליגן, ווי ציגעלעפּטע צום גראָז



דער אטאגאס האָט געוואַרט, ביז זיי זיינען געקומען. ער האָט זיי איבערגעציילט, דורכגעקאָנטראָלירט און אוועקגעשטעלט אפ אן אָרט אין שטאַל.

קוים באַוויזן צו באַהאַלטן די שאָף,—און דער סטעפּ האָט זיך איינגעהילט אין פינצטערניש. וויַיטע בליצן האָבן פון צייַט צו צייַט דורכגעשניטן די פינצטערניש.

דער זיידע איז געשטאַנען אפ דער שוועל פון שטאַל, האָט זיך מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר־ראַם און האָט געטריבן קאַטאָוועס מיט די טשאַבאַנעס.

דער אַלטער וועט זיך ניט לאָזן כאַפּן. ער האָט ניט קיין באַראָמעטער, קיין טערמאָמעטער, אָבער ער פילט דעם וועטער, ווי א האָן.

פּלוצים האָט א בליץ געטאָן. א דונער האָט א קנאַק געטאָן, און דער זיידע איז אַנידערגעפאַלן אפ דער ערד.

— שעווטשענקאָ איז דערהאַרגעט! א דונער האָט געטראָפן דעם זיידן; דערהאַרגעט דער אטאגאס. דערהאַרגעט!—האָבן געשריגן די טשאַבאַנעס.

זיי האָבן אופגעהויבן דעם אטאגאס, האָבן אים אוועקגעטראָגן פון דער שטאַל, אוועקגעלייגט אפ דער ערד און האָבן זיך גענומען גראָבן מיט גרוב־אייַזנס א גרוב, באַשיטן דעם אטאגאס מיט ערד.

אוי, איז דאָס אַלץ ניט געהאָלפן שוטקען.

די טשאַבאַנעס האָבן אַרומגעלייגט שעווטשענקען מיט ערד און האָבן זיך אומגעקערט צו דער שטאַל.

אָבער שוטקע האָט ניט געקאָנט אזוי לאָזן דעם באַלעבאָס. ער איז צוגעלאָפן צו אים, האָט אָנגעהויבן צעוואַרפן דאָס בערגל און האָט געריטשעט פון אופרעגונג.

פּלוצים האָט זיך דער לעבעדיק־געוואָרענער שעווטשענקאָ אופגעהויבן פון דער גרוב. ער האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט מיט די הענט א טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ, האָט א גלעט געטאָן דעם הונט און האָט זיך שוין געוואָלט ווידער אוועקלייגן. אָבער ער האָט א קוק געטאָן אפ דער שטאַל און האָט ווילד אויסגעשריגן.

— ראטעוועט!.. צוהילפ!.. די שעפעלעכ!..

די שטאל האָט געפלאקערט, ווי טרוקענע קאָרע.

פלינק איז דורכגעפלויגנ פארביי די טשאבאנעס דער אלטער אטאגאס.

— די עליט־טשערעדע!—האָט ער לויפנדיק געשריגנ—ראטעוועט די עליט־באראנעס!

אונ דורכנ פייער—גלייכ אינעמ רויכ פונ שטאל.

אונ ווער נאָכנ זיידנ נאָכ?

דער ערשטער האָט זיכ אפ קיינ אויגנבליק ניט אָפגעשטעלט שוטקע, ער האָט גלייכ א שפרונג געטאָנ נאָכנ אלטנ.

דעמאָלט האָבנ זיכ שוינ אויכ א וואָרפ געטאָנ אלע טשאבאנעס.

וואָס דאָ האָט זיכ אָפגעטאָנ אינעמ שטאל!

דער לעבעדיק־געוואָרענער שעוטשענקאָ האָט געכאפּט פאר די הערנער די גיייוועדיק־שטאָלצע עליט־באראנעס, האָט זיי געשטויסנ מיט די פיס, האָט זיי אונטערגעשטופט, האָט זיי געשלעפט צומ פייער, אונ האָט זיי איבערנ פייער ארויסגעשליידערט.

שוטקע האָט דרייסט אונ פלינק געהאָלפנ דעמ אלטנ, האָט געטריבנ די שאָפ. אונ זיינע זיי ניט געגאנגענ, האָט ער זיכ אייַנגעבויגנ זיי אינ די ליטקעס.

איינער אליינ, אָנ דער הילפ פונ מענטשנ, האָט ער ארויסגעטריבנ פונעמ ווינקל ביז הונדערט שטיק נארישע שאָפ. ער האָט א קנאק געטאָנ אפ זיי מיט די ציינ, האָט א ריטשע געטאָנ, אונ זיי האָבנ זיכ אינ איינ שרעק דורכגעטראָגנ דורכנ פייער פונ דער ברענענדיקער שטאל.

אינ שטאל איז געבליבנ מער ניט ווי איינ מערינאָס, אָבער וואָס פאר א מערינאָס!

דאָס איז געווענ דער „הונדערט ביינטער". ער האָט געהאט צוויי מעדאלנ. איז שוינ געווענ ארויסגעשטעלט אפ א שאָפ־אויסשטעלונג אינ דייטשלאנד. די בעסטע שאָפ־ליניע אינ פ.ס.ר.ב.—דאָס זיינענ אלע געווענ זינ פונעמ „הונדערט ביינטנ".

מע האָט אימ געשאצט אינ פיל טויזנטער. אונ אזא טשעמפיאָנ האָט

זיך פארוקט הינטער א קלאָץ, האָט געטרייסלט מיט די הערנער און האָט בעשומויפן ניט געוואָלט ארויסגיין פונעם ווינקל. ער האָט זיך שטארק איבערגעשראָקן.

און די שטאַל האָט זיך שוין דורך און דורך געלויכטן. זי האָט אינ־גאנצן געקנאקט, זיך געשאָקלט, ווי מע וואָלט זי רירן פון אָרט. אָט־אָט פאלט איַין דער דאך.

דער אטאַגאַס האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע קויכעס. אָבער די פופצן פוד פונעם באראַן האָבן איַינגעשפּארט געריסן צוריק.

אינעם ביטערן רויך האָבן די מענטשן ניט געזען איינער דעם אנדערן.

די טשאבאנעס האָבן איינער נאָכן אנדערן פארלאָזט די ברענענדיקע שטאַל. בלויז דער אטאַגאַס מיטן באראַן, שטיקנדיק זיך פונעם רויך, האָבן ניט אויפגעהערט צו קעמפן אינעם ווינקל.

אין דעם מאָמענט איז אף שוטקען ארויפגעפאלן א שטיק ברענענדיק האָלץ. ער האָט אָנגעהויבן הוילן פון ווייטיק. די האָר אף זיַין לײַב האָבן זיך אָנגעהויבן צו רויכערן. ער האָט געוואָלט פארלעשן און האָט זיך גע־וואָרפן קײַקלען איבערן דיל. אָבער דער גאנצער דיל איז געווען באשאָטן מיט הייסע קוילן.

בא שוטקען האָבן אָפּגעברענט די וויִעס און די ברעמען. די לאַפּעס האָבן אים פון דער היץ דורכגעברענט ביזן פלייש.

און אין דעם מאָמענט האָט ער דערהערט א קאָל:

— אנו, שוטקע, העלף באַר! אוס, אוס! אנו! אנו, שוטקע!

שוטקע האָט גלײַך אינגאנצן פארגעסן אָנעם ווייטיק, האָט זיך א וואָרף געטאָן דעם באראַן אפן רוקן, האָט זיך אײַנגעביסן אין אים. דער באראַן האָט זיך א ריס געטאָן, און אלע דרײַ זיינען ארויס אף דער פרײַ פונעם פײַער.

גלײַך נאָך זיי איז אײַנגעפאלן דער דאך. אָפּגעבריטע, אָפּגעברענטע מענטשן האָבן צו זיי עפּעס געשריגן, האָבן געלאכט, זיך געפרייט.

און דער אלטער מיטן הונט האָבן א פאַל געטאָן נעבן דער גרוב.

מע האָט זיי באַשאָטן מיט ערד. די פײַכטע ערד האָט לײַכטער געמאַכט דעם שרעקלעכן ווייטיק פון די פײַער־ביסן.

* * *

די לאַפּעס האָבן זיך אַ שטאַרקן וואָרף געטאָן, פּונקט ווי שוטקע זאָל ערגעץ לויפן אין כאָלעם. דער הונט האָט אַ ביל געטאָן, דערנאָך אַ ברום געטאָן און האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

איבערן סטעפּ האָט געשײַנט אַ ריינער דורכזיכטיקער פרימאָרגן. דער טוי האָט אויסגעטריקנט, און כוואַליעס שטראַלן האָבן זיך צעגאָסן איבערן סטעפּ.

די טשערעדעס זײַנען געגאַנגען פּאַשען זיך.

טשאַטעס פייגל האָבן זיך געטראָגן איבערן פּאַרק.

שוטקע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אינעם הינט־שטאַל, האָט אָפּגעשמעקט אַ וויזיט בעליאַנקעס און האָט זיך געלאָזט איבערן וועג צום יִשעוו.

באָראָווסקי האָט אינדערפרי ארומגעקוקט די גאַנצע ווירטשאַפט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָר הינטלעך די טשאַבאַנעס צו די שטאַלן. —

— זיי וועלן זײַן גוטע הינט. ניט אַזוי ווי שוטקע, אָבער דאָך גוטע, גוטע הינט. אַגעוו, וווּ איז דער אַלטער? איך האָב אים פון נעכטן אָן ניט געזען.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן שוטקען און האָט זיך אָנגעהויבן אומ־טערן גאַניק.

און ווען ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, איז צו אים צוגעגאַנגען דער גרויער הונט. ער האָט פּאָרזיכטיק געהאַלטן אין די ציין די צײַטונג, אין וועלכער עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ: „דער אינטערעסאַנ־טער פּרוּוו צו היבּרידיזירן פוקסן מיט הינט האָט זיך, ווי עס ווײַזט אויס, פּאַר־ענדיקט מיט דערפאָלג. דרינגענדיק דורכן טעלעגראַף האָט מען אונדז נעכטן מיטגעטיילט, אַז אין אַסקאַניאַ־נאָווא זײַנען נעכטן געבוירן גע־וואָרן די ערשטע פוקס־הינט. אין די נאָענטסטע טעג וועלן מיר וועגן דעם ברענגען אויספירלעכע ידיעות."

א י נ ה א ל ט

די געשיכטע פונ איינער א נאכט 3
א האָרבאט קיִעלע 22
דער קליינינקער העלפאנט 34
וואָלאָדקעס פאמיליע 51
דעמ זיידנס פידזשאקל 67
פרזשעוואלסקיס פערד 82
די ווילבערנ מינע 90
ווי אזוי די וואָנצנדיקע כאיע האָט געהאלטנ עקזאמענ . . 99
פערדלעכ אינ פאסנ 122
שווערע הארמאטנ 142
די אפריקאנער אפ אוקראינע 168
יאסלעס פאר שטרויסלעכ 170
די שטרויסנ האָבנ אָנגעהויבנ הודזשענ 172
ריזנ־קאָטליעטנ פונ שטרויסל „מאלישי" 175
מעשוגענע טענצערס 181
ווי אזוי „די הויכע" האָט געפונענ אַ נייִע שפייַז 185
א כוואט איז אונדזער פאָטער 190
די מישפאָכע וואקסט 192
די ערשטע שפאצירנ 195
אויסגעוואקסנ 199
זאָלנ לעבנ די זיגערס 204
שוטקע 208

Видруковано з матриць, виготовлених в друкарні ім. Фрунзе в м. Харкові.

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літопису Українського Друку", „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати.

Одобліт № 1040. Уповнов. Головліта № 3927. Замовл. № 43. Тир. 3000. $14\frac{3}{4}$ друк. арк. 11,2 авт. листа. Формат паперу 72×110 $\frac{1}{20}$. Підписано до друку 10-IX 35 р. Чергове видання № 132.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.

פּרײַז 2 ר. 50 קאָפּ.

אײַנבינד 50 קאָפּ.